ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# טל השמים

## על ל"ט מלאכת שבת
## בלשון הקודש
## ואידיש

**61**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ד לפ"ק

ספר

# טל השמים

כולל

דיני אבות מלאכות ארבעים חסר אחת תולדותיהן ושבותיהן, אשר לקטתי ואספתי ממקומות המפוזרים בש"ע השייכים לענינים האלו ומרמב"ם ומפסקי האחרונים. העתקתי אותם בלשון יודיש למען יבינו כל העם פירוש הקרא דלא תעשה כל מלאכה. וכתב הרמב"ם ז"ל בהקדמתו ליד החזקה דלכך נכתבה הגמרא בלשון ארמי מעורב עם לשונות אחרות לפי שאותה הלשון היתה ברורה לכל אנשי שנער בעת שחוברה הגמרא, וכן מבואר להדיא בספר חסידים סימן תשפ"ה דלכך כתבו התלמוד בבבל ובא"י בלשון ארמי כדי שידעו את המצוות אפילו ע"ה ולכך הי' מתרגמין בעת קריאת התורה. ועיין בהקדמת המעתיק פי' הרמב"ם מסדר נזיקין שהגאון רבינו חנוך פירש כל התלמוד בלשון ערבי, וכן עשו הגאונים והרבנים חבוריהם ופירושיהם בלשון ערב, עיין שם.

כ"ז חובר ממני

בחסדי השי"ת

ישעי' בהרבני המופלג מוה"ר שמואל סג"ל בראט זלה"ה מלוביטש

העומד על משמרת הזבח פה"ק לאנדאן יצ"ו.

שנת ושמרתם את שבתותי לפ"ק

געדרוקט ביי י. נאראדיצקי (טרייד וניאן), 48 מייל ענד רויד, איסט.

## אזהרה.

כל אדם יכול לאסור את שלו, ע"כ הנני אוסר באיסור גמור ומזהיר בגזירות נח"ש שלא להדפיס את הספר הזה טל השמים הן במדינה זו והן במדינה אחרת, הן בלשון יודיש, וכן בכל לשון בלי רשותי והורמנא ממני, וגם שלא לעשות בערמה ולהדפיס מקצת. מובטחני כי שארית ישראל לא יעשו עולה, ולהשומעים יונעם ותבא עליהם ברכת טוב ויעלו על במתי ההצלחות!

# הסכמות.

## הסכמת הרה"צ בוצינא קדישא, בנן של קדושים אדמו"ר יעקב ארי' שליט"א.

בעזהש"י.

ראה ראיתי מעשי ידי אומן מופלא ספר טל השמים אשר איזן וחיקר הרה"ת מופלא ומופלג בתוי"ר וכו' כש"ת מו"ה ישעי' הלוי בראט נר"י, שו"ב דפ"ק, פעל ויגע ומצא דאתי לידי' משמע כל הדינים הנחוצים באיסורי הל"ט מלאכות של שבת, הן ותולדותיהן המובאים בש"ע או"ח במקומות מפוזרים אנה ואנה, והוא קיבצם וסידרם באופן נאות כל אחד על מקומו הראוי לו והכל עשה אדם ישר דבר בעטו להעתיקו אל לשון המדובר בינינו הנקרא אידיש, למען יוכלו להגות בו גם אנשים שאינם בני תורה, כי שבת לכל מסורה, וגם הוסיף כמת דינים נחוצים משו"ת האחרונים אשר מימיהם אנו שותים, וגם העיר הערות נכונות שראויות לנתינת לב, ומי לא יאמר בפה מלא כי טוב עשה הרהמ"ת הנ"ל לזכות את הרבים מבלי יכשלו ח"ו באיסורי שבת החמורים מאד, וכמה הפליגו רז"ל בגודל שכר שומרי שבת עד שאמרו כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשי בראשית, אי לזאת אמינא לפעלא טבא יישר כחו של הרהמ"ת הנ"ל, ומצוה גדולה מאוד להביא ספרו הנ"ל לבית הדפוס לחלקו ביעקב ולהפיצו בישראל, ואמרו רז"ל במד"ר אין ישראל נגאלין אלא בזכות השבת ע"כ כל איש ואשה אשר יראת ד' נוגע בלבם לא ימיש הספר תיקר הזה מביתם, ויהגו בו תמיד עד שיהי' כל דיני שבת שגור בפיהם וישמרו השבת כהלכתו, ובזכות זה נזכה לביאת משית צדקינו, ונודה לשמו שיר חדש על גאולתינו ועל פדות נפשינו בב"א. וע"ז באעה"ח יום ד' לסדר ושמרתם את השבת תרפ"ט לפ"ק. הכ"ד המצפה להרמת קרן התורה וקרן ישראל במהרת.

הק' יעקב ארי' בן א"א הה"צ הרמ"ז שליט"א טווערסקי.

---

## הסכמת הרה"ג המפורסם חריף ובקי וכו' ר' יעקב רבינוביץ, רב ומ"מ דק"ק בדולסטון.

ב"ה.

הן הראני השו"ב המופלא ומופלג יר"א ותמים הר' ישעי' הלוי בראט דפה כתבי מעשי ידיו אשר עמל ויגע וטרח לאסוף ולקבץ ולסדר כל הל"ט מלאכות שבת ולהעתיקן לשפה המדוברת בעמינו שפת אידיש, לזכות הרבים, הנשים וההמונים שנכשלים בלא ידיעה באיסורי שבת החמורים מאד, ולזה העתיקם לשפה קלה המובנת לכל, ומלאכה גדולה עשה באסיפת הדינים הנחוצים והרגילים ובסדרם כ"א על מקומו, וגם העיר הערות נכונות בכל מלאכה שראויות לנתינת לב אף ללומדים, וגם הביא חדושי דינים מגדולי האחרונים, ורצונו לאדפוסי אדרא לזכות הרבים, ולזה אמינא לפעלא טבא יישר וראוים הם כתביו להוציאם לאור ומצוה גדולה לחזק ידיו ולתמכו, ואקוה כי כל איש ירא וחרד יקח הספר הנ"ל בביתו והי' בעזרו להפיצם בישראל, וזכות המצוה יעמוד לכל העוזרים והתומכים לזכות לראות בהרמת קרן התורה בשובינו לציון ברנה, וע"ז הנני בא עה"ח היום יום ה' לס' „שמן זך", תפר"ט לפ"ק, פה לונדון.

נאום יעקב רבינוביץ,

חופ"ק דולסטון.

## הסכמת הרב הגאון המפורסם חריף ובקי וכו' צבי הירש במהרי"ל פערבער, רב ראשי למערב העיר פה לונדון הבירה.

שמחתי לראות פעולתו הקדושה ותרצוי' של האי גברא יקירא, מופלג בתורה, וביראת ה' טהורה, איש חמודות, במעלות ובמדות, כש"ת הר"ר ישעי' הלוי נ"י, אשר העיר ה' את רוחו לחבר ולסדר בתבונה ובדעת כל הלכות שבת, ל"ט מלאכות ותולדותיהם בשפה המדוברת צחה וברורה, והוא ספר נחוץ שוה לכל נפש, לאנשים פשוטים וגם ליודעי תורה להזכירם כמה הלכות נעלמות, (ומאד ידאב הלב על איזה מקומות שלא יקפידו לחלק התמנות של כבוד בהנהגות הצבור, וכן משרות כלי קודש, דוקא לאנשי אמונה שומרי ש"ק כראוי. וזה גורם הריסת הדת רח"ל). ואתם זרע קודש קחו לכם בכסף מלא את הספר היקר הזה להגות בו ולהביא ברכה אל בתיכם, לבניכם ובנותיכם, בכל מקומות מושבותיכם, ותזכו לשוב ברנה לארץ אבותיכם, כעתירת הכו"ח טו"ב אד"ר „ברכת כל טוב" לפ"ק פה לונדון הבירה וו. ע.

**צבי הירש במהרי"ל פערבער.**

חופ"ק הנ"ל, בעהמח"ס „כרם הצבי" ג"ח, ועוד.

---

## הסכמת הרה"ג המפורסם, חריף ובקי וכו' ד"ר רבי אביגדור שנפלד שליט"א, רב דק"ק עדת ישראל פה לונדון.

ראיתי גליונות אחדים מן הספר היקר „טל השמים" אשר אסף וחבר האי גברא יקירא מו"ה ישעי' סג"ל בראַט נ"י, עוסק במלאכת הקדש פה ק"ק לונדון. המעוט שראיתי יעיד על הרוב כי מקיפין בכשרות וחזקתו שכלו טהור, ממתקים למבקשי בינה, זו הבנת וידיעת פרטי דיני שבת ק' אשר הם כהררים התלוים בשערה, ואין קץ לסעיפי סעיפיהם. ואם גם לת"ח קשה להזהר על כל צעד וצעד מחשש חלול שבת ח"ו מה יעשו עזובי דעת, ההמון הפשוט אשר אין ספר ערוך לפניהם להגיד להם מה לעשות בכל דבר ודבר קטון וגדול. לכן גדולות עשה המחבר היקר נ"י וזכות מצוה זו לזכות את הרבים בשמירת שבת ק' ולהזהירם על כל חלקיה ופרטיה, וכל אשר יעמדו לימינו לעזרו להוציא לפועל את מחשבתו היקרה עליהם תבוא ברכת טוב.

כ"ד הכותב לכבוד ה' ולכבוד קדושת שבת ק' סגולת ישראל.

בעה"ח יום ה', כ"ה אדר א', תרפ"ט.

**אביגדור שנפלד, חופק"ק הנ"ל.**

---

## הסכמת הרב הגאון המפורסם חריף ובקי וכו' צבי זאב וויינבערג. רב דביהכ"נ סטפני ארטאדאקס.

הנה בא אלי השו"ב המופלג חו"ב יא"ב כו' כש"ת מוה"ר ישעי' ב"ר שמואל הלוי ז"ל, וספרו טל השמים על ל"ט אבות מלאכות דשבת בשפה המדוברת בידו, ומהמקצת אשר עיינתי בו ראיתי כי ברכה בו, כי הוא מלקט נפלא מכל הראשונים עד האחרון מהאחרונים, ומה נחוץ הדבר בזמנינו אשר הרבה בע"ב פשוטים אף כי הם מיראי ד' בכ"ז עוברים על כמה לאוין ואיסורין דרבנן מאי ידיעתם, ע"כ גם ידי תכין עמו שידפיס את ספרו לזכות את הרבים, ואקוה כי כל איש ירא וחרד יקח את הספר לביתו ויהיו בעזרו להפיצם בישראל, ולמותר להזכיר את איסור הסגת גבול, כי בטח שארית ישראל לא יעשו עולה, וזכות המצוה הגדולה יעמוד לכל המחזיקים בו להרמת קרן היהדות, והנני בא עה"ח.

**נאום צבי זאב וויינבערג, הרב דסטעפני.**

## הסכמת הרב הגאון המפורסם חריף ובקי וכו' מרדכי הכהן גוטניק.
### רב דביהכ"נ אָלד קאסעל סטריט.

בעז"ה י"ט אדר א', תרפ"ט.

שמח לבי לראות מעשי ידי אמן מלאכה שיש עמה חכמה המחברת „טל השמים" שאסף וקבץ ולקט והעיר הרת"ח הנכבד ומאד נעלה חרוץ ושנון, איש תבונות ויר"א וכו', כש"ת מוהר"ר ישעי' הלוי יחי' ברות, שו"ב דפה לונדון.

מן המעט שהספקתי בזמן קצר מאד לעיין במחברת זו, הכרתי את המרץ הרב והשקידה הגדולה שהשקיע המחבר הנעלה הנ"ל בעבודה זו, ואת הכל עשת יפה בעטו עט סופר, לסדר את כל ההלכות המסתעפות מט"ל מלאכות ומדיני מוקצה, עפ"י סדרן הערוך במשנתינו, ואפריון נמטי' שהעריך את הדברים בשפה המדוברת בלשון צח וברור, והי' כל מבקש דבר ה' זו הלכה ימצא מבוקשו בספר הזה, וכבר האריך השל"ה הקדוש זי"ע להזהיר שמחויב כל אדם ללמוד כל דיני שבת אשר הם כהררים התלוים בשערה, ובחבור הזה השוה לכל נפש, ירוץ הקורא בו למצא כל דין המבוקש במקומו, וגם שוחרי תושי' ישמחו בו, כי ימצאו בו טעם כעיקר בנטפי הטל אשר מסביב למחברת אשר העירותי לאחדים מהם.

ואמינא לפעלא טבא יישר חילו, וברוכים יהיו כל מסעדיו ותומכי ידיו ואשר יכניסו את הספר הזה לביתם ללמוד בו דיני שבת, שכל השומרו ומענגו זוכה לנחלת יעקב ולברכתו מטל השמים, השלום והחיים.

החותם למען כבוד התורה ולומדי'

**מרדכי הכהן גוטניק,**

בגולה פה לונדון יע"א.

---

## הערה מהר"ה הגאון ר' צבי הירש פערבער

בעזהי"ת טו"ב אד"ר תרפ"ט.

כבוד ידידי הרה"ח איש חמודות ר"י הלוי שליט"א.

מה שכתב כת"ר כי מחלל שבת בפרהסיא נקרא אם עשה זה בפני עשרה מישראל, או אם יודע שסופו לתתפרסם, אמנם כן הובא ברמב"ם סוף הל' שבת, ראיתי בספר לב ארי' על מסכת חולין דף י"ד ע"א בתוס' ד"ה השוחט בשבת וכו' כתב דהתוס' ס"ל כדעת המרדכי דמחלל שבת בפני ב' אנשים מישראל מיקרי ג"כ בפרהסיא כיון דמפקיר עצמו ואינו חושש משום אדם, וכן אפילו במחלל שבת בפני א' מישראל מיקרי בפרהסיא וא"צ עשרה דוקא, וכן כתב בס' באר יצחק על מסכת חולין דף י"ד בשם הגאון האמתי רבי מרדכי בנעט זצ"ל בספרו מגן אבות בסוגיא דהשוחט בשבת חולין י"ד דס"ל להתוס' דגם בשוחט בפני ב' או אפילו בפני א' הוה בפרהסיא, והארכתי בזה בספרי „כרם הצבי" ח"ג דף רנ"ו.

ומפני הטרחה קשה לי להאריך, אברכו בהצלחה וכטו"ס מאדה"ש ידידו מו"מ

**צבי הירש פערבער, חופ"ק הנ"ל.**

### וזאת אשר השבתי:

לכבוד הרב הגאון המפורסם חריף ובקי חכם חרשים כש"ת מוהר"ר צבי שליט"א

בעהמח"ס „כרם הצבי".

הנה בדבר מה נקרא מחלל שבת בפרהסיא, מצאתי בספר דרכי תשובה יורה דעה סימן ב' ס"ק ע"א דעות שונות. בשם באה"ט ופת"ש דבפרהסיא היינו עשרה מישראל ובשם ספר דעת תורה דגם הוא מצטרף לעשרה, ובפלתי העלה לשיטת הרמב"ם

והמרדכי דגם בפירסום בעלמא סגי גם בפחות מעשרה, ועי' בשו"ת מהר"י איסר חיו"ד ס"ח, ובשמ"ת סימן ב' סעיף ט"ז ותב"ש ס"ק כ"ז דאפי' אין הדבר בפרהסיא אלא שידע שיתפרסם הדבר הו"ל כאלו עשה בפרהסיא, ובישועות יעקב בפיה"ק כתב ונראה דאם יש שני עדים כשרים שיעידו עליו שהי' עושה הדבר לפניהם ואפי' עושה בינו לבין עצמו רק שידע שיתפרסם הדבר חשוב כמו בפרהסיא, ובספר תורת חיים בחידושיו לעירובין דף ס"ט כתב דאם הוא בוש לפני אדם גדול ונמנע מלחלל שבת בפניו אפי' עשה בפני עשרה הוי רק מחלל שבת בצינעה ע"כ. וראיתי בספר מגן אבות שכתב סברה זו כספר תורת חיים ודחה בדרך אפשר הסברה הראשונה להיות נקרא מחלל שבת אף בעדות אחד מטעם דהתם בלא"ה היו רואין הרבה בני אדם ע"כ.

דברי הכותב דו"ש כ"ת

ישעי' בר"ש ז"ל.

---

## הערה מהר"ה הגאון ר' מרדכי הכהן גוטניק.

בעז"ה.

### א.

מה שהעיר על מה שהקדימה המשנה דין מכבה למבעיר ורצה לתרץ דהמשנה רמזה בזה להמנהג דהבעל מדליק ומהבהב הפתילה, אף שיפה כון אבל קשה להעמיס זאת בכונת המשנה ושאני משנה דעל שלש עברות שהיא כל עצמה מוסר, אבל משנה דכלל גדול שייך לדינא, ומלבד רמז יש גם פשט, ובכלל מי מכריחנו לומר דההבהוב הי' סמוך להדלקה, ובמו"כ מה שרצה לתרץ עפ"י דברי התוספ' שבת צ"ד יהי' עדיין קשה דגם להיפוך אפשר לטעות דמבעיר דוקא כמכבה, ולכן י"ל דהמשנה באה להשמיענו כמ"ד דמשאצל"ג פטור וכתוס' שבת ל"א ע"ב ולכן הקדים מכבה למבעיר לומר דדוקא מכבה ע"מ להבעיר חייב ולכן הוי כסדר דמתחילה האדם מבעיר ע"מ לעשות פתילה, ועל הבערה זו לא חייב, ורק על הכבוי ואח"כ על הדלקת שני' שהיא לצורך.

ובזה יש לישב מה שתמו האחרונים על הרמב"ם ז"ל שבפי"ב מהל' שבת שינה מלשון המשנה והקדים מבעיר, ולהנ"ל ניחא דכיון דהרמב"ם בפ"א מהל' שבת פסק כר"י דמלשאצל"ג חייב, ולכן אפילו מכבה שלא על מנת להבעיר חייב, שוב ראיתי שהפנ"י העיר בזה ותירץ באופן אחר.

### ב.

לענין לסמוך בעץ בחלש, הביא בשם מחצית השקל, והדבר מבואר במ"א ס"ק ט"ו והוא מהג"א מאו"ז, וכן הוא בירושלמי ביצה פ"ה ה"ב.

### ג.

לענין היתר חליבה ע"י עכו"ם משום צב"ח, המג"א בסי' ש"ה הצריך אפילו בעכו"ם לחלוב לתוך אוכל, ומה שכתב שהחלב אסור לשתות, גם לטלטל אסור וכמ"ש אדמו"ר הזקן בקו"א סי' ש"ה אות ב', ותו כתב שם דהוי נולד גמור דדמי למיא בעיבא מיבלע בלועי.

### ד.

לענין מעמר במלח עיין רש"י שבת ע"ג ע"ב, ועיין פמ"ג סימן ש"ד מש"ז סעי"ק ה' דחייב, ועיין בשער המצות למהרח"ו פ' עקב כתב דהנוטל מלח ממחצבתו ה"ז תולדת קוצר.

## ה.

מה שהעיר לענין רושם, י"ל דהלשון דר' יוסי שרט שריטה אחת ע"כ הכונה רשימה בעלמא ולרמב"ם אפילו ת"ק דר' יוסי רושם תולדת כותב, ותו דלפעמים הוי כותב ממש ברשימה שעל שני זיינין וכדומה.

## ו.

תירוצו על תמיהת התו"ח על התוי"ט אינו עולה יפה, דא"א לומר דכונת הרא"ם שאינו מחויב בקושר דתופר, משום דמיירי בקשר שני ראשי החוט יחד, דהלשון ברא"מ הוא לא כן וכן הרמב"ם בפ"י מהל' שבת כתב: והוא שקשר ראשי החוט מכאן ומכאן, ובכלל מה יועיל בתירוצו זה הלא כל עיקר הערת התו"ח הוא על מה שהעיר התוי"ט לשיטת הב"י, והב"י כתב מפורש דלכן לא מחייב משום דעשה קשר אחד, וזה לא נקרא קשר לדעת הב"י, אלא שבכלל צ"ע דברי התוי"ט בזה, מה שהקשה על הב"י מהא דחלתא, דהלא הרמב"ם פסק בפ"י מהל' שבת דביותר מב' תפירות חייב אפילו לא קשר, וא"כ אי חייטי לפומי', הלא יש יותר מב' תפירות, ולכן חייב גם על התפירה וגם על הקשירה.

## ז.

מה שהעיר על דברי הגה"ק מברדיטשוב זי"ע הלא דברי הקדוש נכונים למדי, דכונתו אם כתב בשני ספרים וא"א לקרבם, כגון שכתובים באמצע הספר, דאז אין מצטרפין, ודייק הגאון ז"ל בדבריו וכתב וכן בכותב ב' אותיות בשני ספרים, ולא כתב בב' מקומות כדלעיל, דאמנם לא שכח דינא דגמרא אלא דאם כתב בב' ספרים באופן שא"א לקרבם, וכדברי הירושלמי שם, תפתר בסיד דק שאפשר לקרבם, וכן בגמרא (שבת ק"ד) על שפת לוח וכו', וזה ברור ופשוט.

## ח.

מה שכתב בסעיף כ"ו ממלאכת קוצר לענין אם תלש כנף או רגל מזבוב או חתיכת בשר מבע"ח חייב, אמנם כן הוא דעת הירושלמי, אבל בש"ס בבלי מבואר להיפוך וראי' מגמרא עירובין ק"ג לענין יבלת דהוי רק שבות, וכבודו ציין בכלכלת שבת, והגאון הנ"ל ציין שבת ק"ז, ולא נזכר שם בגמרא רק לענין עבור שבמעי בהמת, ועיין רש"ש עירובין ק"ג דרק בדבר המחליף שייך גוזז או קוצר, ועיין שמ"ק כתובות ז', ועיין שבת ע"ד ע"ב גבי התולש כנף דחייב ג' חטאות ולהנ"ל הלא חייב ד'.

## וזאת אשר השבתי:

לכבוד הרב הגאון וכו' שליט"א.

הנה בדבר שאינו נוגע להלכה אחריש מפני הכבוד והמעיין יעיין, אבל בדבר שנוגע לדין אשיב בעצמי מפני היראה. הדין של היתר חליבה ע"י נכרי ניכפל בחיי אדם בכלל י"ד מהלכות שבת וכלל נ"ט ובספרו זכרו תורת משה בדין שביתת בהמתו ס"ז וכן בקיצור שלחן ערוך ס' פ"ז ובספר ערוך השלחן, ולא נזכר בכל מקומות הללו הדין שצריך לחלוב לתוך אוכל מחמת פשטות הדבר, ואודות איסור טלטול כבר ערכתי לחלב מקום הראוי לה בין שאר מוקצות בחיבורי המיוחד לזה מותר השמן סעיף ד'.

שלום וברכה,

ישעי' בר"ש ז"ל.

# הקדמה.

ב"ה.

**אודה** לד' שהביאני עד כה ללקט ולחבר חיבור בהלכות שבת אשר דימו אותן חז"ל להררים התלוים בשערה, (חגיגה ד"י), ועיין בירושלמי שבת פ"ז ה"ב ר' יוחנן ור' שמעון ב"ל עבדין הוויי בהדא פירקא תלת שנין ופליג אפקין מיני' ארבעין חסר אחת תולדות על כל חדא וחדא, פירוש שהי' עוסקין שלש שנים ומחצה בפרק זה ומצאו ל"ט תולדות לכל אב מהאבות מלאכות. ואפתח במשל פי ובחידה קטנה כיצד העני עומד בחוץ (שבת א') לפתח בית של בן זומא (ברכות נ"ח) ומצא שם כל אומניות שוקדות ובאות וכמה מלאכות מתוקנים וצובע ותופר (בתוספתא פ"י) ופשט העני את ידו למשמש בהן ולדקדק עד מקום שידו יד כהה מגעת וידות אתיין מדרשא וכיון דאתיין מדרשא חביבא לי' (נדרים ג' ע"א ויבמות ב' ע"ב). ודרש הגאון ר' יצחק אלחנן מקאוונא ז"ל על הגמרא שבת קי"ח כל המשמר שבת כהלכתו וכו' מוחלין לו כל עונותיו ולא קאמר כל השומר, שאין די שישמור האדם בעצמו את השבת רק צריך לראות שגם אחרים ישמרו אותה, ואם ישאל השואל שאלה בבעלים שהוא פטור ומותר כמו צידת צבי וצידת נחש וכו' (שבת ג') מה לך לזרז אחרים אם עוד לא תקנת את עצמך? על זאת אשיב המשל מהגאון ר"ר יונתן זצ"ל בספרו יערות דבש ח"א דרשה י"א בתוכחתו הנעימה למשל יריד לייפציג שבה מקיפים לכל הסוחרים הדרים במקום אחר ובזמן יריד שני צריכים הם לפרוע והיתה עיר אחת והי' בה כמה סוחרים שהי' בע"ח למקיפים הנ"ל ואחד הי' שלא הי' סיפוק בידו לשלם ליריד המוגבל ומה עשה הי' נוגש ומזכיר לכל שאר סוחרים שיזכרו יום יריד הנ"ל וצריכים לעמוד בפרוע פרעות כי השעה צריכה לכך לא ישקוט ולא ינוח עד אשר הסוחרים באים ליריד הנ"ל איש צרור כספו בידו והוא לא נסע ואמר אמתלא שיבוא לשם אחר איזה ימים כי מצפה להשיג עוד מעות ובבואם לחנוני המקיף ההוא ושאל הסוחר אותן אי פלוני, הגידו לו בוא יבוא לכאן וסיפרו לו כמה הזכרות וזירוזים עשה לנו איש פלוני ההוא לפרוע לך בזמנו ממש יום ולילה לא נתן לנו מנוחה. ויתמה החנוני ההוא למאוד ובבוא האיש הזה לחנוני בקש ממנו הרחבת זמן כי כעת הזמן בגד בו ואין בידו עתה המעות עד פעם אחרת והפציר בו לבל ישים עליו עון כי לא במרד הוא כי לא הי' באפשרות לאסוף כעת הון בחפזו, והגיד לו אדרבה אני זרזתי לכל הסוחרים באזהרה אחר אזהרה לבל יעבור זמן ואף אני אוחיל לצאת בפרעון כסף כאשר יעבור מועד. והחנוני רואה כי באמונה אתו וכי הוא שוקד למשמרתו ואין ברוחו רמי' נכמרו רחמיו עליו והמתין לו עוד זמן זמנים טובא עד כי פרע אחת לאחת הקפותיו. וכן הנמשל אני אזכיר לכל גודל החיובים והאסורים של מלאכת שבת הן באבות והן בתולדות ושבותים. ונוכל לראות את גודל שכר ועונש של שמירת שבת מדברי הנביא ירמי' קפיטל י"ז פסוק כ"ד והי' אם שמע תשמעון אלי נאם ד' לבלתי הביא

# הקדמה.

משא בשערי העיר הזאת ביום השבת ולקדש את יום השבת לבלתי עשות בה כל מלאכה ובאו בשערי העיר הזאת מלכים ושרים על כסא דוד רוכבים ברכב ובסוסים המה ושריהם איש יהודא ויושבי ירושלים וישבה העיר הזאת לעולם וכו׳ ואם לא תשמעו אלי לקדש את יום השבת ולבלתי שאת משא ובא בשערי ירושלים ביום השבת והצתי אש בשעריה ואכלו ארמנות ירושלים ולא תכבה. וכן אמרו חז״ל (שבת קי״ט) לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחיללו בה את השבת. לכן אזרתי חיל לזכות הרבים ואבנה גם אנכי ממנה. ויען שכל אדם עלול לשגיאה וביותר מבואר בתשו׳ חו״י בזה״ל מותר לכתוב על איזה מחבר מן הראשונים שטעה כיון שמין האנושי לא ימלט מן הטעות, וכן מצאתי ברש״י פסחים י״ז ע״ב ד״ה קושיא גרסינן שר״פ לא זכר למשניות הללו ע״ש ואם בארזים נפלה שלהבת מה יענו איזובי קיר כמוני, לכן די לי בהתנצלות הזאת ורק אבקש מד׳ החונן לאדם דעת להאיר עיני במאור תורתו ולהעמידני על האמת ואל יאמר פי דבר שלא כרצונו. וקראתי שם הספר טל השמים יען כי תיבת טל מרמז ל״ט מלאכות ותיבת השמים גמט׳ ישעיה כשמי ושמים מטל זה לשון הכתוב בברכת יוסף ויום השבת כנגד יוסף הצדיק עי׳ באוה״ח ס׳ קדושים פסוק ג׳ שמביא כן מזוהר חדש ואקרא שם המראה מקומות של הלכה שם מקור חיים כשם זוגתי שמה מרת חיי׳ רחל תחי׳. וגם כוונתי בזה כי במקום ערבות שם טל ומקור חיים ימצאו כמבואר בחגיגה י״ב. ובזכות עבודתי בספר הזה לחברו ולהוציאו לאור לא ימיש התורה מפי ומפי זרעי ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים עד ביאת הגואל, אכי״ר.

גמרתי אור ליום ד׳ לסדר להחיות לכם לפליטה גדולה זאת חנוכת המזבח שנת תרפ״ז לפ״ק.

ישעי׳ בן כאאמו״ר המופלג החסיד מוה״ר שמואל סג״ל זלה״ה מליוביטש.

---

כמה פעמים הראיתי פנים,
לכתוב דין אחד מן הנצנים,
בשם אחד מן הרבנים,
אף שקדמוהו אחד מן הפסקנים זאת לפנים,
אם הדבר בעצמו יפה ככפתור ופרח תחת הקנים,
יהיה האומרו מי שיהיה אחד מן השרים והסרנים.

# הקדמה בלשון יודיש,

## צו צייגען דאס נויטיגקייט פון דעם ספר.

איך האב געזעהן דאס ספר צו שרייבען אויף יודיש כדי מענער און פרויען זאלען קענען וויסען די דינים פון הלכות שבת.

א׳ דאס הייליגקייט פון שבת איז זעהר גרויס. די בעדייטונג פון די ווערטער פון דעם נביא ירמי׳ קאפיטל י״ז פסוק כ״ד, וואס מיר האבען שוין געבראכט אין דער ערשטער הקדמה, איז—דער נביא האט געזאגט אז דאס היטען פון שבת ברייגנט אז מען וועט זוכה זיין צו ישוב און צו כבוד אין ארץ ישראל, און ח״ו חלול שבת וועט ברייגנען צו חורבן און שריפות אין ארץ ישראל.

ב׳ די חז״ל האבען געזאגט (ירושלמי נדרים סוף פ״ג), אז די מצוה פון שבת היטען איז גלייך ווי מען היט אפ אלע מצות, אויך ווערט דאס זעלבע אין זוה״ק בעמערקט (זוה״ק פ׳ בשלח ופ׳ יתרו).

ג׳ און ווער עס איז חלילה מחלל שבת איז אזוי ווי ער וואלט געלייקענט אין השי״ת און די תורה הקדושה.

ד׳ שבת איז א צייכען דאס השי״ת האט זעקס טעג בעשאפען הימעל און ערד און אלעס וואס איז אין זיי, און השי״ת האט גערוהט אין דעם זיבע־טען טאג, און דאס איז א הויפט־זאך וואס א יוד מוז גלויבען.

ה׳ דער וואס איז מחלל שבת בפרהסיא, דאס הייסט, אין געגענווארט פון צעהן יודען, אדער ווען ער ווייסט דאס מען וועט שפעטער וויסען אז ער האט מחלל שבת געוועזען, איז ער גלייך ווי א גוי (חולין דף ה׳ ורמב״ם סוף ה׳ שבת), וואס אז ער ריהרט אן אין ווייו איז ער אסור צום טרינקען, אז ער קאכט איז דאס עסען פארבאטען פיר א יוד צו עסען, דאס ברויט וואס ער באקט, ברויכט א יוד נישט צו עסען.

ו׳ דאס וויכטיגקייט אויף יודיש צו שרייבען א ספר אויף הלכות שבת געפינט מען אין ספר יערות דבש דף נ״ח דפוס ווארשא להגאון ר״ר יונתן ז״ל. ער שרייבט, דאס ער האט זיך באשלאסען מחבר צו זיין א ספר אויף הלכות שבת בלשון אשכנז און דאס צוטהיילען צווישען בעלי־בתים וואס זיינען נישט קיין לומדים, יעדער זאל קענען פארשטעהן. א שאדע וואס מיר האבען ניט זוכה געווען דאס צו זעהן! איבערהויפט פיר די יעצטיגע צייטען איז עס גאר וויכטיג.

ז׳ דער ספר חסידים ברייגגט, סימן רס״ב, דאס א מענש זאל נישט וואוינען אויף א פלאץ וועלכעס דער מארק־טאג איז אין שבת, ווייל עס איז אונמעגליך זיך אפ צו היטען פון א חטא פון חלול שבת.

———(:)———

## עזרי מעם ד׳ עושה שמים וארץ.

אונזער באשעפער האט אונז געבאטען פיעל מאל אין דער תורה, אז מען זאל ניט טהון קיין ארבייט אום שבת. אבער וועלכעס הייסט ארבייט? און וועלכעס הייסט נישט קיין ארבייט? און ווי גרויס זאל זיין די ארבייט? די חז״ל האבען ארויס געלערענט פון פסוקים דאס די ארבייט וואס מען האט גענוצט ביי מאכען דעם משכן אין פ׳ תרומה, תצוה, דיעזע ארבייט האט די תורה געמיינט אז מען זאל שבת נישט טהון.

סעיף א׳. די צאהל פון די ארבייט וואס מען האט גענוצט ביים מאכען דעם משכן איז געוועזען 39, און דאס זיינען זיי:

1) חורש, אקערען.
2) זורע, זייען.
3) קוצר, שניידען.
4) מעמר, צוזאמען נעהמען דאס גע־שניטענע און מאכען א קופע.
5) דש, דרעשען.
6) זורה, צושפרייטען די תבואה מיט א שופלע אין דער לופט.
7) בורר, אויסקלויבען.
8) טוחן, מאהלען.
9) מרקד, זיפען מיט א זיפ.
10) לש, קנעטען מעהל.
11) אופה ומבשל, באקען אדער קאכען.

(די ארבייט האט גענוצט צו מאכען די פארב פאר די וואל תכלת וארגמן ותלעת שני.)

12) גוזז, שעהרען די וואל.
13) מלבן, בלייכען, העלער מאכען.
14) מנפץ, צוקלאפען די וואל מיט א שטעקען אדער צוקעמען מיט א קאם.
15) צובע, פארבען.
16) טווה, שפינען.

(די ארבייט האט גענוצט צו מאכען די וואל פון משכן.)

17) מיסך, אראפציהען די פאדעם פון קעטען בוים צום צייגען בוים.
18) עושה שתי בתי נירין, צו מאכען צוויי רינגעלאך דורך זיי זאלען געהן צוויי פעדעם.
19) אורג, וועבען.
20) פוצע, אויסדריוולען די דרומען.

(די ארבייט האט מען גענוצט ביי די יריעות.)

21) קושר, צו בינדען, צו קניפען.
22) מתיר, אויפבינדען, אויפקניפען.

(די ארבייט האט מען גענוצט ביי די נעצען צו כאפען דעם חלזון.)

23) תופר, נעפטען אדער נייהען.
24) קורע, רייסען.

(די ארבייט האט מען גענוצט ביי די יריעות.)

25) צד, פאנגען.
26) שוחט, שעכטען.
27) מפשיט, אפשינדען די פעל.
28) מעבד, אויסארבייטען די פעל.
29) משרטט, ליניר ען.
30) ממחק, אפשאבען די האר.
31) מחתך, צו שניידען.

(די ארבייט האט מען גענוצט ביי די תחשים איבער צו דעקען דעם משכן מיט די פעל.)

32) כותב, שרייבען.
33) מוחק, מעקען.

(די צוויי מלאכות, שרייבען און מעקען, האבען גענוצט ביי די ברעטער צו וויסען וועלכעס ברעט געהערט צו די זייט פון צפון און וועלכעס גע־הערט צו דרום, און ביי א טעות האט מען ווידער אפגעמעקט.)

34) בונה, בויען.
35) סותר, צושטערען, צולייגען.

(דאס איז געווען ביי דעם משכן.)

36) מכבה, אויסלעשען.

(דאס איז געוועזען צו מאכען א קויהל פיר גאלדשמידען.)

37) מבעיר, פייער צו מאכען.
38) מכה בפטיש, פארפערטיגען די ארבייט.
39) המוציא, ארויסטראגען פון איין רשות צום צווייטען.

(יודען האבען געבראכט נדבות פיר דעם משכן, האבען זיי ארויסגעטרא־גען פון איין רשות צום צווייטען.)

———(:)———

סעיף ב׳. אויב ער האָט געטהון אַן ארבייט פון די 39 ארבייט אב מלאכה, אָדער ער האָט געטהון אזוי אַן ארבייט וואָס איז עהנליך צו די 39 ארבייט, דאָס איז אַ תולדה, איז עס געטהיילט אין דריי אופנים:

1) אויב ער האָט געוואוסט אַז עס איז שבת און האָט געוואוסט אַז שבת איז פארבאָטען אזעלכעס צו טהון, איז ער חייב כרת.

2) אויב עס קומען עדות און זאָגען אַז זיי האָבען איהם געוואָרענט אַז ער זאָל אזעלכעס ניט טהון, און ער האָט עס דאָך געטהון, קומט איהם צו פארשטיינען, דאָס הייסט סקילה. דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך אַז דאָס איז געוועזען ווען די סנהדרין האָבען כח געהאַט צו שטראָפען ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען.

3) אויב ער האָט ניט געוואוסט אַז עס איז שבת, אָדער ער האָט ניט געוואוסט דאָס עס איז ניט ערלויבט צו טהון די ארבייט אום שבת, איז ער מחויב צו ברייננגען אַ קרבן חטאת.

סעיף ג׳ עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי ער זאָל טהון אַן ארבייט פון די 39 ארבייטען, דהיינו אַן אב מלאכה, אויך איז אסור צו זאָגען אַ גוי ער זאָל טהון אַן ארבייט וואָס איז עהנליך צו די 39 ארבייטען, דהיינו אַ תולדה.

סעיף ד׳ ווען זאָגאר מען ברויכט די ארבייט פון גוי כדי מען זאָל קענען טהון אַ מצוה, צום ביישפיעל: ער קען ניט עסען די סעודה פון שבת אבענד ווייל עס איז פינסטער, און ווען דער גוי וועט אָנצינדען אַ ליכט וועט ער קענען עסען די סעודת שבת, דאָך איז אסור צו זאָגען דעם גוי אַז ער זאָל אָנצינדען אַ ליכט (רמ״א סי׳ רע״ו ס״ב בש״ע או״ח).

סעיף ה׳. די חז״ל האָבען גע׳אסור׳ט צו טהון אזעלכע ארבייט וואָס איז נאָר אַ ביסעל עהנליך צו די ארבייט וואָס ער איז חייב דערמיט דאָס ער זאָל ניט קומען צו טהון די ארבייט וואָס ער איז חייב און דאָס הייסט שבות.

סעיף ו׳. אויב ער האָט געטהון אזא ארבייט וואָס די חז״ל האָבען גע׳אסור׳ט, שלאָגט מען איהם מכות מרדות און מען איז איהם מנדה.

סעיף ז׳. עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי אַז ער זאָל טהון אַן ארבייט וועלכעס די חז״ל האָבען עס גע׳אסור׳ט דעם יוד צו טהון, נאָר דאָס איז ווען עס איז ניט בעדערפטיג דורך די ארבייט פון גוי מקיים צו זיין אַ מצוה, אָבער ווען עס איז נויטיג פיר אַ מצוה מעג מען זאָגען אַ גוי ער זאָל טהון די ארבייט וואָס די חז״ל האָבען פערבאָטען דעם יוד צו טהון.

סעיף ח׳. מען דארף געדענקען, אַז ווען מען דערמאָנט ביי אַן ארבייט דאָס וואָרט „חייב" מיינט מען כרת, אָדער פארשטיינען, אָדער אַ קרבן, דאָס הייסט חייב מן התורה.

סעיף ט׳. מען דארף אויך געדענקען, אַז ווען מען דערמאָנט ביי אַן ארבייט דאָס וואָרט „אסור" מיינט מען דאָס ער איז ניט חייב מן התורה נאָר די חז״ל האָבען עס גע׳אסור׳ט.

סעיף י'. מען איז חייב מן התורה כרת אָדער פארשטיינען אָדער אַ קרבן נאָר ווען די 6 בעדינגונגען זיינען דערביי געווען, דהיינו:

1) בלי שינוי, אין דער צייט ווען ער טהוט די ארבייט זאָל עס ניט זיין געענדערט פון געוועהנליכען, צום ביישפיעל: ווען ער טראָגט ארויס אַ זאַך פון שטוב אין גאַס אָדער ער ברייננט אריין אַ זאַך פון גאַס אין שטוב אריין, זאָל ער די זאַך האלטען אין האנט, אָדער ווען ער שניידט זיך די נעגעל זאָל ער שניידען מיט אַ כלי. אָבער די חז"ל האָבען אויך גע'אסור'ט ווען ער טהוט עס מיט אַן ענדערונג, צום ביישפיעל: ארויס־טראָגען אָדער אריינברענגען מיט דעם מויל, אָדער מיט די פיס, אָדער אריינטראָגען אַ לייכטע זאַך אויף דעם קאָפּ אָדער ארויסטראָגען אויפ'ן קאָפּ, אָדער מיט דעם עלענבויגען. עס איז אסור צו רייסען די נעגעל מיט דער האנט, אויך איז אסור צו בייסען די נעגעל מיט די ציינער.

סעיף י"א. 2) כולה, דהיינו ער מוז די ארבייט אליין טהון, ער אליין זאָל די זאַך אריינברייננגען אָדער ארויסטראָגען. ער אליין זאָל שרייבען, עס זאָל איהם קיינער ניט צוהעלפען. אָבער די חז"ל האָבען אפילו גע'אסור'ט ווען צוויי מענשען צוזאמען טהוען די ארבייט. עס איז אסור אַז צוויי מענשען זאָלען ארויסטראָגען פון שטוב אין גאַס, אָדער אריינברייננגען פון גאַס אין שטוב אריין. עס איז אסור אַז צוויי מענשען זאָלען האלטען די פעדער און שרייבען.

סעיף י"ב. 3) גופו, עס מוז זיין אַז ער זאָל דארפען די ארבייט זעלבסט, דהיינו, ווען ער גראָבט אַ גרוב, זאָל ער ברויכען די גרוב, נישט דאָס גראָבען זאָל זיין פיר דעם צוועק צו נוצען די ערד. אָבער די חז"ל האָבען גע'אסור'ט אַז אפילו ווען ער גראָבט פיר דעם גע־ברויך פון די ערד, כאָטש ער דאַרף גאָר ניט די גרוב.

סעיף י"ג. 4) מתכוין, דהיינו, עס מוז זיין דאָס ער זאָל ציעלען צו דער ארבייט וואָס ער טהוט, ווען ער שניידט פון פעלד צוגע־וואקסענע תבואה, זאָל ער מיינען זיי אָפּצושניידען, אָבער ווען ער האָט געוואָלט שניידען פון דעם וואָס איז שוין אָפּגעשניטען און האָט געשניטען פון דעם צוגעוואקסענעם איז ער פטור.

סעיף י"ד. 5) קיום, עס מוז זיין אַז די ארבייט זאָל זיין דויער־האפטיג, דהיינו, ווען ער שרייבט זאָל ער שרייבען מיט טינט און אויף אַזעלכעס וואָס האלט די שריפט אויף זיך אַ לאנגע צייט. אָבער די חז"ל האָבען גע'אסור'ט צו שרייבען אפילו ניט מיט קיין טינט, צום ביישפיעל מיט משקה, אויך איז עס אסור צו שרייבען אפילו אויף בלעטער פון בוימער.

סעיף ט"ו. 6) בלי קלקול, עס מוז זיין דאָס די ארבייט וואָס ער מאַכט איז צו פאַרבעסערען, ניט קאַליע צו מאַכען, צום ביישפיעל, איינלייגען אַ געביידע מוז זיין צום צוועק דאָס בנין בעסער צו מאַכען אויף צו בויען. אָבער די חז"ל האָבען גע'אסור'ט אפילו אַזאַ ארבייט וואָס איז

קאליע צו מאכען. דהיינו, ער לייגט איין א בנין נאָר צוליעב דאָס איינ־לייגען, נים אויף צו בויען. עס איז אסור צו טהון אלע סאָרטען ארבייט ווען זאָגאר זיין מיינונג איז נאָר בלויז קאליע צו מאכען.

סעיף ט"ז. מען דארף געדענקען דאָס די ארבייט וואָס מען איז חייב מן התורה און וועלכע די חז"ל האָבען פארבאָטען צו טהון אום שבת איז אויך אסור צו טהון אום יום טוב. עס איז אויך אסור צו זאָגען א גוי אום יום טוב ער זאָל טהון די ארבייט וואָס א יוד טאָר ניט טהון, דען יום טוב האָט דעם דין אזוי ווי שבת (ש"ע הגרז"ש סי' תצ"ה).

סעיף י"ז. די ארבייט וואָס מען מעג טהון אום יום טוב איז פאָל־גענדע: פייער מאכען, קנעטען, באַקען, שעכטען, קאָכען, ארויסטראָגען א זאך פון שטוב אין גאס אָדער אריינברייגגען פון גאס אין שטוב אריין (שם ס' ה').

## זורע, זייהען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט געזייהט אום שבת, ווען זאָגאר דאָס זייהען איז ניט מעהר ווי איין קערנדעל איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט געפלאנצט א בוים, אָדער ער האָט א צווייג וואָס איז צוגעוואקסען צום בוים איינגעבויגען אין די ערד, אָדער ער האָט אריין געבראַכט איין בוים אין צווייטען, איז ער חייב.

ג. (ג) אויב ער האָט אָפּגעשניטען די צווייגען פון דעם בוים ווייל ער וויל אז דער בוים זאָל דיקער און גרעסער ווערען און וויל אויך נוצען פון די צווייגען, איז ער חייב ב' חטאות (ב*).

ד. (ד) אויב ער דארף ניט די צווייגען, ער מיינט נאָר אז דער בוים זאָל דיקער און גרעסער ווערען, איז ער חייב איין חטאת (ג*).

ה. (ה) גראָזען וואָס וואקסען שנעלער ווען מען שניידט זיי, אויב ער האָט זיי אָפּגעשניטען אום שבת, ווען אפילו ער מיינט ניט צו נוצען די גראָזען, דהיינו ער וואַרפט זיי אוועק, ער טהוט עס נאָר כדי די גראָז זאָל בעסער וואקסען, איז ער חייב ב' חטאות (ד*).

---

מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ח מ"ה שבת ה"ב. (ב) רמב"ם פ"ז מ"ה שבת ה"ג (ג) רמב"ם פ"ח משבת ה"ד. (ד) חיי אדם כלל י"א מ"ה שבת. (ה) חיי אדם ומקורו מרמב"ם פ"ח משבת ה"ד.

שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) משום קוצר ומשום נוטע. (ג*) משום נוטע. (ד*) משום קוצר ומשום זורע.

זורע, זייהען אום שבת.

ו. (ו) אויב ער האָט אויסגעריסען די שלעכטע גראָזען פון די גוטע כדי די איבערגעבליבענע זאָלען בעסער וואַקסען, איז ער חייב (ה*).

ז. (ז) אויב ער פאַררייכערט דעם בוים אום צו פאַרניכטען די ווערים אָדער ער קלויבט אַראָפּ די ווערים פון בוים, אָדער ער שמירט דעם בוים מיט אויל, כדי די פרוכט זאָל שנעלער פאַרטיג ווערען, איז ער חייב (ו*).

ח. (ח) אויב ער האָט געזייהט אָדער געפלאַנצט במזיד, דאָס הייסט ער האָט געוואוסט אַז עס איז שבת און האָט אויך געוואוסט אַז שבת איז פאַר־באָטען צו זייהען אָדער פלאַנצען, און דאָך האָט ער געזייהט אָדער גע־פלאַנצט, אָדער ער האָט געזייהט אָדער געפלאַנצט בשוגג, דהיינו ער האָט ניט געוואוסט אַז עס איז שבת, אָדער ער האָט ניט געוואוסט אַז שבת טאָר מען ניט זייהען אָדער פלאַנצען, מוז ער דאָס געזייהטע אָדער געפלאַנצטע נאָך שבת ארויסנעהמען (ז*).

ט. (ט) אז מען גיסט וואַסער אויף גראָזען וואָס זיינען צוגעוואַקסען צו דער ערד מיט דער מיינונג אַז זיי זאָלען גרעסער וואַקסען, איז מען חייב ב׳ חטאות (ח*).

י. (י) אויב ער גיסט וואַסער אויף צוגעוואַקסענע גראָזען פון זיין אייגענעם גאָרטען, אָדער אויף צוגעוואַקסענע בוימער פון זיין אייגענעם גאָרטען, ווען אפילו ער מיינט ניט פיר דעם צוועק פון וואַקסען נאָר זיין כונה איז צו וואַשען די הענט, איז ער חייב ב׳ חטאות (ט*).

יא. (יא) מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג ניט צו גיסען קיין וואַסער אויף אַזאַ אָרט וואָס מען דאַרף אַקערען, ווען אפילו עס איז נאָך ניט געזייהט.

יב. (יב) עס איז אסור זיך צו וואַשען די הענט אויף צוגעוואַקסענע גראָזען אָדער אויף צוגעוואַקסענע בוימער פון זיין חבר׳ס גאָרטען. עס איז אסור זיך צו וואַשען די הענט אויף גראָזען אָדער בוימער פון אַ גוי׳ס גאָרטען (י*).

---

## מקור חיים

(ו) ס׳ כלכלת שבת בפתיחה לתפארת ישראל. (ז) ירושלמי כלל גדול. (ח) ביאור הלכה מס׳ משנה ברורה סי׳ שו״ח ד״ה אחת משאר מלאכות. (ט) מג״א סי׳ של״ו סק״ה. (י) ש״ע או״ח סי׳ של״ו ס״ג. (יא) שערי ציון ס״ק י״ח בס׳ משנה ברורה סי׳ של״ו. (יב) ש״ע הגרש״ז סי׳ של״ו.

## שמים מטל

(ה*) משום זורע. (ו*) משום זורע והיא תולדה. (ז*) דכל המלאכות מינכרו הקנס שקנסו חז״ל שלא ליהנות בו ביום עד מוצ״ש אבל בנוטע בשבת וה״ה בזורע דבלא״ה אינו יכול ליהנות לאלתר שוגג שוה למזיד דבשניהם צריך לעקור הנטיעה. (ח*) משום זורע ומשום חורש שמרפה ומרכיך הקרקע כמו חורש. (ט*) משום זורע ומשום חורש דפס״ר דניחא לי׳ היא. (י*) אסור מדברי סופרים דפס״ר דלא ניחא לי׳ היא.

זורע, זייהען אום שבת.

יג. (יג) מען דארף זיין פארזיכטיג ניט משתין צו זיין אויף גראזען, (יא*). עס איז גוט אז מען זאל פארזיכטיג ניט צו גיסען אפילו קיין שטארקען וויין אויף גראזען (יב*). עס איז אסור צו גיסען ביער אדער מעד אויף גראזען (יג*).

יד. (יד) מען דארף זיין פארזיכטיג ניט צו ווארפען קיין קערנער אויף א פייכטען ארט אדער אן ארט וואס וועט פייכט ווערען פון רעגען (יד*).

טו. (טו) מען דארף זיין פארזיכטיג ניט צו עסען קיין פרוכט אין קיין גארטען (טו*).

טז. (טז) מען דארף זיין פארזיכטיג ניט צו טרינקען קיין משקה אין גארטען (טז*).

יז. (יז) מען דארף אין אלגעמיין זיין פארזיכטיג ניט צו עסען אין קיין גארטען (יז*).

יח. (יח) אויב ער שיט קערנער פיר די עופות זאל ער שיטען אזוי וויניג אז די עופות זאלען עס קענען אויפעסען אין צוויי טעג. עס זאל ניט בלייבען ביז צום דריטען טאג (יח*).

יט. (יט) אויב מענשען געהען אויף דעם ארט וואו ער שיט די קערנער פיר די עופות, מעג ער שיטען מיט איין מאל פיר אסך טעג (יח**).

כ. (כ) אויב ער ווייקט אין וואסער גערשטען, ווייטץ, ארבעס אדער אנדערע סארטען תבואה כדי זיי זאלען ווייך און שפראציג ווערען, אדער ער ווייקט תבואה צו מאכען מאלץ פיר ביער, ווען ער האט אפילו איין

---

## מקור חיים

(יג) ס' כלכלת שבת ס' משאת שבת ופרמ"ג או"ח של"ו. (יד) ש"ע סי' של"ו ס"ד. (טו) ס' כלכלת שבת. (טז) רמ"א סי' של"ו ס"ג. (יז) ט"ז סן' של"ו. (יח) ש"ע או"ח סי' של"ו ס"ד. (יט) ש"ע או"ח סי' הנ"ל. (כ) ש"ע או"ח של"ו סי"א מחיו"א כלל י"א.

## שמים מטל

(יא*) שמי רגלים טובים לזבל הקרקע וע"כ אסור שמזבל תולדות חורש. (יב*) מפני שהיינות שלנו יש בהם מים ובודאי מצמיחים. (יג*) מפני שיש בהם מים. (יד*) שסופן להצמיח מחמת הריכוך כדרך כל תבואה שנותנים למים. (טו*) דבנקושי אפשר ליזהר שם מהשלכת הגרעינים שבפירות. (טז*) דבנקושי אפשר ליזהר שם משפיכת שיורי כוס. (יז*) הט"ז כ' הטעם משום טילטול ד"א בכרמלית והרמ"א הביא משום שא"א שלא יפול שם מים, ואני מצאתי במנות הלוי על מגילת אסתר שמביא בשם הר"א מגרמישא עה"פ שמונים ומאת יום דלהכי כתיב שמונים מלא דרק בו' ימים הו' אוכלים בהגינה אבל לא בשבת משום חשש שמא יתלשו מן המחובר והיא דבר חדש שלא כהט"ז והרמ"א. (יח*) דבזמן מועט כזה לא יבא לידי הצמחה. (יח**) דאז לא יבא לידי הצמחה.

זורע, זייהען אום שבת.

קערענדעל געווייקט איז ער חייב זאפארט ווי ער לייגט דאס אריין אין די וואסער צום ווייקען.

כא. (כא) עס איז מותר צו ווייקען די תבואה אין וואסער כדי זי זאל ווייך ווערען פיר די בהמות באלד עסען צו געבען (יט*).

כב. (כב) עס איז ערלויבט צו געבען די געווייקטע תבואה פיר די בהמות אפילו מיט דעם וואסער צוזאמען (כ*).

כג. (כג) עס איז מותר צו ווייקען אין וואסער געטריקענטע פרוכט. עס איז אסור זיי צו לייגען אין עסיג אריין פיר א לאנגע צייט כדי זיי זאלען ניט פוילען (כא*).

כד. (כד) אזעלכע בלומען וואס עפענען זיך דורך דעם וואסער איז אסור זיי שבת אריין צו שטעלען אין וואסער אפילו ווען זיי זיינען צוגע־גרייט צום נוצען, דהיינו זיי זיינען ניט קיין מוקצה, ווען אפילו ער נעהמט די בלומען פון וואסער ארויס איז אסור זיי צוריק אין וואסער אריין צו שטעלען (כב*).

כה. (כה) עס איז מותר צו גיסען וואסער אויף אפגעריסענע גראזען כדי זיי זאלען ניט איינגעשרומפען ווערען (כג*).

כו. (כו) אויב ער נעהמט א געלעכערטען בלומען־טאפ פון שטוב און ער שטעלט עס אין הויף אדער אין גארטען אויף דער ערד, איז ער חייב (כד*). אויב די שטוב איז ניט געפלאסטערט מיט האלץ אדער מיט שטיינער און ער נעהמט דעם בלומען־טאפ פון טיש און שטעלט עס אויף דער ערד איז ער חייב.

כז. (כז) עס איז אסור צו נעהמען א בלומען־טאפ, ווען עס הייננט זאגאר אין דער לופט, און עס שטעלען אויף דער ערד, סיי דער בלומען־טאפ

---

## מקור חיים

(כא) חיי"א שם. וש"ע הגרז"ש. (כב) ש"ע הגרז"ש. (כג) משנה ברורה ופמ"ג או"ח סי' של"ו. (כד) משנה ברורה סי' של"ו. (כה) ש"ע או"ח סי' שכ"א סי"א. (כו) משנה ברורה סי' של"ו. (כז) ש"ע או"ח סי' של"ו ס"ח.

## שמים מטל

(יט*) דאין כוונתו רק להתרכך ולא להצמיח כלל. (כ*) אף הם ישארו במים לאחר אכילתם אין בכך כלום לפי בשעה שנתנם למים לא פסיק רישיה היא שיצמיח שאפשר שהבהמה תאכל כלם. (כא*) משום איסור מעבד. (כב*) משום איסור זורע. (כג*) כיון דירקות הללו ראויין לאכילה ביומן מותר להשקותן. (כד*) דמתחילה לא היה לו יניקה מן הקרקע ועכשיו הוא יונק מן הקרקע.

זורע, זייהען אום שבת.

איז געלעכערט אָדער ניט געלעכערט, סיי ער איז פון האָלץ, סיי ער איז פון שאַרבען, איז עס אַלץ אסור (כה*).

כח. (כח) עס איז אסור צו גיסען וואסער אין א בלומען־טאָפּ, ווען אפילו דער בלומען־טאָפּ איז ניט געלעכערט און זאָגאַר ער שטעהט אין שטוב.

כט. (כט) דער איסור זורע איז שייך אום יום טוב אויך.

## חורש, אַקערען אום שבת.

א. (א) אויב ער אַקערט אין פעלד אָדער ער גראָבט אין פעלד, אויב ער מאַכט ראַצען אין פעלד, זאָגאַר דער פּלאַץ איז אַזוי קליין אַז ער וועט ניט מעהר קענען זייהען ווי איין זאַממען, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט דאָס פעלד אויסגעגלייכט, צום ביישפּיעל ער האָט בערגער נידעריג געמאַכט אָדער נידעריגע פּלעצער העכער געמאַכט אָדער ער האָט די גריבער פאַרשאָטען, איז ער חייב משום חורש.

ג. (ג) אַלע ארבייט וואָס ער טהוט אויף אַזאַ אָרט וואָס איז פעהיג צו זייהען, די ערד צו פערשעהנערען, איז ער חייב.

ד. (ד) אויב עס איז שוין געוועזן געאַקערט און פערזייהט פון בעפאָר שבת נאָר ווייל די ערד איז הארט האָט ער אום שבת די ערד נאָך אַמאָל געאַקערט אום דאָס זייהען צו פערדעקען, איז ער חייב.

ה. (ה) אויב ער האָט געמיסטיגט דאָס פעלד אָדער ער האָט אַרויפגעטריבען בהמות אויף דעם פעלד צו פאַשען דערמיט זיי זאָלען דאָס פעלד מיסטיגען, איז ער חייב (ב*).

---

### מקור חיים

(כח) משנה ברורה סי׳ שכ״א ס״ק ל״ז. (כט) ש״ע או״ח סי׳ תצ״ה ורמב״ם פ״א מ״ה י״ט הי״ז.

(א) רמב״ם פ״ז מ״ה שבת הלכה ב׳ ופ״ח הלכה א׳ ובגמרא שבת ק״ג. (ב) רמב״ם שם פ״ח הלכה א׳. (ג) הרמב״ם שם. (ד) שבת דף ע״ג. (ה) ירושלמי שבת.

### שמים מטל

(כה*) משום דדומה לנוטע. לחביבות הספר היקר מאדמו״ר הגאה״ק מסאכטשוב זצ״ל אגלי טל ראיתי להעתיק איזה חידושי דינים מדבריו הקדושים בכל מלאכה ומלאכה, וז״ל. (ב) יראה לי שאפי׳ לא חיפה הזרע בעפר מאחר שהניחו בקרקע במקום הראוי שתצמיח חייב מיד ואפי׳ חזר ולקטן קודם שצמחו. (ג) אין הפרש בין זרע ונטע בקרקע או בעציץ נקוב בכדי שורש קטן. (ט) ואלו הן התולדות שאיסורן רק מדרבנן עציץ נקוב שהי׳ על גבי יתודות ולקחו והניחו על גבי הקרקע. יראה לי שהזורע בעציץ שאינו נקוב היא ג״כ תולדה שאינו איסורה אלא מדרבנן.

(א*) אב מלאכה, אוכל לעורר דהכא לענין שבת כ״ש היינו שיעור היותר קטן ובנדה דכ״ו ע״ב מבואר כמה כ״ש א״ר ינאי טפח שכן עושין כו׳ ובב״ב ק״ז ע״א ע״ש ובתוס׳. (ב*) תולדה.

חורש, אקערען אום שבת.

ו. (ו) אויב ער האט ארויסגענומען די שטיינער פון פעלד אדער ער האט צוריבען די הארטע שטיקער ערד פון פעלד, איז ער חייב.

ז. (ז) עס איז אסור צו געהן נקיות אין א פעלד וואס איז געאקערט און מען ברויכט עס צו פערזייהען (ג*).

ח. (ח) ווייל אין שטוב קען מען ניט זייהען, דאדורך ווען ער גראבט אין שטוב אדער ער מאכט ראצען אין די ערד פון שטוב אדער ער גלייכט אויס די ערד פון שטוב אדער ער פארשיט גריבלאך אין שטוב, איז ער חייב משום בונה בכ"ש זאגאר ווען דער פלאץ איז אזוי קליין ווי מעגליך.

ט. (ט) אויך אום יום טוב איז שייך דער איסור פון חורש.

י. (י) עס איז אסור אום יום טוב אריינצושטעלען א ליכט אין א כלי מיט הארטע ערד (ד*).

יא. (יא) אויב די ערד איז ווייך, צום ביישפיעל ווען ער וועט דאס ליכט פון דער ערד ארויסנעהמען וועט די ערד זעלבסט צוריק לויפען און עס וועט ניט בלייבען קיין גרוב, איז מותר דאס ליכט אריין צו שטעלען אין די כלי מיט די ערד (ה*).

יב. (יב) עס איז מותר דאס ליכט צוריק פון דער ערד ארויס צו נעהמען זאגאר די ערד איז הארט און עס וועט בלייבען א גרוב אויב ער וועט דאס ליכט ארויסנעהמען.

## קוצר, שניידען אום שבת.

מיר יודען זיינען געגליכען צו טויבען (שבת דף מ"ט—ק"ל, ברכות דף נ"ג, גיטין דף מ"ה, סנהדרין דף צ"ה) און טויבען רייסען און בייסען ניט אום שבת קיין צוגעוואקסענע געוויקסען. מצאתי זאת בספר משם סדור יעב"ץ וא"ש לעת ערב עלה זית טרף בפיה שכל השבת לא היתה תולשת רק לעת ערב הביאה עלה וכו'.)

---

מקור חיים

(ו) ירושלמי שבת. (ז) ש"ע או"ח סי' שי"ב סק"ט. (ח) רמב"ם פ"י משבת הי"ב. (ט) ביצה דף ח'. (י) משנה ברורה סי' תצ"ח ס"ק צ"א. (יא) משנה ברורה שם. (יב) משנה ברורה שם.

שמים מטל

(ג*) אבל בחרישה שני' של אחר זריעה או בסתם שדה שלא נחרש עדיין מותר, והטעם דרוקא גזרו בשדה נור דמצוי בה ע"י החרישה הראשונה רגבים וגומות וע"ב חיישינן שמא בעת שיפנה ישכח ויטיל מתרגבים וישליך למקום הגומות וה"ז משוה החרישה אבל לאחר החרישה שני' לא מצוי כ"כ רגבים. באור הלכה מהט"ז בסי' שי"ב ד"ה בשדה ניר. (ד*) דעשיית גומא שייך אפי' בקרקע תלוש. (ה*) דאין זה חשוב עושה גומא.

קוצר, שניידען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט געשניטען אום שבת צוגעוואקסענע תבואה מיט א כלי אזוי פיעל ווי א געטריקענטע פייג, דאָס מיינט אזוי פיעל ווי איין דריטעל פון אן איי, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) די גרויס פון איין דריטעל איי ער זאָל חייב זיין מיינט איין דריטעל איי פון א הוהן, און אז דאָס שניידען איז פיר מענשליכען געברויך צום עסען, דעמאָלט איז ער חייב מיט איין דריטעל איי.

(ג) אויב ער שניידט פאר די בהמה צום עסען איז ער חייב ווען עס איז אזוי פיעל אז א קאָזע זאָל זיך דערמיט דאָס מויל פול מאכען.

(ד) אויב ער שניידט דאָס צום פארברענען איז ער חייב אויב עס איז אזוי פיעל אז מען זאָל קענען דערמיט אָפּקאָכען איין דריטעל איי פון א הוהן.

ג. (ה) אויב ער האָט געריסען מיט דער האנט צוגעוואקסענע תבואה איז ער חייב מיט איין דריטעל איי פון א הוהן, אויב עס איז פיר מענש־ליכען געברויך צום עסען (ב*).

ד. (ו) אויב ער האָט מיט'ן נאָגעל געשניטען די צוגעוואקסענע תבואה איז ער חייב מיט איין דריטעל איי פון א הוהן, אויב עס איז פאר'ן מענש־ליכען געברויך צום עסען.

ה. (ז) אויב ער האָט געבראָכען אָדער געשניטען די פרוכט פון בוים איז ער חייב אויב עס איז אזוי פיעל ווי איין דריטעל איי פון א הוהן.

ו. (ח) עס איז אסור צו שניידען אָדער צו רייסען די צוגעוואקסענע תבואה אָדער פרוכטען פון בוים אום שבת אפילו וויינינגער ווי איין דריטעל איי פון א הוהן.

ז. (ט) עס איז אסור ארויפצוגעהן אויף א בוים אום שבת (ג*).

ח. (י) עס איז אסור ארויפצוגעהן אויף א בוים אפילו ווען ער איז לעהר, דאָס הייסט, ווען ער איז אָהן פרוכט, אָהן בלעטער און אָהן צוויי־גען (ד*).

ט. (יא) עס איז אסור אָנצוהענגען זיך אין א בוים, כדי זיך אויסצו־קנאקען די גליעדער.

---

מקור חיים

(א) רמב"ם פרק ח' מה' שבת. הלכה ג'. (ב) רמב"ם שם הלכה ה'. (ג) רמב"ם שם, ועיין שבת דף ע"ו ע"א. (ד) רמב"ם שם. (ה) רמב"ם פרק ח' הלכה ג'. (ו) ספר כלכלת שבת. (ז) רמב"ם פרק ז' מה' שבת הלכה ד'. (ח) דקיי"ל חצי שיעור אסור מן התורה. (ט) שו"ע או"ח סימן של"ו סעי' א'. (י) שם. (יא) שם.

שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדתה. (ג*) שמא יעלה ויתלוש ממנו פירות או עלין או ענפים ומתכוין לתולשם. (ד*) משום סייג וגדר.

קוצר, שניידען אום שבת.

י. (יב) עס איז אסור זיך אָנצולעהנען אין דעם בוים.

יא. (יג) עס איז אסור ארויפצולייגען זאכען אויפ'ן בוים און עס איז אסור אראָפּצונעהמען זאכען פון בוים.

יב. (יד) עס איז אסור צוצובינדען א בהמה צום בוים.

יג. (טו) עס איז אסור אָנצובינדען א שטריק אָן בוים, כדי זיך צו קענען שאָקלען הין־און־צוריק, און עס אסור מיט דעם בוים זיך צו באַנוצען אין אלגעמיין.

יד. (טז) עס איז אסור ארויפצוגעהן פרייטאָג אויף א בוים מיט דער כוונה צו בלייבען זיצען אויפ'ן בוים אום שבת (ה*).

(יז) אויב ער איז פרייטאָג ארויפגעגאַנגען אויפ'ן בוים מעג ער פריי־טאָג ביינאַכט אראָפּגעהן פון בוים (ו*).

טו. (יח) אויב ער איז שבת ארויפגעגאַנגען אויפ'ן בוים (במזיד), דאָס הייסט, ער האָט געוואוסט אז ס'איז שבת, און געוואוסט אז ס'איז ניט ערלויבט צו געהן שבת אויפ'ן בוים, און איז דאָך ארויפגעגאַנגען, מוז ער בלייבען זיצען אויפ'ן בוים ביז שבת ביינאַכט—מוצאי שבת (ז*).

טז. (יט) אויב ער איז שבת ארויפגעגאַנגען אויפ'ן בוים (בשוגג), דאָס הייסט, ער האָט ניט געוואוסט אז היינט איז שבת, אָדער ער האָט ניט געוואוסט אז שבת איז ניט ערלויבט ארויפצוגעהן אויפ'ן בוים, איז מותר אום שבת אראָפּצוגעהן פון בוים.

יז. (כ) אויב ער האָט אוועקגעלייגט כלים ערב שבת אויפ'ן בוים איז אסור די כלים אראָפּצונעהמען פון בוים אום שבת (ח*).

יח. (כא) אזעלכע כלים וואָס איז מותר צו נוצען אום שבת איז אסור ארויפצולייגען אויפ'ן בוים (פרייטאָג) ערב שבת (ט*).

יט. (כב) עס איז מותר צו שטעלען לייכטער אויף א בוים אום פרייטאָג כדי זיי צו נוצען פאַר בענטשען ליכט (י*).

---

מקור חיים

(יב) שו"ע הגאון רז"ש ובמשנה ברורה. (יג) שם. (יד) שם משנה ברורה. (טו) שערי תשובה. (טז) שו"ע הגאון רז"ש סעיף ב'. (יז) שם ובשו"ע. (יח) שם. (יט) שם. (כ) רמ"א סימן של"ו סעיף ב'. (כא) משנה ברורה. (כב) שו"ע או"ח סימן רע"ז סעיף ד'.

שמים מטל

(ה*) שהישיבה שיושב שם תשמיש היא שמשתמש באילן. (ו*) ואף שבירידה זו הוא משתמש באילן אין איסור משום כך הואיל ואף בישיבתו הוא משתמש באילן. (ז*) משום קנס. (ח*) שאין איסור בהיות כלים מונחים שם ובנטילתו משתמש באילן. (ט*) דמתוך שהוא משתמש בהן אתי להורידן מן האילן. (י*) ואין לחוש שמא יעלה באילן ליטול הנר לאחר שיכבה שהרי אסור בטלטול אף לאחר שיכבה.

קוצר, שניידען אום שבת.

כ. (כג) וואָרצלען פון אַלטע בוימער וועלכע זיינען העכער פון דער ערד 3 טפחים איז אסור צו זיצען אויף זיי מחמת זיי זיינען אסור צום נוצען (יא*).

כא. (כד) וואָרצלען פון אַלטע בוימער וועלכע זיינען נידעריגער פון 3 טפחים איז מותר אויף זיי צו זיצען, מחמת ס'איז מותר זיי צו נוצען (יב*).

כב. (כה) עס איז מותר צו געהן אויף גראָזען אום שבת אפילו מיט באָרוועסע פיס וואו די גראָזען קענען זיך דאדורך איינוויקלען אין די פינגער פון די פיס (יג*).

(כו) אויב ער געפינט גראָזען אויף זיינע פיס טאָר ער די גראָזען ניט אראָפּנעהמען (יד*).

כג (כז) עס איז אסור צו נוצען אזעלכע ווייכע ווײדלעך (גראָזען) וואָס וועלען שפּעטער הארט ווערען.

כד. (כח) אויף אַ קובעל פון וואסער אויב עס וואקסען שוואָמען און ער רייסט זיי אום שבת איז ער חייב (טו*).

כה. (כט) אויב ער רייסט די פעדים וואָס וואקסען אויף דערנער איז ער חייב.

כו. (ל) אויב ער האָט אָפּגעריסען אַ פליגעל אָדער אַ פיסעל פון אַ פליג, אָדער אַ שטיק פלייש פון אַ לעבעדיג באַשעפעניש איז ער חייב (טז*).

כז. (לא) אויב ער האָט ארייַנגעלייגט ערב שבת גרינווארג אין דער ערד כדי זיי זאָלען שפּראָציג ווערען איז אסור אום שבת זיי ארויסצונעהמען פון דער ערד, אפילו ווען זיי האָבען נאָך ניט געשפּראָצט (יז*).

כח. (לב) אויב ער האָט ארייַנגעלייגט ערב שבת בלומען אין דער ערד וואָס איז אין שטוב (מען מיינט אַן ערדענע פּאָדלאָגע), אפילו ווען ער מיינט דערמיט נאָר בלויז צו פארהיטען זיי זאָלען ניט וועלקען,—

---

מקור חיים

(כג) שו"ע או"ח של"ו סעי' ב'. (כד) שם. (כה) שם סעי' ג'. (כו) משנה ברורה. (כז) משנה ברורה ס"ק י'. (כח) שם סעי' ה'. (כט) משנה ברורה מגמרא. (ל) ספר כלכלת שבת מגמרא שבת ק"ז ע"ב. (לא) שו"ע או"ח סעי' ו'. (לב) משנה ברורה בשם האחרונים.

שמים מטל

(יא*) ואעפ"י דהכא לא שייך כולו האי שמא יתלוש אפ"ה גזרו בו חכמים. (יב*) הרי הן בקרקע ומותר להשתמש בהן. (יג*) כיון שאינו מתכוין לתלוש. (יד*) דאסור בטלטול משום מקצה דביה"ש היה מחוברים. (טו*) כיון שזה דרך גידולתו והתולשן חייב משום עוקר דבר מגידולו דהוי תולדת קוצר. (טז*) משום עוקר דבר מגידולו. (יז*) דכיון שהם תחובין וטמונים בקרקע כשאר זרעים וגם מתכוין לזרעם גזרו בהן רבנן דלא ליתא לאחלופי לתלוש אחר השרשה.

קוצר, שנײדען אום שבת.

ווען ער וויל שמעקען צו די בלומען,—איז אסור זיי פון דער ערד ארויסצו־נעהמען (יח*).

כט (לג) עס איז אסור צו רייסען די געוויקסען פון א בלומען־טאָפּ אפילו ווען דער טאָפּ איז ניט געלעכערט און זאָגאר ווען ער שטעהט אין שטוב.

ל. (לד) אויב ער האָט געריסען די געוויקסען פון א געלעכערטען בלומען־טאָפּ וואָס שטעהט אויף דער ערד איז ער חייב (יט*).

(לה) אפילו ווען דאָס לאָך פונ'ם בלומען־טאָפּ איז ניט אויפ'ן באָדען (דנאָ) נאָר אין דער וואַנט פון טאָפּ און איז אנטקעגען די ערד איז ער חייב.

לא. (לו) אויב ער האָט געריסען געוויקסען פון א געלעכערטען בלומען־טאָפּ, אפילו ווען ער שטעהט ניט אויף דער ערד נאָר הייגט אין דער לופט, אָדער שטעהט אויף נעגעל, און די לופט טהיילט אָפּ דעם טאָפּ פון דער ערד, איז ער אויך חייב (כ*).

לב. (לז) עס איז אסור צו נעהמען א בלומען־טאָפּ פון דער ערד און איהם אוועקשטעלען אויף נעגעל, סיי דער טאָפּ איז געלעכערט סיי ניט גע־לעכערט, סיי א הילצערנער סיי אן ערדענער, איז אלס אסור (כא*).

לג. (לח) אויב ער נעהמט אוועק פון דער ערד א געלעכערטען בלומען־טאָפּ און ער שטעלט איהם אויפ'ן טיש איז ער חייב (כב*).

מען דארף זיין פאָרזיכטיג ניט צו נעהמען די בלומען־טעפּ פון הויף אין שטוב אריין, ווייל ס'איז פונקט אזוי ווי ער רייסט צוגעוואַקסענע געוויקסען.

לד. (לט) אויב א צווייג האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעריסען פון בוים פאַר שבת און אויף דעם צווייג איז פאַראַן פרוכט איז מותר די פרוכט אָפּ־צורייסען אום שבת.

---

מקור חיים

(לג) שו"ע או"ח של"ו סעי' ז'. (לד) שו"ע הגאון רז"ש. (לה) משנה ברורה. (לו) שו"ע הגאון רז"ש. (לז) שו"ע או"ח של"ו סעי' ח'. (לח) משנה ברורה מב"י. (לט) שו"ע או"ח סי' של"ו ס"ח ברמ"א ופמ"ג.

שמים מטל

(יח*) שמא יבוא לחשוות גומות ויתחייב משום בונה. (יט*) מפני שהיא כמחובר לקרקע שיונק מן הקרקע ע"י הנקב שמריח לחלוחת הקרקע דרך שם. (כ*) לפי שיונק קצת מן הקרקע דרך האויר. (כא*) איננו חייב משום תולש מן התורה הואיל ועדיין כמחובר אבל אסור מדברי סופרים דגם בזה יש חשש תלישה מדרבנן מפני שמפסיק יניקתו מעט. (כב*) מפני שהיא כמחובר לקרקע שיונק מן הקרקע על ידי הנקב.

קוצר, שניידען אום שבת.

לה. (מ) אן אתרוג, אן עפּעל אָדער אַנדערע פּרוכטען וואָס זיינען צום עסען, איז אסור זיי צו שמעקען אום שבת ווען זיי זיינען נאָך צו־געוואקסען צום בוים (כג*). ווען יום כפור געפאַלט אין א וואָכען־טאָג איז מותר זיי צו שמעקען ווען זאָגאר זיי זיינען צוגעוואקסען צום בוים (כד*).

לו. (מא) עס איז מותר אום שבת צו שמעקען הדסים אָדער בלומען אפילו ווען זיי זיינען נאָך צוגעוואקסען צו דער ערד (כה*).

לז. (מב) עס איז אסור אָפּצובייסען מיט דעם מויל פּרוכטען אום שבת (כו*).

(מג) מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג ניט אָפּצובייסען קיין שום פרוכט פון בוים אום שבת (ווען ער שפּאַצירט אין גאָרטען) (כז*).

לח. (מד) אויב ער רייסט פייגען אָדער אַנדערע פּרוכטען וואָס זיינען דאַר געוואָרען ווען זיי זיינען נאָך אויפ׳ן בוים געוועזען, אָדער ער רייסט פרוכט פון א פאַרדאַרטען בוים, איז ער חייב (כח*).

לט. (מה) עס איז אסור צו נוצען די זאַכען וואָס זיינען אָנגעלעהנט אָן בוים.

(מו) אויב א לייטער איז אָנגעלעהנט אָן בוים איז אסור צו געהן אום שבת אויפ׳ן לייטער (כט*).

מ. (מז) אויב א נאָגעל איז אָנגעקלאַפּט אָן בוים און א לייטער איז אָנגעלעהנט (ערב שבת) אָן דעם נאָגעל, איז מותר צו געהן אויפ׳ן לייטער אום שבת (ל*).

מא. (מח) אויב א קיישעל הייגגט אויפ׳ן בוים און אין קיישעל איז פאַראַן זאַכען, איז אסור אַרויסצונעהמען די זאַכען פון קיישעל אום שבת (לא*).

---

## מקור חיים

(מ) שם סעי׳ ו׳. (מא) שם. (מב) תוספתא פרק י׳ דשבת. (מג) שערי תשובה. (מד) שו״ע או״ח סעיף י״ב ונשמת אדם. (מה) שו״ע סעי׳ י״ג. (מו) שו״ע הגאון רז״ש. (מז) משנה ברורה. *) (מח) שו״ע של הגאון רז״ש.

## שמים מטל

(כג*) גזירא שמא יקיץ אותם כדי לאכלם. (כד*) דלא חיישינן שמא יאכלנה. (כה*) שהרי אין הנאתו אלא ריחו וזה יכול לעשות אפילו בעודו מחובר ולמה יקצצנה. (כו*) פטור מן התורה שאין דרך תלישה בכך אלא ביד בלבד מ״מ אסור מד״ס. (כז*) יש בזה שני אסורים משום קוצר ומשום מוקצה. (כח*) אע״פ שהם כתלושין לענין טומאה. (כט*) שבעליתו הוא משתמש בצדדי האילן. (ל*) שהיתד הוא צדדין והסולם הוא צדי צדדין. (לא*) הכלכלה נקראת צדדין ואסור ליטול ממנו החפץ.

*) אבל לשון הרז״ש וכן לשון השו״ע מותר לסמוך הסולם, עיין שם.

קוצר, שניידען אום שבת.

מב. (מט) ווען אויפ'ן בוים איז דאָ אַ נאָגעל און דאָס קיישעל הייננט אויפ'ן נאָגעל איז מותר ארויסצונעהמען די זאכען פון קיישעל אום שבת, ווען מיט דעם ארויסנעהמען די זאכען פון קיישעל וועט דער בוים זיך ניט שאָקלען (לב*).

מג. (נ) עס איז אסור אראָפּצונעהמען דאָס קיישעל פונ'ם נאָגעל אום שבת (לג*).

מד. (נא) עס איז אסור פאַר אַ שוואכען מענש זיך אָנצולעהנען אָן בוים אום שבת (לד*).

(נב) עס איז מותר פאַר אַ געזונטען מענש זיך אָנצולעהנען אָן בוים אום שבת, ווען מיט זיין אָנלעהנען וועט זיך דער בוים ניט שאָקלען (לה*).

מה. (נג) עס איז מותר אָנצוריהרען דעם בוים אום שבת.

מו. (נד) עס איז אסור דעם בוים צו שאָקלען (לו*).

מז. (נה) עס איז אסור ארויסצונעהמען דעם וואקס פון בינשטאָק אום שבת אויב דער וואקס איז באהעפטעט צום בינשטאָק (לז*).

מח. (נו) אויב דער וואקס איז אָפּגעריסען פון בִינשטאָק ערב שבת און ער ליגט שבת אין בינשטאָק איז מותר דעם וואקס ארויסצונעהמען און צו עסען דעם האָניג וואָס איז ארום דעם וואקס.

(נז) אָבער ער טאָר ניט ארויסנעהמען דעם האָניג פון דעם וואקס (לח*).

מט. (נח) עס איז אסור צו עסען אום שבת די פרוכטען וועלכע זיינען שבת פון בוים אראָפּגעפאַלען (לט*).

נ. (נט) עס איז אסור צו ווארפען אום שבת אַ שטיין אָדער אַן אנדער זאַך אויפ'ן בוים כדי דערמיט די פרוכטען פון בוים אראָפּצוהאַקען.

---

## מקור חיים

(מט) שם. (נ) שם. (נא) משנה ברורה ממחצית השקל. (נב) מ"ב ממחצית השקל. *) (נג) רמ"א סעי' י"ג. (נד) שם. (נה) שו"ע או"ח סי' שכ"א סעי' י"ג. (נו) רמ"א שם. (נז) משנה ברורה. (נח) שו"ע או"ח סימן שכ"ב סעי' ג'. (נט) ספר כלכלת שבת מגמרא שבת דף ע"ג.

## שמים מטל

(לב*) היתד נקרא צדדין והכלכלה נקראת צדי צדדין. (לג*) שבנטילה זו הוא משתמש ביתד שהוא צדדין. (לד*) תש כח צריך לסמוך בכל כחו עליו ונקרא משתמש במחובר ואסור. (לה*) אדם בריא אין סומך עליו אלא מעט ולא נקרא משתמש במחובר. (לו*) דזה גופא שמוש הוא. (לז*) שדומה לתולש כי מקום גידול הדבש הוא בכורת וחשבוהו חכמים כמחובר. (לח*) דזה בכלל מפרק. (לט*) שמא יעלה ויתלוש, וגם משום מוקצה.

*) אבל החיי אדם ובספר כלכלת שבת פירשו שיש חילוק בין אילן בריא או תש.

קוצר, שניידען אום שבת.

נא. (ס) עס איז אסור, אפילו מיט די פיס, צו רייסען די געוויקסען אום שבת.

נב. (סא) עס איז אסור צו רייטען אָדער זיך אָנצוהייגען אָן א בהמה אום שבת (מ*).

(סב) ווי אויך אָנצולעהנען אָדער נוצען די בהמה אין אלגעמיין (מא*).

נג. (סג) עס איז אסור צו רייטען אויף א בהמה אום שבת אפילו אין אזעלכע ערטער וואו עס וואקסען ניט קיין צווייגען (צום ביישפיעל, א מדבר אָדער א וויסטע.)

נד. (סד) עס איז אסור אום שבת ארויפצוזעצען א קינד אויף דער זייט פון א בהמה און עס אראָפּגליטשען פון דער בהמה, ווי דאָס ווערט פאר'ן קינד א שפּיעל.

נה. (סה) עס איז אסור אום שבת אריינצוגעהן אין א וואָגען צו וועלכען א בהמה איז צוגעשפּאנט; אפילו ווען א גוי טרייבט אָן די בהמה און זי געהט ניט ארויס פון תחום, איז דאָך אסור (מב*).

נו. (סו) עס איז מותר אום שבת אריינצוגעהן אין א שיף, וועלכע ווערט געשלעפּט אויפ'ן וואסער פון בהמות, און די בהמות געהען אויף דער יבשה (מג*).

נז. (סז) אויב ער זעצט זיך רייטען אויף דער בהמה אום שבת, אפילו ווען ער האָט געוואוסט אז מען טאָר ניט רייטען אום שבת, מוז ער באלד אראָפּגעהן פון דער בהמה (מד*).

נח. (סח) עס איז מותר אום שבת אוועקצושטעלען די בהמה אויף אָנגעוואַקסענע גראָזען (מה*).

נט. (סט) דער איסור קוצר איז אויך שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(ס) תוספתא פרק י'. (סא) שו"ע סימן ש"ה סעי' י"ח. (סב) שו"ע הגאון רז"ש סימן ש"ה סעי' כ"ג. (סג) משנה ברורה. (סד) שו"ע הגאון רז"ש סי' ש"ה. (סה) שם. (סו) שם. (סז) שם. (סח) שו"ע או"ח סימן שכ"ד סעי' י"ג. (סט) שו"ע או"ח סימן תצ"ה ס"ב מקורו בירושלמי ומובא ברא"ש רפ"ג דביצה.

## שמים מטל

(מ*) שמא יבוא לחתוך זמורה מאילן המחובר כדי להנהיג בה הבהמה שרוכב עליה וחייב ע"ז משום תולש שהוא תולדה דקוצר. (מא*) שכללו חכמים שמוש בבעלי חיים בכלל גזירת הרכיבה. (מב*) שהנכנס לקרון ה"ז משתמש בדבר המונח על צדי הבהמה ואסור. (מג*) שאין לחוש בהולך בספינה שמא יחתוך זמורה להנהיג הבהמות כמו שיש לחוש ביושב בקרון. (מד*) משום צער בעלי חיים לא גזרו כמו שגזרו באילן דלא ירד עד מוצ"ש. (מה*) ולא חיישינן שמא יתלוש מהם דאיסור המור הוא וזהיר ביה.

## חידושים מס' אגלי טל וזה"ל:

ס"ג. יראה לי דעציץ שאינה נקוב רק שמקצת גידולין של אותו העציץ יצאו חוץ לעציץ ורואין פני הקרקע שוב הוי כל הגידולין אפי' מה שבתוך העציץ כמחובר וכו'.

# מעמר, צוזאַמענגעהמען אום שבת די תבואה און מאַכען אַ קופּע.

א. (א) אויב ער נעהמט צוזאַמען אום שבת געשניטענע תבואה פון דעם אָרט וואו עס איז געוואַקסען אַזוי ווי די געוואָהנהייט איז אַז נאָך דעם שניט פון די תבואה מאַכט מען אַ קופּע פון די תבואה, און דאָס צונאַנד נעהמען פון די תבואה איז געוועזען פיר מענשליכען נוץ צום עסען, אויב עס איז געווען אַזוי פיעל ווי איין געטריקענטער פייג, דאָס הייסט אַ דריטעל איי פון אַ הון, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט צוזאַמען גענומען פון דעם אָרט וואָס איז געוואַקסען אַלע סאָרטען ערד געוויקס, צום ביישפּיעל פּרוכט אָדער גרינ־וואַרג אָדער האָלץ אָדער גראָזען און עס איז אַזוי פיעל ווי אַ דריטעל איי פון אַ הון, איז ער חייב.

ג. (ג) מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג ביי דעם היטען אין גאָרטען אַז מען זאָל ניט צוזאַמען נעהמען די פּרוכט אום שבת אפילו דאָס וואָס איז אַראָפּ געפאַלען בעפאָר שבת, זאָגאַר אַ גאַנץ קליין ביסעל פּרוכט (ב*).

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ח מ"ה שבת ה"ה ומג"א סי' ש"מ ס"ק ט"ז. (ב) ש"ע או"ת סי' ש"מ ס"ט משנה ברורה שם ס"ק ל"ז. (ג) משנה ברורה סי' ש"מ שם.

## שמים מטל
## (המשך מספר אגלי טל מדף הקודם).

וכן הנזרע בעציץ של עץ שאינו ניקוב רק שעומד על גבי קרקע ומתלחלח מלחלוחית הקרקע נמי חשוב מחובר וי"א דאף בעציץ של עץ לא חשיב מחובר אלא אם הי' נקוב.

ס"ו יראה לי שהמנענע את האילן או מרעידו כדי שישיר פירותיו ה"ז תולדת קוצר.

ס"כ. הדס במחובר מותר לתרית בו ונכון להחמיר אף בהדס במחובר.

סכ"ח. ספינה שבהמות מושכין אותה משפת הנהר לחוץ ע"י חבלים ארוכים שקשורין לצידי הבהמה ואין הבהמה סמוכה להספינה דעת מהרי"ק והרמ"א להתיר לישב בה, ולפיע"ד יש לאסור.

(א*) אב מלאכה. (ב*) כי יש בזה חיוב חטאת.

## הערה.

נוכל לראות גודל הפגם של חלול שבת שנוגע אף לדבר הדומם שנעבדה בו עבירה, עיי' בילקוט שמעוני ירמי' בזה"ל: בעוה"ז אדם לוקט תאנים בשבת אין התאנה אומרת לו כלום אבל לעתיד לבא צווחת ואומרת שבת היום, וכן יש דוגמא במד"ר אמור לענין לולב הגזול אדם לוקח לולב לזכות בו ואם הי' גזול צוות לפני הקב"ה ואומר גזל אני חמס אני ע"כ.

מעמר, צוזאמענגעהמען אום שבת די תבואה און מאכען א קופע.

ד. (ד) עס איז מותר צוזאמען צו נעהמען די פירות וואס זיינען פערשפרייט אין שטוב (ג*).

ה. (ה) עס איז אסור צוזאמען צו נעהמען דאס זאלץ פון דעם ארט וואס די זוהן טריקענט דאס וואסער און עס ווערט דערפון זאלץ (ד*).

ו. (ו) אויב דאס זאלץ איז פערשפרייט אויף אן אנדער ארט איז מותר דאס צוזאמען צו נעהמען.

ז. (ז) אויב ער לעכערט פייגען און ציהט זיי אויף א שנור און זיי זוערען צונאנד ווי איין שטיק, זאגאר ער טהוט דאס אין שטוב איז ער חייב. ווען ער נעהמט צוזאמען פייגען און מאכט זיי פעסט און רונדיג זאגאר ער מאכט דאס אין שטוב איז ער חייב (ה*).

ח. (ח) עס איז אסור צוזאמען צו נעהמען די געשניטענע תבואה זאגאר וויינינגער ווי א דריטעל איי פון א הון.

ט. (ט) דער איסור פון מעמר איז שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(ד) משנה ברורה שם. (ה) ש"ע או"ח ש"מ ס"ט. (ו) משנה ברורה שם. (ז) ש"ע ש"מ ס"ו ומשנה ברורה מנשמ"א. (ח) דקיי"ל חצי שיעור אסור מה"ת. (ט) תוס' ביצה ד"ג ורא"ש ריש פ"ג דביצה בשם הירושלמי.

## שמים מטל

ג*) דשלא במקום גידולו אפילו איסורא נמי ליכא כשקבצן ביחד. (ד*) אין זה איסור מדאורייתא דאין עימור אלא בגידולי קרקע מ"מ אסור מדרבנן שדומה למעמר ששם מקום גידולי של המלח ודומה לשבלים שבשדה. (ה*) שדרכן של אותן פירות לחברן באופן זה וזה רק תולדה.

## חידושים מס' אגלי טל וזה"ל:

בס"ה ואפי' אם אסף איזה שבלים למקום אחד שכבר מונח שם שבלים מצטרפין המונחים מכבר להשלים השיעור אף שלא עשה בהם שום מעשה וכו'.

ס"ו ותולדת מעמר מדבריהם לדעת הפוסקים דאין עימור מה"ת אלא בגידולי קרקע. הוא המקבץ דברים שאינם גידולי קרקע כגון ביצים או מלח. לדעת קצת רבותינו הראשונים ז"ל אפי' שלא ממקום הויתן. ולדעת קצת רבותינו ז"ל דוקא ממקום הויתן, מפני שנראה כמעמר ובשל סופרים הלך אחר המקיל ואין איסור שלא בגידולי קרקע שלא ממקום הויתן.

## דש, דרעשען די תבואה פון די זאנגען אום שבת.

א. (א) אויב ער דרעשט די תבואה דורך א דרעשער און די תבואה וואס ער האט אויסגעדראשען איז אזוי פיעל ווי א געטריקענטע פייג, דאס הייסט ווי א דריטעל איי פון א הון איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער נעהמט ארויס מיט די האנט די תבואה פון די שטרוי אדער ער נעהמט ארויס די ניס פון די גרינע שאהל אדער ער נעהמט ארויס די קאשטאנעס פון די גרינע שאהל אדער ער נעהמט ארויס די מאן פון די שאהל, אדער ער נעהמט ארויס די ארבעס פון די שויט, אויב וואס ער האט ארויסגענומען איז אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הון איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) אויב א בגד איז אנגעזאפט מיט משקה, צום ביישפיעל רויט וויין אדער ביער און ער פרעסט אויס די משקה וואס איז אנגעזאפט אין בגד און ער וויל נוצען די משקה איז ער חייב.

ד. (ד) אויב ער האט אויסגעפרעסט אויל פון איילבערטען, אדער ער האט אויסגעפרעסט וויין פון וויינטרויבען איז ער חייב.

ה. (ה) מען דארף זיין פארזיכטיג מען זאל קיין שום פרוכט נית אויספרעסען זייער זאפט צו טרינקען, זאגאר פיר א רפואה זאל מען נית אויספרעסען די פרוכט. אויב די פרוכטען זיינען געקאכט איז מותר זיי אויסצופרעסען (ג*).

ו. (ו) אויב ער וויל אויספרעסען לעמאנעס כדי ער זאל זייער זאפט מיט געצוקערט וואסער פאר א טרונק נוצען זאל ער נית זייער זאפט אין וואסער ארייןפרעסען נאר ער זאל דעם זאפט אויף דעם צוקער פרעסען און דעם צוקער נאכהער אין וואסער ארייןשיטען (ד*).

ז. (ז) עס איז אסור צו זייגען מיט די ליפען איילבערטען אדער וויינ־טרויבען. עס איז מותר צו נעהמען די וויינטרויבען אדער די איילבערטען אין מויל אריין און מיט דעם מויל דאס אויס צו פרעסען און די קערענדלאך פון מויל ארויס צוווארפען. עס איז גוט צו זיין פארזיכטיג נית צו זייגען מיט די ליפען וויין וואס איז אנגעזאפט אין ברויט.

---

### מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ח מה' שבת ה"ז ושם הלכה ה'. (ב) רמב"ם שם הלכה ז' בספר כלכלת שבת. (ג) ש"ע הגרז"ש סי' ש"ך ס"ק כ"א. (ד) רמב"ם פכ"א מה' שבת הי"ב. (ה) ש"ע הגרז"ש ש"ך ס"א ט"ז סי' ש"ך סק"ה. (ו) משנה ברורה סי' ש"ך. (ז) רמ"א סי' ש"ך ס"א ומשנה ברורה בשם הא"ר ומשנה ברורה בשם הפמ"ג. וש"ע הגרז"ש סי' ש"ך סק"ב.

### שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) דהקליפה אינה ראוי לאכילה והרי היא כקש והיא תולדה. (ג*) דהוא סוחט כל אוכל ממנה ולא להוציא מימיו. (ד*) שכל משקה הבא לאוכל הרי היא כאוכל ואין עליו שם משקה כלל.

דש, דרעשען אום שבת.

ח. (ח) עס איז אסור צו טרינקען די משקה וואָס האָט געראָנען אום שבת פון אייל בערטען אָדער פון וויינטרויבען (ה*). אין מוצ"ש איז די משקה מותר צו טרינקען.

ט. (ט) אויב עס האָט געראָנען אום שבת משקה פון מילגרוימען אָדער פון בארנעס אָדער פון עפּעל, אויב ער האָט זיי געלייגט אין די כלי מיט דער מיינונג זיי צו עסען און ניט זייער משקה אויס צו פּרעסען צום טרינקען איז די משקה מותר צו טרינקען אום שבת (ח**). אויב ער האָט גאָר קיין שום מיינונג געהאַט אין דער צייט וואָס ער האָט די פירות געלייגט אין די כלי איז זייער זאַפט אסור צו טרינקען אום שבת.

י. (י) וויינטרויבען אָדער איילבערטען ווען זאָגאר ער האָט זיי געלייגט אין די כלי מיט דער מיינונג אז ער זאָל זיי עסען, און עס האָט גע־רונען פון זיי די משקה אום שבת, איז די משקה אסור אום שבת (ו*).

יא. (יא) איילבערטען אָדער וויינטרויבען אויב זיי זיינען צוריבען פון בעפאָר שבת און אום שבת רינט פון זיי זאַפט איז מותר צו טרינקען דעם זאַפט אום שבת (ו**).

יב. (יב) אויב וויינטרויבען ליגען אין א פאַס וויין אום שבת און זיי פּלאַצען אום שבת און זייער זאַפט רינט פון זיי און עס מישט זיך אויס מיט די וויין פון פאַס איז מותר צו טרינקען דעם וויין פון פאַס אום שבת זאָגאר די וויינטרויבען זיינען ניט צוריבען פון בעפאָר שבת (ז*). אויב די וויינ־טרויבען ליגען ניט אין פאַס וויין נאָר זיי ליגען נעבען פאַס וויין און זיי פּלאַצען און זייער זאַפט רינט אין פאַס וויין אריין און מישט זיך אויס מיט דעם וויין פון פאַס איז דער וויין אסור ביז מוצ"ש (ח*).

יג. (יג) עס איז אסור צו געבען גאַנצע וויינטרויבען אין א פאַס וויין כדי די טרויבען זאָלען פּלאַצען און זיי זאָלען זיך אויסמישען מיט דעם וויין אין פאַס (ט*).

---

מקור חיים

(ח) ש"ע סי' ש"ך ס"א. (ט) ש"ע שם ומשנה ברורה. (י) ש"ע שם. (יא) ש"ע שם ס"ב. (יב) ש"ע שם ומשנה ברורה וסה"ת. (יג) ש"ע הגרז"ש ש"ך ס"ד.

שמים מטל

(ה*) גזירה שמא יבא לסחטו לכתחילה אם יהי' מותרים. (ח**) דלא ניחא לי' במה שזבו וליכא למגזר שמא יסחוט. (ו*) דניחא לי' בהמשקה שזבו ושמא ימלך לסחיטה. (ו**) שוב אין בזה חיוב חטאת אפי' לסחוט בידים לכן לא גזרו על משקים היוצאים. (ז*) שכל מעט יין היוצאים מן הענבים מתבטל בס' ביין שהיא כבר בגיגית. (ח*) משום דבר שיש לו מתירין דלאחר השבת יהי' לו היתר. (ט*) משום איסור סחיטה ואף שאין סוחט בידיו ממש מ"מ אסור מד"ס.

דש, דרעשן אום שבת.

יד. (יד) עס איז מותר אויס צו פרעסען די וויינטרויבען פון דעם וויין אין א טאפ אדער אין א שיסעל מיט עסען כדי דאס עסען צו פארבעסערען (י*). אויב ער האט אויסגעפרעסט דעם וויין אין א ליידיגע כלי, זאגאר ער מיינט שפעטער צו געבען אין די כלי עסענווארג איז ער חייב (יא*). אויב ער האט אויסגעפרעסט דעם וויין אין א טאפ אדער אין א שיסעל וואס אין זיי איז ניט געווען קיין עסען נאר עס איז אין זיי געוועזען משקה איז ער חייב. עס מוז דוקא זיין אין די כלי עסענווארג דעמאלט איז מותר דעם וויין אויס צו פרעסען.

טו. (טו) אויב די וויינטרויבען זיינען ניט פעהיג צום עסען איז אסור זיי אויס צו פרעסען זאגאר אין א כלי מיט עסען, ווען זאגאר ער וויל דאס באלד עסען (יב*).

טז. (טז) אויב ער האט איינגעלייגט אוגערקעס אדער שאלאטען און זיי זיינען איינגעזאפט מיט דעם וואסער וואס זיי האבען זיך געווייקט איז מותר זיי אויס צו פרעסען פון דעם וואסער זאגאר אין א ליידיגען טאפ אויב זיין מיינונג איז אז מיט דעם פרעסען זאלען זיי זיין בעסער צום עסען און ער וויל די אוגערקעס אדער שאלאטען עסען אום שבת און ער מיינט ניט צו נוצען זייער וואסער (יג*). אויב ער מיינט זייער וואסער צו נוצען איז מותר דאס וואסער פון זיי אויס צו פרעסען נאר ווען ער פרעסט דאס וואסער אין א כלי מיט עסען.

יז. (יז) עס איז אסור צו רייבען שניי אדער האגעל כדי עס זאל רינען פון זיי וואסער (יד*). עס איז מותר צו צוברעכען א שטיקעל פון האגעל ווען זאגאר עס וועט רינען אביסעל וואסער דורך דעם אנברעכען (טו*).

יח. (יח) עס איז מותר צו געבען שניי אדער האגעל אין א כוס וויין אדער

---

מקור חיים

(יד) ש"ע שם ס"ד וביאור הלכה מהמשנה ברורה ד"ה לתוך קדרה ביאור הלכה ד"ה הבא לאוכל בשם א"ר. (טו) ש"ע סי' ש"ך ס"ה ומשנה ברורה. (טז) ש"ע שם ס"ז (יז) ש"ע שם ס"ט בש"ע של הגרז"ש. (יח) ש"ע שם ס"ט.

שמים מטל

(י*) שכל משקה הבא לאוכל כאוכל הוא חשיב ואין עליו שם משקה. (יא*) דבעינן שיסחטנו לתוך התבשיל והלשון של הש"ע היא רק אסור וכן לשון הג' דז"ש ז"ל. (יב*) שאינו כמפריד אוכל מאוכל אלא אוכל מפסולת מפני שאינו ראוי לאכילה וכפסולת היא לגבי יין הנסחט ממנה ויש בזה משום מפרק וגם משום בורר. (יג*) שאז אין בו מפרק כיון שא"צ כלל לדבר המתפרק דהיינו מימיהן. (יד*) גזירה שמא יסחוט פירות העומדים למשקה דהיינו זיתים וענבים. (טו*) שאינו חשוב כלום ושלא נתכוין לזה ועוד שהמים הולכים לאיבוד.

דש, דרעשען אום שבת.

וואסער די משקה קאַלט צו מאַכען ווען זאַגאר דער שניי אָדער דער האָגעל וועט צוגיין (טז*).

יט. (יט) עס איז מותר צו צוברעכען דאָס אייז כדי מען זאָל קענען נעהמען דאָס וואסער וואָס איז אונטער דעם אייז (יז*).

כ. (כ) עס איז אסור צו צוברעכען דאָס אייז פון א טייך אָדער פון א ברונען (יח*). אויב ער ברויכט דאָס צו פארניצען שבת אָדער ער וויל זיך טובל זיין אום שבת איז מותר דאָס אייז פון טייך צו צוברעכען (יט*).

כא. (כא) מען דארף זיין פאָרזיכטיג זיך ניט צו וואשען אום שבת מיט וואסער וואָס עס געפינט זיך אין דעם שניי אָדער האָגעל (כ*). אויב ער וואשט זיך מיט דעם וואסער וואָס געפינט זיך שניי אָדער האָגעל זאָל ער זיין פאָרזיכטיג ער זאָל ניט צורייבען דעם שניי מיט די הענט (כ**).

כב. (כב) מען דארף זיין פאָרזיכטיג מען זאָל זיך ניט אָפּרייבען די הענט מיט זאַלץ (כא*).

כג. (כג) מען דארף זיין פאָרזיכטיג זיך ניט צו וואשען די הענט מיט זייף (כב*).

כד. (כד) עס איז מותר צו שיטען זאַלץ אין וואסער דאָס זאַלץ זאָל צוגיין און מיט דעם זאַלץ וואסער די הענט זיך צו וואשען (כג*) אָבער דאָס וואסער זאָל ניט זיין זעהר פיעל געזאַלצען, צום ביישפּיעל צוויי דריטעל זאַלץ און איין דריטעל וואסער איז אסור.

כה. (כה) עס איז מותר צו געהן אויף שניי זאַגאר דער שניי ווערט דורך זיין געהן צוטרעטען און ווערט וואסער, דאָך איז מותר (כד*).

---

## מקור חיים

(יט) ש"ע שם ס"י. (כ) מג"א סי' ש"ך ס"ק ט"ו ומשנה ברורה. (כא) ש"ע שם סי"א. (כב) ש"ע שם סי"ב ורמ"א סימן שכ"ו ס"י. (כג) ספר זכרו תורת משה ס' כ"ד סקי"ב ורמ"א שם. (כד) ט"ז משנה ברורה ס"ק ל"ת. (כה) ש"ע שם סי"ג.

## שמים מטל

(טז*) כיון דלא עביד מעשה בידים לא גזרו בזה.

(יז*) דשבירת הקרח אינה מלאכה כלל. (יח*) כיון דמחובר לקרקע יש בו חשש סתירה. (יט*) דהרבה אחרונים סוברים דשם מים עליהם ואין שייך בו סתירה ע"כ יש להקל לצורך שבת או לצורך מצוה. (כ*) כדי שלא יבא לידי ריסוק. (כ**) שלא יהי' מרסק. (כא*) דגם בזה יתהוה מים ע"י שיפשוף כמו שלג וברד וגזירה שמא יסחוט פירות העומדין למשקה. (כב*) שנימוח ודומה לריסוק ברד ושלג שאסור משום גזירה שמא יסחוט זיתים וענבים. (כג*) כיון דלא עביד מעשה בידים לא גזרו כמו שהתירו ליתן שלג לתוך הכוס. (כד*) כיון דאינו מתכוון לזה.

דש, דרעשען אום שבת.

כו. (כו) עס איז מותר משתין צו זיין אויף שניי (כה*). אויב אָבער ווען ער האָט קיין גרויסע מיהע צו געפינען אַן אָרט אָהן שניי, זאָל ער בעסער משתין זיין אויף אַן אָרט וואָס איז אָהן שניי (כו*).

כז. (כז) אויב עס האָט זיך פארגאָסען ביער אָדער רויטער וויין אויף דעם טישטוך און ער וויל דאָס אָפּקראַצען מיט אַ לעפעל אָדער מיט אַ מעסער זאָגאַר זיין מיינונג איז נאָר בלויז דאָס טישטוך ריין צו מאַכען און די משקה אוועק צו גיסען, דאָך זאָל ער ניט אָפּקראַצען מיט כח, נאָר ער זאָל לייכט אראָפּנעהמען די משקה וואָס שווימט אויף דעם טישטוך (כז*).

כח. (כח) אויב עס האָט זיך פארגאָסען וואַסער אויף דעם טישטוך זאָל ער זיין זעהר פיעל פאָרזיכטיג דאָס וואַסער וואָס שווימט אויף דעם טישטוך לייכט אראָפּצונעהמען (כח*).

כט. (כט) עס איז אסור דאָס טישטוך אָפּ צו שאָקלען פון וואַסער (כט*).

ל. (ל) אויב ער האָט געמעלקט די בהמה אום שבת אין אַ כלי וואָס אין די כלי איז ניטאָ קיין עסענוואַרג און די מילך איז אַזוי פיעל ווי אַ דריטעל איי פון אַ הון איז ער חייב (ל*). עס איז אסור צו מעלקען אין אַ כלי זאָגאַר עס איז דאָ אין די כלי עסען (לא*). עס איז מותר צו זאָגען צו אַ גוי ער זאָל מעלקען די בהמה משום צער בע"ח, אָבער עס איז אסור צו טרינקען די מילך אום שבת (לב*).

לא. (לא) אויב ער הוסט און זיין רפואה איז ער זאָל זייגען די מילך פון אייטער איז מותר ער זאָל זייגען אום שבת (לג*).

לב. (לב) אַ פרוי זאָל ניט אויספרעסען איהרע ברוסטען די מילך זאָל אריין אין אַ כוס אָדער אין אַ טאָפּ כדי דאָס קינד זאָל עס טרינקען (לד*).

---

## מקור חיים

(כה*) דדומה כדורס שלג ברגליו. (כו*) כי ע"י השתן נימוח השלג. (כז*) כדי שלא יבא לידי סחיטה. (כח*) משום איסור ליבון דאסור מה"ת סחיטתן אפי' א"צ למשקין היוצאין. (כט*) משום איסור ליבון. (ל*) שמפרק חלב מהדד ה"ז תולדת דש שהדש ג"כ מפרק התבואה מהשיבולת. (לא*) שכיון שהבהמה אינה ראוי לאכילה בשבת מחמת איסור שהיטה אין שם אוכל עלי' וה"ה כפסולת והמפרק מתוכה החלב שהיא אוכל ה"ז דומה לדש שמפרק אוכל מתוך פסולת. (לב*) משום משקין שזבו מפירות העומדין לסחיטה. (לג*) שמפרק כלאחר יד היא שאין דרך לינוק מפיו אלא לחלוב לתוך הכלי ולשתות ממנו, לפיכך אין בינוקה איסור מה"ת אלא מד"ס ומשום צערו לא גזרו משום מפרק. (לד*) משום מפרק.

## שמים מטל

(כו) ש"ע שם סי"ד ומשנה ברורה בשם א"ר. (כז) משנה ברורה שם סי' נ"ד וביאור הלכה ד"ה טוב. (כח) משנה ברורה שם. (כט) מסגה"ש בשם הפרמ"ג. (ל) רמב"ם פ"ח משבת ה"ז וש"ע הגרז"ש סי' ש"ה ס"כח. וש"ע סי' ש"ה ס"ד. (לא) ש"ע סי' שב"ח סל"ג. (לב) שם סל"ד.

דש, דרעשען אום שבת.

לג. (לג) עס איז מותר די פרוי זאָל שפּריצען די מילך אויף דער ערד כדי דאָס קינד זאָל זעהן די מילך און אָננעהמען די ברוסט צו זייגען (לה*). אויב דאָס קינד איז זעהר שוואך און קראנק איז מותר צו שפּריצען די מילך פון די ברוסט אין קינד'ס מויל אריין.

לד. (לד) אויב די פרוי האָט צו פיעל מילך אין איהר ברוסט און דאָס מאכט איהר שמערצען, אָדער זי האָט זיך דערשראָקען, אָדער זי האָט זיך געבייזערט און ווען דאָס קינד וועט זייגען די מילך איז עס שעדליך פיר דאָס קינד, איז מותר זי זאָל די מילך אויספּרעסען אויף דער ערד.

לה. (לה) עס איז אסור צו רייבען די כלים מיט זאַלץ אום שבת (לו*). עס איז מותר צו געבען זאַלץ אין וואסער עס זאָל צוגיין און מיט דעם וואסער צו שווענקען די כלים.

לו. (לו) עס איז מותר אויסצולייזיגען די אַרבעס פון די שויטען אויב די שויטען זיינען פעהיג צום עסען און ער וויל די אַרבעס אום שבת עסען (לז*), אָבער ווען יעמאַנד וויל זיך פון דעם אויך אָפּהיטען איז זעהר גלייך.

לז. (לז) אויב ער וויל עסען נים וואָס זיי האָבען אויף זיך נאָך די גרינע שאָהל וואָס זיינען געוואַקסען צוגעוואַקסען אויף דעם בוים זאָל ער ניט די גרינע שאָהל אָפּשיילען פון די האַרטע שאָהל, נאָר ער זאָל צוברעכעןביידע שאָהלען און די נים פון ביידע שאָהלען אַרויסנעהמען. דאָס זעלבע איז אויך ביי מאָן, ער זאָל ניט שיילען די גרינע שאָהל.

לח. (לח) עס איז אסור צו דרעשען זאַנגאר ווייניגער ווי א דריטעל פון אן איי. דער איסור דש איז אויך שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(לג) שם סל"ה ושער הציון לבעל המשנה ברורה ס"ק פ"א. (לד) ספר זכרו תורת משה ומשאת שבת. (לה) ש"ע שכ"ג ס"י. (לו) מג"א סי' שי"ט סק"ח והגרז"ש בסידור. (לז) משאת שבת ורמ"א ס' שי"ט ס"ו. (לח) דקיי"ל דח"ש אסור מן התורה. (לט) ירושלמי מובא בתוס' ביצה ד"ג.

## שמים מטל

(לה*) כיון שהחלב הזה הולך לאיבוד אין בו משום מפרק מה"ת אלא מד"ס ולצורך התינוק לא גזרו. (לו*) שהמלח נמחה כשתופף בחזקה ויתהוה מים והוא דומה לריסוק השלג והברד שגזרו בהם משום פירות העומדין למשקה. (לז*) דהוי כמפריד אוכל מאוכל.

## חידושים מספר אגלי טל וזה"ל:

שם בסי"א הסוחט את הבגד להוציא ממנו משקין שנבלעו בו חייב משום דש בד"א בבגד פשתן או צמר גפן וכיוצא בו שהיא גידולי קרקע אבל בגד שאינו גידולי קרקע פטור וי"א שלעולם פטור משום דש וכן עיקר.

## זורה, ווינדשויפלען די תבואה אום שבת.

א. (א) אויב ער נעהמט א שופעלע תבואה און ווארפט עס אין דער לופט דער ווינט זאל די תבואה צושפרייטען, די פלעוועס זאלען פון די תבואה אוועק געבלאזען ווערען, אויב עס איז פיר מענשליכען געברויך און די תבואה איז אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הון, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער נעהמט די תבואה אין דער האנד און ווארפט זי אין דער לופט די תבואה זאל פון די פלעוועס גערייניגט ווערען, אויב עס איז פיר מענשליכען נוצען צום עסען, איז ער חייב אויב עס איז אזוי פיעל תבואה ווי א דריטעל איי פון א הון (ב*).

ג. (ג) אויב ער רייניגט די תבואה דורך דעם ווארפען אין דער לופט מיט דעם מיינונג אז די תבואה זאל זיין פיר די בהמה צום עסען, אויב עס איז אזוי פיעל תבואה וואס א קאזע קען זיך דאס מויל פול מאכען איז ער חייב.

ד. (ד) אויב ער שפייט אין דער לופט און די לופט צושפרייט די שפייעכטץ איז ער חייב.

ה. (ה) מען דארף זיין פארזיכטיג ניט צו ווארפען אזעלכע זאכען וואס דער שטייגער איז דער ווינט זאל עס צושפרייטען אויף אזא אן ארט וואס דער ווינט וועט דאס צושפרייטען.

ו. (ו) עס איז אסור צו צושפרייטען תבואה אין דער לופט זאגאר עס איז ווייניגער ווי א דריטעל איי פון א הון.

(ז) דער איסור פון זורה איז שייך אויך אום יום טוב.

---

### מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ח מה' שבת הי"א וה"ה ובמשנה ברורה סי' שי"ט ס"ק ס"ח. (ב) ס' אגלי טל במלאכת זורה. (ג) רמב"ם פ"ח משבת ה"ה. (ד) רמ"א בש"ע או"ח סי' שי"ט סי"ז. (ה) ס' זכרו תורת משה. (ו) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת. (ז) ירושלמי מובא בתוס' ביצה ד"ג.

### שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה.

### הידושים מספר אגלי טל וזה"ל:

ס"י ירושלמי רקק והפריחתו הרוח חייב משום זורה והביאו קצת פוסקים ונראה לי שלא הביאו רק לחומרא בעלמא כי לפי הגמ' דידן אין זה ענין למלאכת זורה כלל.

# מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

א. (א) כדי מען זאָל ניט קומען צו קיין חיוב חטאת משום בורר דארפען זיין די 3 פונקטען צוזאמען דעמאָלט איז מען ערלויבט זאָגאר לכתחילה צו קלויבען :—1. מען זאָל ארויסקלויבען די נוצבארע פון די ניט נוצבארע. 2. מען זאָל דאָס נוצליכע מיט די האַנט קלויבען, און 3. זיין מיינונג זאָל זיין דאָס געקליבענע באלד צו עסען פיר זיך אָדער פיר בהמות אָדער פיר די עופות (א*).

ב. (ב) אויב עס פעהלט איינס פון די 3 פונקטען, צום ביישפיעל, ער קלויבט אויס דאָס ניט נוצליכע פון נוצליכען און דאָס אויסגעקליבענע איז אזוי גרויס ווי א געטריקענטע פייג, דאָס הייסט ווי איין דריטעל איי פון א הון, איז ער חייב (ב*). אָדער ער קלויבט מיט א זיפּ אזוי פיעל ווי איין דריטעל איי פון א הון איז ער חייב (ג*). אָדער ער קלויבט דאָס אוועק צו לייגען פיר שפּעטער צום עסען, זאָגאר ער מיינט דאָס צו עסען אום שבת, אויב דאָס אויסגעקליבענע איז אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הון איז ער חייב (ד*).

ג. (ג) אויב ער קלויבט פיר די נוץ פון שפּעטער אָדער ער קלויבט ניט נוצליכען פון נוצליכען, זאָגאר ער קלויבט מיט איין האַנט, אויב עס איז ווי א דריטעל איי פון א הון איז ער חייב.

ד. (ד) ווען זאָגאר דאָס גוטע איז מעהר ווי דאָס שלעכטע און מיט זיין קלויבען דאָס גוטע וועט ער מעהר מיהע האָבען, דאָך זאָל ער דאָס גוטע פון שלעכטען ארויסקלויבען.

ה. (ה) עס איז אסור צו קלויבען מיט א כלי וואָס איז געמאכט אזוי ווי א רינע וואָס שאָקעלט זיך און טהיילט אָפּ די פּלעוועס פון געוויקס (ה*).

---

מקור חיים

(א) משנה ברורה סי' שי"ט ס"א ביאור הלכה שם בפמ"ג ד"ה כדי לאכול לאלתר. (ב) רמב"ם פ"ח מה' שבת הי"א ורמב"ם שם ה"ה וש"ע או"ח סי' שי"ט ס"א ש"ע שם ס"ב. (ג) רמב"ם שם הי"ג ועיי' ביאור הלכה לבעל משנ"ב סי' שי"ט ד"ה הבורר פסולת. (ד) סי' שי"ט ברמ"א ס"ד. (ה) ש"ע שם ס"א.

שמים מטל

(א*) שנטילת האוכל ביד מתוך פסולת כדי לאוכלו מיד אין זה מענין מלאכה כלל שדרך אכילה כך היא שהרי אי אפשר לאכול הכל האוכל עם הפסולת. (ב*) שאין זה דרך אכילה אלא דרך תיקון האוכל שיהי' ראוי לאכילה וה"ז מלאכה גמורה. (ג*) שהוא כלי המיוחד לכך ואסרה תורה. (ד*) דלא שייך כאן לומר דרך אכילה כך היא כיון שאינו אוכל לאלתר. (ה*) גזירה משום נפה וכברה.

מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

ו. (ו) דאָס וואָס מיר האָבען געזאָגט ביי דעם דריטען פונקט דאָס זיין מיינונג מוז זיין דאָס געקליבענע באַלד צו עסען, מיינט מען ניט דאָס ער מוז עס תיכף אויפעסען, נאָר דאָס מיינט ער זאָל שוין געהן עסען די סעודה וואָס ער וועט ברויכען נוצען דאָס געקליבענע, ווען זאָגאר די סעודה וועט דויערען עטליכע שעה און דאָס מאכל וועט ער צו ענדע עסען, איז עס אויך מותר און דאָס הייסט באַלד (ו*).

ז. (ז) עס איז מותר דאָס איינער זאָל אויסקלויבען פיר זיך און פיר אַלע וואָס ווילען מיט איהם מיטעסען די סעודה וואָס ער געהט שוין עסען.

ח. (ח) אויב ער קלויבט אַזוי פיעל עס זאָל בלייבען פיר נאָך דער סעודה איז ער חייב, אויב עס איז אונגעריכט געבליבען פיר נאָך דער סעודה איז ער ניט חייב (ז*).

ט. (ט) דער איסור פון בורר איז נאָר אַז ער קלויבט ניט נוצליכעס פון נוצליכעס, אָבער ווען ער קלויבט גוטעס פון גוטעס, צום ביישפיעל גוטע ברויט פון גוטע ברויט, ווען זאָגאר ער וויל איין שטיק ברויט אוועקוואַרפען אָדער ער וויל עס בעהאַלטען, איז מותר צו קלויבען דאָס וואָס ער וויל אוועקוואַרפען אָדער דאָס שטיק ברויט וואָס ער וויל בעהאַלטען (ח*).

י. (י) אויב עס ליגט אויסגעמישט ווערעמדיגע אָדער פאַרפוילטע פרוכט מיט גוטע פרוכט, אָדער פרוכט וואָס איז מיט זאַמד איינגעריכט ליגט אויס־געמישט מיט ריינע, זאָל ער זיין פאָרזיכטיג ביי זייער אויסקלויבען דאָס ער זאָל מיט דער האַנט די גוטע אויסקלויבען און נאָר אַזוי פיעל ווי ער ברויכט פיר דער סעודה וואָס ער געהט שוין עסען (ט*).

יא. (יא) ווען עס ליגען אויסגעמישט אָנגעברענטע פיש אין ניט אָנגעברענטע, אויב ער וויל די ניט אָנגעברענטע אַרויסקלויבען מוז ער מיט דער האַנט קלויבען און נאָר אַזוי פיעל וויפיעל ער ברויכט פיר דער סעודה וואָס ער געהט שוין עסען, אויב עס ליגען אויסגעמישט געקאָכטע פיש וואָס

---

## מקור חיים

(ו) רמ"א שם. (ז) רמ"א שם וש"ע הגרז"ש ובמשנה ברורה כתוב דמותר לברור אפי' אם אין אוכל בעצמו עמהם והאי עמו שכתב הרמ"א לאו דוקא. (ח) משנה ברורה בשם הטור. (ט) ש"ע הג' רז"ש. (י) משנה ברורה בשם פמ"ג וחיי"א. (יא) משנה ברורה שם.

## שמים מטל

(ו*) כיון שהברירה היא סמוך להסעודה. (ז*) כיון שכבר בירר בהיתר. (ח*) ואין נקרא פסולת בשביל שרוצה לזרקו הואיל והוא ראוי לאכילה. (ט*) שהפירות מותלעים ומעופשים וכן פירות שנפלו לארץ ונתערבו בעיפוש חמה פסולת.

מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

זיינען געוועז בעפאָר דעם קאָכען לעבעדיגע פיש מיט אזעלכע וואָס האָבען בעפאָר דעם קאָכען ניט געלעבט, אויב ער וויל די לעבעדיגע ארויסקלויבען מוז ער מיט דער האנט קלויבען און באלד צו פארנוצען.

יב. (יב) אויב עס ליגט אויסגעמישט זויערע עפעל מיט זיסע עפעל, ווען ער וויל די זיסע ארויסקלויבען מוז ער זיי מיט דער האנט קלויבען און נאָר אזוי פיעל וויפיעל ער ברויכט פיר דער סעודה וואָס ער געהט שוין עסען (י*).

יג. (יג) אויב עס ליגט אויסגעמישט צוויי פארשיעדענע סאָרטען עסענ־ווארג און ער וויל 1 סאָרט באלד עסען און דעם צווייטען סאָרט אין אן אנדער צייט עסען, מוז ער ארויסקלויבען מיט דער האנט פון דעם סאָרט וואָס ער וויל באלד עסען און נאָר אזוי פיעל וויפיעל ער ברויכט פיר דער ערשטער סעודה, און דעם צווייטען סאָרט לאָזען ליגען, אויב ער האָט אויס־געקליבען דעם סאָרט וואָס ער וויל עסען אין אנ'אנדער צייט איז ער חייב ווען זאָגאר ער מיינט דאָס אום שבת צו עסען (יא*).

יד. (יד) 2 סאָרטען פיש הייסען 2 פארשיעדענע סאָרטען עסענווארג, אויב זיי ליגען אויסגעמישט און ער וויל אויסקלויבען 1 סאָרט באלד צו עסען און דעם צווייטען סאָרט שפּעטער צו עסען מוז ער מיט דער האנט קלויבען פון דעם סאָרט וואָס ער וויל באלד עסען און נאָר אזוי פיעל ווי־פיעל ער ברויכט פיר דער סעודה וואָס ער וויל באלד עסען און דעם צווייטען סאָרט איבערצולאָזען אויף דעם אָרט.

טו. (טו) אויב עס ליגען אויסגעמישט געבראָטען פלייש מיט גע־קאָכטע פלייש, אָדער עס ליגען פארשיעדענע סאָרטען עופות־פלייש, ווען ער וויל אויסקלויבען איינס פון אנדערען מוז ער מיט דער האנט אויסקלויבען פון דעם מין וואָס ער וויל באלד עסען און נאָר אזוי פיעל וויפיעל ער ברויכט באלד צו עסען (יב*).

טז. (טז) אויב עס ליגען אויסגעמישט 2 סאָרטען כלים און ער וויל ארויסקלויבען 1 סאָרט באלד צו נוצען מוז ער די נוצליכע קלויבען און די

---

## מקור חיים

(יב) שם. (יג) ש"ע או"ח שי"ט ס"ג. (יד) רמ"א שם. (טו) משנה ברורה שם בשם חיו"א. (טז) ש"ע הגרז"ש שם.

## שמים מטל

(י*) שתפוחים חמוצים דומה לפסולת. (יא*) דזה המין שרוצה לאכול לאלתר נקרא אוכל והשני חשוב כפסולת ולכן צריך לברור בידו אותו המין שרוצה לאכול לאלתר מתוך השני דהיינו אוכל מתוך פסולת. (יב*) דבשר צלי ומבושל מיקרי ב' מינים לענין זה.

ניט נוצליכע לאָזען אויף זייער אָרט. אויב עס ליגען אויסגעמישט מלבושים און ער וויל אויסקלויבען געוויסע מלבושים צו נוצען מוז ער די נוצליכע קלויבען און די ניט נוצליכע לאָזען אויף זייער אָרט.

יז (יז) אויב די מלבושים וואָס ער ברויכט הענגען אויף דער וואנט אויסגעמישט מיט אנדערע מלבושים און ער קען ניט נעהמען דעם מלבוש וואָס ער ברויכט סיידען ער וועט די אנדערע מלבושים פריהער אראָפּנעהמען איז מותר די אנדערע מלבושים פריהער אראָפּצונעהמען. אויב עס איז אויס־געמישט פיעלע סאָרטען פלייש און דאָס פלייש וואָס ער וויל עסען ליגט פון אונטען און קען דאָס ניט נעהמען סיידען ער וועט דאָס אויבערשטע פלייש אראָפּנעהמען, איז מותר דאָס אויבערשטע פלייש אראָפּצונעהמען זאָגאר ער ברויכט עס ניט צום נוצען.

יח. (יח) ער ברויכט זיין פאָרזיכטיג ער זאָל פרייטאָג ביי נאכט ניט ארויסקלויבען א העמד אָדער אנדערע מלבושים דאָס אָנצוטהון שבת אין דער פריה. ווען ער וויל זיי באלד אָנטהון איז מותר זיי אויסצוקלויבען.

יט. (יט) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג ניט ארויסצוקלויבען א ספר פון אנדערע ספרים צוצוגרייטען אויף שפּעטער. אויב ער וויל דעם ספר פיר שפּעטער זאָל ער צוערשט א ביסעל לערנען אין דעם ספר, דאַן קען ער עס צוגרייטען אויף שפּעטער.

כ. (כ) אויב ער געפינט אין דעם טעלער פלייש אזעלכע ביינער וואָס האָבען אויף זיך גאָר קיין פלייש ניט זאָל ער זיי ניט ארויסקלויבען פון פלייש נאָר ער זאָל זיי לאָזען ליגען (יג*). עס איז גוט צו זיין פאָר־זיכטיג ניט ארויסצונעהמען די ביינער פון די פיש בעפאָר ער עסט די פיש, נאָר בשעת דעם עסען זאָל ער די ביינער ארויסנעהמען פון מויל.

כא. (כא) אויב עס ליגט איין סאָרט עסענוואַרג אויסגעמישט קליינע שטיקער אין גרויסע שטיקער, אָדער זאָגאר 2 סאָרטען עסענוואַרג גרויסע שטיקער אין קליינע שטיקער, איז מותר אויסצוקלויבען די גרויסע שטיקער פון די קליינע אָדער די קליינע שטיקער פון די גרויסע, אויב ער וויל דאָס שבת עסען (יד*).

---

מקור חיים

(יז) משנה ברורה שם. (יח) הגהות מסגה"ש בשם הגרי"ל אבד"ק פרזעדבורז. (יט) גם שם בהגהות מסגה"ש, ספר משאת שבת בשם ישועות חכמה. (כ) ביאור הלכה לבעל משנה ברורה שם ד"ה מתוך האוכל. מספרים על הגאון ר' יוסף דוב ז"ל מבריסק שהי' נזהר לאכול בשבת דגים ממולאים דוקא. (כא) רמ"א שם.

שמים מטל

(יג) דהו"ל פסולת מתוך אוכל. (יד*) הואיל ואינו בורר מין א' מתוך חבירו לא חשיב בורר.

מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

כב. (כב) אויב ער האָט ערב שבת ארויסגענומען קערנער פון די זאנגען און די קערנער זיינען אויסגעמישט מיט פלעווים זאָל ער די קערנער ניט רייניגען מיט די כלי וואָס איז געמאכט ווי א רינע וואָס שאָקעלט זיך און טהיילט אָפּ די קערנער פון די פלעווים און די קערנער פאלען ארויס, אויך זאָל ער ניט רייניגען די קערנער פון די פלעווים דורך א גרויסע שיסעל (טו*), אויך זאָל ער ניט רייניגען די קערנער דורכ'ן שיטען פון איין האנט אין דער צווייטער כדי די פלעווים זאָלען ארויספאלען. עס איז ערלויבט צו בלאָזען אויף די קערנער מיט איין האנט מיט'ן פולען קראפט אויב ער וויל די קערנער באלד עסען (טז*).

כג. (כג) ווען עסענווארג איז אויסגעמישט מיט שטרוי אָדער ערד איז אסור דאָס עסענווארג צו לייגען אין וואסער כדי די שטרוי אָדער די ערד זאָל זיך פון עסענווארג דורך דעם וואסער אָפּטהיילען (יז*).

כד. (כד) עס איז אסור אָפּצורייבען מיט דער האנט די ערד אָדער אנדערע פסולת וואָס געפינט זיך אויף דעם עסענווארג. עס איז אסור צו ווייקען אין וואסער אזעלכע עסענס וואָס האבען אויף זיך פסולת כדי דאָס וואסער זאָל עס אָפּווייקען (יח*).

כה. (כה) עס איז מותר צו לייגען דאָס עסענווארג וואָס איז אויס־געמישט מיט פסולת אין א זיפּ ווען זאָגאר דער פסולת וועט דורכפאלען דורך די לעכער פון דער זיפּ (יט*).

כו. (כו) אויב ער לייטערט דאָס וויין פון הייוועז מיט אזא כלי וואָס מען נוצט עס פיר לייטערען וויין פון די הייוועז איז ער הייב (כ*). ווען דער וויין איז שוין געלייטערט בעפאָר שבת איז מותר ארויפצוגיסען וואסער אויף די הייוועז זיי זאָלען ריין ווערען און דאָס וואסער זאָל אין זיך ארייננעהמען דאָס ביסעל וויין וואָס איז געבליבען אין די הייוועז און ער מעג דאָס וואסער טרינקען אום שבת (כא*). עס איז מותר צו געבען ערב שבת דעם וויין אין א כלי כדי ער זאָל זיך שבת לייטערען.

---

## מקור חיים

(כב) ש"ע שם ס"ז ומשנה ברורה מהרמב"ם. (כג) מג"א שם ס"ק ט'. (כד) ש"ע שם ס"ח. (כה) ש"ע שם. (כו) ש"ע ס"ט שם ומשנה ברורה ביאור הלכה בשם או"ז.

## שמים מטל

(טו*) גזירה משום נפה וכברה כי יש בזה חיוב חטאת. (טז*) ולא יבא בשביל זה לנפות בנפה או בכברה ששינה מדרך חול. (יז*) מפני שהיא כבורר. (יח*) דהו"ל כבורר. (יט*) כיון דאינו מתכוון לכך. (כ*) משום בורר דנברר האוכל מהפסולת ע"י זה או משום מרקד והוי תולדה. (כא*) שאין בנתינת מים משום בורר שהמים שהוא נותן צלולים הם ואין בהם דבר שנצרך לברור מהם.

מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

כז. (כז) עס איז אסור אַפּצוגיסען זאָגאר מיט דעם טאָפּ דאָס שמאַלץ פון די יויך אויב ער וויל ניט דאָס שמאַלץ באלד נוצען נאָר ער וויל דאָס באהאלטען פיר שפּעטער (כב*). עס איז מותר אַפּצוגיסען מיט דעם טאָפּ דאָס שמאַלץ פיר שפּעטערדיגען געברויך אויב ער לאָזט איבער אין טאָפּ אביסעל שמאַלץ, אָדער ער גיסט מיט דעם שמאַלץ אביסעל יויך מיט (כג*).

כח. (כח) עס איז אסור אראָפּצונעהמען די סמעטענע פון די מילך מיט אַ לעפעל ווען זאָגאר ער וויל די סמעטענע באלד עסען (כד*), נאָר ער זאָל איבערלאָזען אויף די מילך אביסעל סמעטענע אָדער ער זאָל מיט־נעהמען אביסעל מילך מיט די סמעטענע. עס איז מותר אראָפּצונעהמען די סמעטענע פון די מילך ווען ער גיסט עס פון איין כלי צו דער אנדערער פיר באלדיגען געברויך (כה*).

כט. (כט) אויב עס איז ארייגעפאלען אַ פליעג אָדער אנדערע פּסולת אין משקה אָדער אין עסען זאָל ער די פליעג ניט ארויסנעהמען מיט דער האנט אָדער אנ׳אנדער כלי (כו*), אויך זאָל ער ניט ארויסבלאָזען די פליעג מיט דאָס מויל, נאָר אין דער צייט וואָס ער נעהמט ארויס די פליעג אָדער די אנדערע פּסולת מוז ער עטוואָס פון די משקה אָדער פון דאָס עסען מיט־נעהמען. בעסער איז אַז ער זאָל דעם כוס מיט די משקה אָדער דעם טעלער מיט עסען אויסבויגען כדי די פליעג אָדער דאָס פּסולת זאָל ארויסשווימען צוזאַמען מיט דער משקה. אויב ער האָט דאָס פּסולת זעלבסט ארויסגע־נומען פון דעם עסען אָדער פון די משקה און האָט גאָרניט מיטגענומען פון דעם עסען אָדער פון די משקה, ווען זאָגאר ער האָט ניט געוואוסט אַז עס איז ניט ערלויבט אזוי צו טהון, דאָך איז דאָס עסען אָדער די משקה אסור ביז מוצאי שבת (כח*).

---

## מקור חיים

(כז) משנה ברורה בשם האחרונים. (כח) שם ש״ע הגרז״ש עיי׳ שער ציון בהמשנה ברורה ס״ק נ״ח. (כט) ט״ז שי״ט סקי״ג הגרז״ש בסידור ספר משאת שבת.

## שמים מטל

(כב*) אפי׳ שהשופך בהכלי עצמו דהוי כבורר ביד ולא בכלי מ״מ אסור כי זה המין שרוצה לאכול לאלתר מיקרי אוכל והשני פסולת ולכן צריך לברור בידו מזה המין שרוצה לאכול לאלתר. (כג*) שלא יהי׳ כבורר. (כד*) שהכף נחשב ככלי ודרך ברירה הוא. (כה*) כיון שהשופך עם הכלי בעצמו חשוב רק כבורר ביד ומותר אם רוצה לאכול מיד. (כו*) שהרי זה כבורר פסולת מתוך האוכל. (כז*) דכשנוטל הזבוב בכף עם שאר משקה יש זה חשש משום טלטול מוקצה לכן מוטב לחטות הכלי בעצמו. (כח*) כן הביא במסגה״ש בשם הפרמ״ג לאיסור אבל הפרמ״ג באשל״א ס״א חוכך להחמיר והניח בצ״ע ואינו מחליט הדבר.

מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

ל. (ל) וואסער אָדער וויין אָדער ביער אָדער אַנדערע משקה וואָס איז מיט ווערים איז מותר צו טרינקען דורך אַ טוך וואָס אַרט איהם ניט עס זאָל בלייבען נאַס (כט*), אָבער ער זאָל די משקה ניט טרינקען דורך די אַרבעל פון העמד (ל*).

לא. (לא) עס איז מותר צו לייטערען עסיג אויב ער איז מוטנע (לא*), אויב ער איז זעהר דיק און מוטנע איז איהם אסור צו לייטערען, אויב דער עסיג איז ווערימדיג, אויב מען קוקט דורך די זוהן זעהט מען אין איהם ווערים, איז אסור צו לייטערען דעם עסיג זאַגאַר אין דער וואָכען.

לב. (לב) אויב ער האָט ערב שבת צושטויסען מאַנדלען און זיי אַריינ־געלייגט אין משקה איז מותר שבת צו לייטערען די משקה (לב*).

לג. (לג) ווען ער מאַכט פּוטער פון מילך אום שבת איז ער חייב (לג*). אויב ער לייגט אין די מילך מאָגען אָדער אַנדערע זויערע זאַכען, ווי עסיג, די מילך זאָל געשטאַנען ווערען איז ער חייב (לד*). אויב ער גיט אַריין די געשטאַנענע מילך אין אַ זעקעל כדי דאָס וואַסער־מילך זאָל אָפּרינען איז ער חייב. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג ניט צו שטעלען מילך אויף אַ וואַרעם אָרט דערמיט די מילך זאָל געשטאַנען ווערען.

לד. (לד) אויב ער מאַכט אום שבת קעז איז ער חייב (לה*).

לה. (לה) ווען זאַגאַר עס איז מותר צו געבען ניס אין מעל, דאָך זאָל ער ניט צוזאַמען נעהמען די ניס כדי זיי אָפּצוטהיילען פון מעל.

לו. (לו) עס איז אסור אָפּצושיילען פּרוכטען, צוויבעל אָדער קנאָבעל אָדער ריבען־מערען, אָדער אַרויסצונעהמען פון די שאָהלען ניס אָדער מאַנדלען, אויב ער מיינט עס ניט באַלד צו עסען נאָר ער וויל עס שפּעטער נוצען. עס איז מותר אָפּצושיילען דאָס אַלעס ווען ער וויל זיי באַלד עסען.

---

## מקור חיים

(ל) ש"ע שם סעי' ט"ז חוי"א. (לא) ט"ז שם סק"י ובביאור הלכה לבעל משנה ברורה ביאור הלכה שם ד"ה ויין מגיתו. (לב) ש"ע הג' רז"ש שם. (לג) ש"ע שם סי"ז רמב"ם פ"ז מה' שבת ה"ו וחוי"א כלל ט"ז ס"ק י"א ש"ע הגרז"ש שם וחוי"א. (לד) רמב"ם פ"ז ה"ו. (לה) ש"ע שם סי"ז ובמג"א ס"ק י"ט מביא מתוספתא שהאיסור הוא משום לש. (לו) רמ"א ש"ע סי' שכ"א סי"ט ובמשנה ברורה ס"ק פ"ד.

## שמים מטל

(כט*) דלא שייך בורר אלא במתקן הענין קודם אכילה או שתיה אבל בשעת שתיה מעכב את הפסולת שלא יכנס תוך פיו אין זה מעין מלאכה ומותר. (ל*) דחיישינן שלא יסחוט שנצטער בלבישתו. (לא*) דהטעם דדרך בנ"א לשתותו בלי סינון. (לב*) כיון דיכולין לשתות כך בלי סינון. (לג*) דתולדות בורר הוא. (לד*) שהרי הופרש הקום מן החלב. (לה*) משום בונה שכל המקבץ חלק אל חלק ודובק הכל עד שיעשה גוף אחד ה"ז דומה לבנין.

מלאכת בורר, אויסקלויבען אום שבת שלעכטעס פון גוטען.

לז. (לז) אויב דער קנאָבעל האָט נאָך אויף זיך די שאָהל וואָס איז געוואקסען אין דער ערד, אויב די נים אָדער די מאַנדלען האָבען נאָך די גרינע שאָהל וואָס זיי זיינען געוואקסען אויף דעם בוים איז אסור דאָס אָפּצושיילען זאָגאר ער וויל עס באַלד עסען (לו*).

לח. (לח) עס איז אסור צו עפּענען פלוימען און די האַרטע קערען ארויסנעהמען ווען ער וויל די פלוימען ערשט שפּעטער עסען.

לט. (לט) עס איז אסור צו קלויבען שטיקער מצה פון מצה מעהל, אָדער מצה מעהל פון מצה (לז*), ער מוז קלויבען מיט דער האַנט פון וועלכען מין ער וויל נוצען און זאָל עס באַלד נוצען.

מ. (מ) דער איסור בורר איז שייך ביי וויינינגער ווי א דריטעל איי פון א הון.

מא. (מא) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג מען זאָל ניט אריינגעבען קיין הייוועז אין משקה אום שבת כדי זיי צו לייטערען אָבצוואר מען קען זיי אזוי אויך טרינקען. דאָס זעלבע איז אויך אז מען זאָל ניט אריינגיסען קיין קאַלט וואסער אין שווארצע קאווע דערמיט דער גרונד פון די ציקאָריע און די שווארצע קאווע זאָל זיך זעצען פון אונטען (לח*).

---

## מקור חיים

(לז) מסגה"ש בשם הפוסקים. (לח) משנה ברורה שכ"א ס"ק פ"ד. (לט) ש"ע סי' תק"ד ס"ג ומג"א ס"ק ט'. (מ) דקיי"ל ח"ש אסור מן התורה. (מא) מג"א שי"ט ס"ק י"ד.

## שמים מטל

(לו*) משום מפרק ודש. (לז*) שהם כב' מינים דמה שנטחן הוי כקמח. (לח*) דהוי תולדת בורר דעכ"פ יורדין שמורים מהמשקה בשולי הכלי דומיא דמחבץ.

## הידושים ודינים מהס' אגלי טל וזה"ל:

א'. ס"ג לפיכך זבוב שנפל לכוס מותר לאחוז הכוס בידו ולנטותו עד שיפול הזבוב מהכוס ואעפ"י שלא ישפוך מהמשקה עמו כלום. ובלבד כשדעתו לשתות הכוס לאלתר וכן מותר להוציא בכף את הזבוב שבתוך המשקה עם מעט משקה כדי לשתות המשקה לאלתר.

ב'. ס"ו. פירות שרוב העולם אוכלין אותן עם קליפתן אין בקילופן משום בורר כלל ומותר לקולפן אפי' בכלי המיוחדת לקילוף ואפילו לאכול לאחר זמן, ויש אומרים שבכל הפירות אף שאין דרכן לאוכלן עם קליפתם אין בקילופן משום בורר מדאורייתא.

ג. סק"י יראה לי שמותר לקלוט בכף את כל השומן הצף ע"ג התבשיל כדי לאכול התבשיל לאלתר וכן שומן החלב שקורין „סמעטענע" מותר לקולטו מע"ג החלב בדי לאכול החלב לאלתר ואפי' בכלי המיוחד לקליטה זו ואצ"ל כשצריך להשומן עצמו שמותר לקולטו.

# טוחן, מאָהלען אָדער שטויסען אָדער צורייבען אום שבת.

א. (א) אויב ער מאָהלט תבואה אין א האנטמיהל אזוי פיעל ווי א געטריקענטע פייג, דאָס הייסט אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הוהן, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער צושטויסט פעפער אָדער אנדערע געווירצען מיט א שטויסעל אין א מערזעל און עס איז אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הוהן, איז ער חייב.

ג. (ג) אויב ער צושניידט מיט א מעסער אויף זעהר קליינע און דינע שטיקלאך צוויבעל, רעטעך אָדער אנדערע גרינצייג אָדער פרוכט אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הוהן, איז ער חייב (ב*).

ד. (ד) עס איז מותר צו צושניידען מיט א מעסער גרינצייג אָדער פרוכט זאָגאר אויף זעהר דינע שטיקלאך אויב ער וויל עס באלד עסען אָדער ער וויל עס באלד געבען די עופות צום עסען (ג*).

ה. (ה) עס איז מותר אז איינער זאָל צושניידען פאר אנדערע מענשען וואָס וועלען מיט איהם מיטעסען די סעודה וואָס ער געהט באלד עסען (ד*).

ו. (ו) עס איז מותר צו צושניידען מיט א מעסער אויף קליינע שטיקלאך צוקער פיר דער נוץ פון שבת. עס איז אסור צו שטויסען צוקער אין א מערזעל.

ז. (ז) אזא זאלץ וואָס איז געוועזען דין נאָר דאָס קאָכען האָט עס געמאַכט אין שטיקער איז מותר דאָס צו שניידען מיט א מעסער פיר דער

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ח משבת הט"ו ושם ה"ח. ס' אגלי טל וכלכלת שבת (ב) רמב"ם שם. (ג) רמב"ם שם ועיי' במ"מ ובב"מ פכ"א הי"ח וברמ"א סי' שכ"א סי"ב. (ד) רמ"א סי' שכ"א סי"ב ובמג"א שכ"א ס"ק ט"ו. (ה) משנה ברורה שם. (ו) משנה ברורה ס"ק ל' משנה ברורה ופמ"ג שם. (ז) רמ"א שם ס"ח משנה ברורה שם.

## שמים מטל

(א*) אב מלאכה, ובכלכלת שבת כ' דבריחים של רוח לכ"ע לית בי' חיוב חטאת אם נותן התבואה לתוך האפרכסת דהוי הת"ס דשמא יפסק הרוח באמצע. וכן הביא בס' אגלי טל בשם י"א אבל במשנה ברורה בביאור הלכה סי' רנ"ב בד"ה להשמעת קול כתב דאפי' אם יפסק הרוח מ"מ יטחן בודאי כגרוגרת ולכן מצדד שם דאף בריחים של רוח ג"כ צריך לחייב. (ב*) דיש טחינה בירקות אפי' שראוין לאוכלן חיים וזה תולדה. (ג*) דלא שייך שם טחינה כשמחתך בסכין אלא בחותך להניח אבל אם אוכל מיד ודאי שרי שהרי לא אסרו על האדם לאכול מאכלו חתיכות גדולות וקטנות. (ד*) ובמשנה ברורה שם חידש דאפילו אחד יחתוך בשביל אחרים והם יאכלו מיד ג"כ שרי במבואר לעיל אצל מלאכת בורר.

טוחן, מאָהלען אָדער שטויסען אָדער צורייבען אום שבת.

נוץ פון שבת (ה*). עס איז אסור דאָס זאַלץ צו שטויסען אין א מערזעל.

ח. (ח) אויב ער וויל צו שטויסען פעפער אָדער אנדערע געווירצען זאַלץ אָדער צוקער כדי דאָס אריינצוגעבען אין עסען וואָס ער ברויכט פיר שבת, זאָל ער דאָס צושטויסען מיט דעם הענטעל פון א מעסער און שטויסען אויף דעם טיש אָדער אויף א שיסעל. עס מוז זיין צוויי ענדערונגען פון דער וואָכען, ניט קיין מערזעל און ניט קיין שטויסעל.

ט. (ט) עס איז מותר צו רייבען מיט דער האנט געווירצען אָדער זאַלץ אָדער צוקער פיר דער נוץ פון שבת.

י. (י) געקאָכט פלייש אָדער געבראָטען פלייש ווען זאָגאַר עס איז אזוי הארט אז מען קען עס ניט עסען צוליעב דאָס הארטקייט, דאָך איז מותר דאָס צושניידען אויף קליינע שטיקלאך פיר דער נוץ פון שבת (ו*). זעהר הארטען קעז איז מותר צו שניידען מיט א מעסער אויף דינע שטיקלאך אז ער וויל שבת עסען דעם קעז (ז*). עס איז מותר דעם קעז צו האקען מיט א האק אָדער צו זעגען מיט א זעג (ח*).

יא. (יא) רויהע פלייש אויב ער וויל דאָס שוין געבען פיר די עופות איז מותר דאָס צו שניידען אויף דינע שטיקלאך, ווען ניט באַלד צו געבען די עופות איז אסור צו שניידען אויף קליינע שטיקלאך (ט*).

יב. (יב) עס איז אסור צו רייבען קעז אויף א ריב אייזען אָדער אויף אן אנדער כלי אויף וועלכע ער רייבט אין דער וואָכען, ווען זאָגאַר ער וויל דעם קעז באַלד עסען (י*). עס איז אסור צו שטויסען מצה אין א מערזעל ווען זאָגאַר ער וויל די געשטויסענע מצה באַלד עסען (י*).

יג. (יג) עס איז אסור צו קייען אזעלכע זאכען וואָס ער וויל ניט עסען און ניט פאַרזוכען און ניט געבען פיר א קינד (יא*).

יד. (יד) עס איז מותר צו קרישלען מיט דער האנט אָדער מיט א

---

### מקור חיים

(ח) ש"ע שם ובמשנה ברורה ושם ס"ח ובמש"ב בשם פרמ"ג. (ט) משנה ברורה שם ס"ק כ"ט. (י) ש"ע שם ס"ט ומש"ב ס"ק ל"ב משנה ברורה ס"ק ל"ו. (יא) רמ"א שם ס"ט ומשנ"ב ס"ק ל"ג. (יב) ש"ע שם ס"י ביאור הלכה במשנ"ב ד"ה לפרר לחם. (יג) ש"ע הגרז"ש מג"א סי' שכ"א ס"ק י"ג. (יד) רמ"א שם סי"ב ביאור הלכה ד"ה לפרר לחם.

### שמים מטל

(ה*) דאין טוחן אחר טוחן אבל מלח הגס בתחילתו שכיון שאין ראוי לאכילה אלא ע"י תערובות דינו כתבלין אעפ"י שאינה גידולי קרקע. (ו*) דאין טחינה אלא בגידולי קרקע. (ז*) דגם זה אינה גידולי קרקע. (ח*) דכלים שמלאכתם לאיסור מותר לטלטלם לצורך גופם. (ט*) דאין שם אוכל עליו ושייך בו טחינה. (י*) דכיון שהכלי מיוחד לכך הרי זה דרך חול. (יא*) משום טחינה.

טוחן, מאָהלען אָדער שטויסען אָדער צורייבען אום שבת.

מעסער ברויט כדי עס זאָל זיין אָנגעגרייט צו געבען פיר די עופות אום שבת (יב*).

טו. (טו) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג ניט צו רייבען ערדעפּעל אָדער אנדערע גרינצייג אויף זעהר דינע שטיקלאך דאָס צו געבען פיר די בהמה זאָגאר ער וויל דאָס באַלד געבען די בהמה, נאָר דאָס צו מאַכען גרעסערע שטיקלאך (יג*).

טז. (טז) אז מען מאַכט געהאַקטע ציבעלעס ברויכט מען זיין פאָר־זיכטיג אז מען זאָל זיי ניט צוהאַקען ביז מען קומט פון שוהל און מען געהט שוין עסען, אויב מען האָט די ציבעלעס פריהער צוהאַקט אָדער צו־שניטען איז דאָ אַ חשש חיוב חטאת, און די ציבעלעס זענען אסור צו עסען. עס איז אסור זאָגאר די שאָהל פון די ציבעלעס אָפּצושיילען בעפאָר מען געהט עסען (יד*).

יז. (יז) מען זאָל זיין פאָרזיכטיג אז מען זאָל ניט צוהאַקען דעם צוויבעל מיט אַ האַקמעסער זאָגאר ער געהט זיי באַלד עסען, נאָר ער זאָל זיי מיט אַ מעסער צושניידען (טו*).

יח. (יח) אויב ער האָט צוקרישעלט פאַרפוילטע האָלץ אויף פּרוכנע אָדער ער צורייבט אַ שטיק ערד זעהר דין איז ער חייב.

יט. (יט) אויב ער זעגט האָלץ אָדער פיילט מתכות, דהיינו קופּער אָדער אייזען און ער האָט הנאה פון דעם זעגאַכץ אָדער פון דעם פיילאַכץ איז ער חייב ביי דעם קלענסטען שיעור.

כ. (כ) אויב ער צוהאַקט האָלץ אויף זעהר דינע און קליינע שטיקלאך, אויב עס איז אזוי פיעל האָלץ אז מען קען דערמיט אָפּקאָכען אַ דריטעל איי פון אַ הוהן, איז ער חייב.

כא. (כא) אויב ער צוהאַקט האָלץ אויף גרויסע שטיקער און מיט אַ געוויסע מאָס פון לענג אָדער ברייט איז ער חייב (טז*).

כב. (כב) אויב ער האַקט האָלץ אויף גרויסע שטיקער און איז ניט פאָרזיכטיג עס זאָל זיין מיט אַ געוויסע לענג אָדער ברייט איז ניטאָ קיין

---

מקור חיים

(טו) משנה ברורה שם ס"ק מ"א. (טז) משנה ברורה שם ס"ק מ"ה ורמ"א סי' שכ"א סי"ט. (יז) משנה ברורה שם ס' קמ"ח. (יח) ש"ס שבת ע"ד ע"ב. (יט) רמב"ם פ"ח, שבת הלכה ט"ו. (כ) רמב"ם שם. (כא) רמב"ם פי"א הלכה ז'. (כב) מג"א סי' שו"ד ס"ק י"ד שער הציון לבעל משנה ברורה סי' שו"ד ס"ק ל"ה.

שמים מטל

(יב*) דהואיל דכבר נטחן אין לחוש דאין טוחן אחר טוחן. (יג*) דאין לטרוח בדבר שראוי לאכלו בלא זה. (יד*) משום איסור בורר. (טו*) דגם בבורר בכלי המיוחד לברירה הוא חייב. (טז*) והחיוב הוא משום מחתך.

טוחן, מאָהלען אָדער שטויסען אָדער צורייבען אום שבת.

חיוב נאָר בלויז אַן איסור. אויב אַ גוי צווינגט אַ אידען אז ער זאָל האקען האָלץ אום שבת, זאָל ער דאָס צוהאקען אויף גרויסע שטיקער, ער זאָל ניט קומען צו קיין חיוב.

כג. (כג) עס איז אסור קראַצען פאַרטריקענטע ליים אָדער אַנדערע פאַרטריקענטע שמוץ פון זיין בגד אויב עס וועט פאַלען קרישלאַך ליים אָדער שמוץ אין דער צייט פון זיין אָפּקראַצען דאָס בגד. (יז*).

כד. (כד) עס איז מותר צו זאָגען אַ גוי אז ער זאָל דאָס שמוץ פון בגד אָפּקראַצען (יח*).

כה. (כה) ווען דאָס ליים אָדער שמוץ איז נישטאָ אויף דעם בגד נאָר עס איז דאָ בלויז אַ צייכען איז מותר אָפּצוקראַצען די קאָליר פון דעם שמוץ.

כו. (כו) עס איז אסור צו רייבען דעם שמעק טאַבאַק אום שבת (יט*).

כז. (כז) אויב זיין העמד איז פאַרשמירט מיט צואה און די צואה איז טרוקען איז אסור דאָס אָפּצוקראַצען. אויב עס איז נאָר דאָ אַ בלויזער פלעק פון צואה איז עס מותר אָפּצוקראַצען, כדי ער זאָל קענען דאווענען אין אַ ריינער העמד.

כח. (כח) ווען זיינע פיס זיינען מיט ליים פאַרשמוצט איז מותר אַז ער זאָל זיי אָפּרייבען אַן אַ וואַנט ווען זאָגאַר דאָס ליים איז טרוקען און עס וועט זיך קרישלען (כ*).

כט. (כט) עס איז אסור צו רייבען אום שבת קאַרטאָפּעל אָדער אַנדערע גרינצייג ווען ער וויל זיי ניט באַלד עסען, אויב זיי זיינען שוין אביסעל צוריבען מעג מען זיי אביסעל מעהר צורייבען.

ל. (ל) עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי אַז ער זאָל צושניידען דאָס שטרוי אויף שעטצקע (כא*).

---

## מקור חיים

(כג) ש"ע סי' ש"ב ס"ז. (כד) משנה ברורה סי' ש"ב ס"ק ל"ו. (כה) ט"ז ש"ב ס"ק ו'. (כו) כלכלת שבת בהקדמה לתפא"י. (כז) ט"ז ש"ב ס"ק ו'. (כח) ביאור הלכה סי' ש"ב לבעל משנה ברורה בשם פרמ"ג ד"ה או על מנעליו. (כט) כלכלת שבת בהתפא"י. (ל) ס' זכרו תורת משה ה"ז מדין שביתות בהמתו.

## שמים מטל

(יז*) דהוי טוחן. (יח*) דהוי מלאכה שאינה צריכה לגופה ומשום כבוד הבריות שלא לילך בבגדים מלוכלכים שרי דהוי שבות דשבות. (יט*) דדמי לטוחן אבל יש מקילין כי אין טחינה אחר טחינה, שע"ת ומים רבים וטל אורות. עיין שע"ת סימן שכ"ח. (כ*) משום צערא דגופא. (כא*) דהוי כטוחן.

טוחן, מאָהלען אָדער שטויסען אָדער צורייבען אום שבת.

לא. (לא) עס איז אסור צו מאָהלען אָדער שטויסען זאָגאר וויינינער ווי א דריטעל איי פון א הוהן.

לב (לב) עס איז אסור זיך צו שמירען מיט אזעלכעס וואָס איז צום היילען אויב ער מיינט מיט דעם שמירען עס זאָל אהים היילען (כב*).

לג. (לג) עס איז אסור צו עסען אָדער טרינקען אזעלכעס וואָס איז פיר היילען אויב ער מיינט אז עס זאָל איהם היילען (כג*).

## מרקד, זיפּען דאָס מעהל אום שבת.

א. (א) אויב ער זיפּט מעהל מיט א זיפּ אום שבת אָדער ער זיפּט תבואה פון די פסולת אזוי פיעל ווי א געטריקענטע פייג, דאָס הייסט ווי א דריטעל איי פון א הוהן, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער לייטערט דעם וויין פון די הייוועז מיט אזא כלי וואָס מען נוצט דאָס פיר לייטערען דעם וויין, איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) עס איז אסור צו זיפּען די שעצקע כדי די פלעוועס זאָל פאַלען צו דער ערד. עס איז אסור צו שטעלען די זיפּ מיט די שעצקע אויף א

---

### מקור חיים

(לא) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת. (לב) שכ"ז ס"ק א' משנה ברורה. (לג) ש"ע סי' שכ"ח.

(א) רמב"ם פ"ח מה' שבת הט"ז ומשנה ברורה סי' שכ"ד סק"ב. (ב) רמב"ם פכ"א משבת הי"ז וש"ע ס' שי"ט ס"ט משנה ברורה. (ג) ש"ע סי' שכ"ד ס"א ורמב"ם פכ"א הל"ב.

### שמים מטל

(כב*) גזירה שחיקת סממנים דאסור מה"ת משום טוחן. (כג*) גזירה הנזכר שחיקת סממנין.

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה.

### חידושים מספר אגלי טל וזה"ל:

ס"ט. אין טוחן אחר טוחן אעפ"י שחזר ונעשה גוש אחד וכן כל דבר שאינו גוש אחד מתולדתו אעפ"י שנעשה אח"כ גוש אחד אין בו משום טוחן חוץ מן המתכות ועפר והרס אעפ"י שהותכו או שנטחנו פעם אחת הואיל וחזרו ונעשו גוש אחד יש בהם משום טוחן לפיכך מותר לפרר לחם הואיל שהוא אוכל הראוי בלי פירור ושכבר נטחנה התבואה פעם אחת אעפ"י שחזר ונעשה גוש אחד.

סט"ו נ"ל שמותר לכסכס בגד להסיר ממנו טיט יבש הדבוק בו ואין בזה משום טוחן.

מרקד, זיפען דאָס מעהל אום שבת.

הויכען אָרט כדי די פּלעווּעס זאָלען צו דער ערד פאַלען (ג*). עס איז מותר צו געבען די שעצקע אין א זיפּ און צוטראָגען צו דעם זלויב ווען זאָגאר די פסולת וועלען דורך דער זיפּ דורכפאַלען, איז אויך מותר (ד*).

ד. (ד) עס איז אסור צו זיפען אום שבת דאָס מצה מעהל פון די גרויסע שטיקער מצה.

ה. (ה) עס איז אסור צו זיפען מעהל אָדער תבואה פון זייערע פסולת זאָגאר וויינינגער ווי א דריטעל איי פון א הוהן.

---

## מקור חיים

(ד) כלכלת שבת לבעל התפא"י. (ה) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת.

## שמים מטל

## הערה.

(ג*) בשער הציון לבעל משנה ברורה בסי' שב"ד ס"ק א' הביא לשון הרמב"ם פכ"א הל"ב בזה"ל, המרקד מאבות מלאכות לפיכך אין כוברין את התבן בכברה ולא יניח הכברה שיש בה תבן במקום גבוה בשביל שירד המוץ מפני שהוא כמרקד והעיר שם מפני מה חשב הרמב"ם זאת בהדי שבותין והרי זה מרקד ממש וכ' דאולי ס"ל להרמב"ם דאין ריקוד אלא בקמח ולא בתבן. ולפיענ"ד דגם הרמב"ם יוכל לסבור דאף בתבן יש ריקוד, וזה דוקא בפסולות שנשארו בנפה והאוכל למטה כמבואר בגמרא שם דף קל"ח מה דרכו של ריקוד האוכל למטה והפסולות למעלה והרמב"ם שהביא לשון המשנה כדי שירד המוץ והיינו שילכו הפסולות למטה והאוכל ישארו למעלה זה היא רק שבות ונראה כמרקד וז"פ וישר. (ד*) כיון שאינו מתכוין לכך.

## הידושים מספר אגלי טל

א. ס"ב במלאכת זורה חידש דאף דזורה ומרקד ובורר חליקין להטאות אף שדומין זל"ז היינו רק לחומרא ולא להקל כיצד הרי שזרה מכאן מעט וברר מכאן מעט והרקיד מכאן מעט הרי אלו מצטרפין לכגרוגרות לחיובו חטאת וכן אם נודע לו שחטא ועשה אחת משלשתן ואינו יודע איזהו הוי ידיעה לחיובו חטאת.

ב. במלאכת מרקד ס"ב כתב וראה לי שהמרקד סולת מהקמח אין זה אב מלאכת מרקד מאחר ששניהם ראוין לאכילה ומ"מ כיון שהם שני מינים ה"ז תולדה למרקד.

ג. במלאכת מרקד ס"ח יש אומרים שהמשמר היא תולדת בורר או מרקד ולפי זה אם בירר ושימר וריקד בהעלם אחד אם יביא חטאת אחת על אחד משלשתן יתכפרו כולם.

# לש, קנעטען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט געקנעטען מעהל אום שבת און עס איז אזוי פיעל ווי א געטריקענג׳ן פייג, דאָס הייסט אזוי פיעל ווי א דריטעל איי פון א הוהן איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער קנעט ערד אזוי פיעל אז מען זאָל קענען אויסשמירען דאָס לאָך פון די כלי וואָס גאָלדשמידען שמעלצען אין די כלי דאָס גאָלד איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) אויב ער קנעט ליים אָדער דינע זאמד איז ער חייב.

ד. (ד) אויב ער וואלגערט טייג אָדער ער מאכט דין א טייג אָדער ער שמירט אויס דאָס טייג נאָך דעם וועלגערען מיט אויל אָדער האָניג אָדער מיט מילך אָדער מיט וואסער איז ער חייב.

ה. (ה) אויב ער ברעכט אָפּ א שטיק טייג צו צוגרייטען צום וועלגערען איז ער חייב (ג*).

ו. (ו) אויב ער האָט געקנעטען דאָס מעהל אָדער די ערד אָדער דאָס ליים מיט וואסער אָדער מיט האָניג אָדער מיט שמאַלץ אָדער מיט אנדערע משקה וואָס מיט זיי קען מען קנעטען און דאָס האלט זיך צוזאמען איז ער חייב.

ז. (ז) עס איז אסור צו גיסען די משקה אויף מעהל אָדער אויף ערד אָדער אויף ליים אָדער אויף דינעם זאמד ווען אפילו ער קנעט נימ.

ח. (ח), עס איז אסור צו קנעטען אש אָדער גראָבע זאמד (ד*). מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג נימ צו גיסען קיין וואסער אויף קלאַיען אָדער פלעווען ווען זאָגאָר ער וויל דאָס געבען צו עסען די בהמות אָדער עופות (ה*).

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ח מה׳ שבת הט"ז. (ב) רמב"ם שם ועיו׳ בפו׳ תפא"ו בפ"ח מ"ד כדי לעשות. שמפרש לטוח. (ג) כלכלת שבת ומשנה ברורה סו׳ שכ"א סק"ג. (ד) ירושלמי פ׳ כלל גדול הלש והמקטף והעורך כולהון משום לש. (ה) ערוך עיו׳ שמים מטל. (ו) משנה ברורה סו׳ שכ"א סק"נ. (ז) פסקו רוב הפוסקים בר׳ יוסי בר׳ יהודא בשבת די"ח. דאינו חייב עד שיגבל ולהכי פטור אבל אסור כן מבואר במשנה ברורה שם. (ח) רמב"ם פ"ח הט"ז משבת ש"ע סו׳ שכ"ד ס"ב ותיו"א.

## שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה. (ג*) עיו׳ בערוך ערך קטף שפירש שמשבר את העיסה והביא מכמה מקורים, והוא דבר חדש. (ד*) אף דדברים שאינם בר גיבול הם מ"מ גזרינן שמא יבוא לגבל קמח דחייב משום לש. (ה*) דיש פוסקים שבנתינת מים לחוד יש חיוב משום גיבול בכל דבר.

לש, קנעטען אום שבת.

ט. (ט) אויב יעמאַנד גיט אריין די זאָמען פון פלאַקס אָדער די זאָמען פון מאָן, וואָס הייסט שומשמין, אין וואסער איז ער חייב תיכף ווי ער לייגט עס אין וואסער אריין (ו*).

י. (י) עס איז אסור אום שבת משתין צו זיין אָדער זיך די הענט צו וואשען אויף ליים אָדער אויף ערד אָדער אויף דינע זאמד, אויב דאָס ליים איז ניט זיינע איז מותר.

יא. (יא) אויב זיינע פיס זיינען מיט הארטע ליים פארשמוצט איז מותר די פיס מיט וואסער אָפּ צו וואשען (ז*).

יב. (יב) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג ניט צו שפייען אין זאמד אָדער אין אש אום שבת, אויך זאָל מען ניט אויסגיסען קיין וואסער אויף אש אָדער זאמד.

יג. (יג) אויב א ברית מילה פאלט אום שבת זאָל דער מוהל ניט אויסשפייען דאָס אויסגעזויגטע בלוט פון קינד אין זאמד אריין.

יד. (יד) אויב ער פארשיט מיט זאמד אָדער מיט אש דאָס השתנה ברויכט ער פיעל זאמד שיטען עס זאָל ניט דערקענט ווערען דאָס קנעטען (ח*).

טו. (טו) אויב ער האָט פארגעסען ערב שבת צו גיסען עסיג אין חריין איז מותר ער זאָל שבת צוזאמען מישען דעם חריין מיט דעם עסיג, אָבער עס מוז זיין מיט פיעל ענדערונגען ווי אין דער וואָכען: 1. ער זאָל דעם חריין אין עסיג אריינגעבען אנדערש ווי אין דער וואָכען. 2. עס זאָל פיעל עסיג זיין כדי עס זאָל ווערען זעהר שיטער. 3. ער זאָל דאָס ניט אויסמישען מיט א לעפעל נאָר ער זאָל שאָקלען מיט די כלי אָדער דאָס אויסמישען מיט די פינגער.

---

מקור חיים

(ט) רמב"ם שם וש"ע סי' ש"מ סי"ב וכלכלת שבת. (י) משנה ברורה שכ"א ס"ק נ"ז ומג"א סי' שכ"א סקי"ט ושם בשם ס' בית מאיר. (יא) ביאור הלכה לבעל משנ"ב סי' ש"ב ד"ה או על מנעליו. (יב) ס' משאת שבת בשם הפרמ"ג. (יג) שם בשם ס' זכור לאברהם. (יד) משנה ברורה שכ"א ס"ק נ"ז מחוי"א. (טו) משנה ברורה שם ס"ק ס"ח.

שמים מטל

(ו*) מפני שהם מתערבים ונתלים זה בזה. (ז*) דגיבול כלאחר יד היא ובמקום צערא לא גזרו. (ח*) דכשיתן מעט יהי' מתערב במי רגלים והוי כמו לישה ובנתינת מים חייב להרבה פוסקים.

לש, קנעטען אום שבת.

טז. (טז) אויב ער צושניידט אויף זעהר דינע שטיקלאך רעטאך אָדער אוגערקעס און ער גיסט אויף זיי עסיג אָדער אנדערע פייכטע זאכען איז אויך דאָס זעלבע, עס מוזען זיין די פונקטען וואָס מיר האָבען פריהער געשריבען.

יז. (יז) אויב פסח געפאַלט אום שבת און ער האָט פארגעסען ערב שבת ארויף צו גיסען ווייו אויף די חרוסת זאָל ער אסך וויין גיסען אין די חרוסת זי זאָל זעהר שיטער זיין און דאָס מיט די פינגער אויסמישען, ניט מיט קיין לעפעל.

יח. (יח) עס איז מותר צו געבען ברויט אין וואסער פאר די הינער כדי עס זאָל ווייך ווערען און זיי זאָלען דאָס שבת עסען, אָבער ער זאָל זיין פאָרזיכטיג ניט צו קנעטען דאָס ברויט מיט די וואסער.

יט. (יט) עס איז מותר אום שבת זיך צו וואשען די הענט מיט קלאַיען, צום ביישפיעל זיך די הענט נאס צו מאכען און מיט די נאסע הענט מעג ער נעהמען די קלאַיען און זיך וואשען (ט*), אָבער עס איז אסור צו ווייקען די קלאַיען אין וואסער און זאָל זיך מיט די קלאַיען וואשען (י*).

כ. (כ) עס איז אסור צו קנעטען זאַגאַר ווייניגער ווי א דריטעל איי פון א הוהן.

---

### מקור חיים

(טז) משנה ברורה שם. (יז) שם. (יח) ביאור הלכה לבעל משנה ברורה בשם ס' תום' ירושלים סי' שכ"א ד"ה לפרר הלחם. (יט) ש"ע סי' שכ"ו ס"י ומשנה ברורה שם. (כ) דקיי"ל ח"ש אסור מן התורה.

### שמים מטל

(ט*) דגיבול כלאחר יד שרי. (י*) משום איסור לש.

### חידושים מספר אגלי טל וזה"ל:

ס"א. ושיעור מלאכת לש בקמח הוא שיהי' בקמח לבד בלא המשקה כגרוגרות ולדעת הי"א שכתבנו בסעי' זה המשקה מצטרף לכגרוגרות.

ס"ב. בירושלמי איתא הלש והמקטף והעורך כולהון משום לש, ויראה לי דלרוב הפוסקים אין בקיטוף והעריכה לפי שיטת התלמוד שלנו משום לש.

# מלאכת אופה ומבשל, באַקען אָדער קאָכען אום שבת.

א. (א) אויב ער קאָכט עסענס ווען זאָגאר עס האָט זיך ניט אין גאנצען אָפּגעקאָכט נאָר עס איז האַלב פון דעם פעהיגקייט צום עסען, איז ער חייב.

ב. (ב) אויב ער באַקט ברויט אָדער ער קאָכט עסענס אָדער ער בראָט פלייש אָדער ער רויכערט פלייש, אויב עס איז אַזוי גרויס ווי אַ געטריקענטע פייג, דאָס הייסט ווי אַ דריטעל איי פון אַ הוהן, איז ער חייב (א*). אויב ער מאַכט הייס וואַסער ווען זאָגאר עס איז אזוי וויינִיג דאָס מען קען נאָר וואַשען דעם קליינעם פינגער פון דעם פוס פון אַ קינד וואָס איז היינט געבוירען געוואָרען, איז ער שוין חייב.

ג. (ג) אויב ער קאָכט מילך אָדער וואַסער אָדער ער קאָכט אָדער ער בראָט פרוכט אָדער אַנדערע עסענוואַרג וואָס מען קען זיי אפילו עסען רוי, איז ער חייב (ב*).

ד. (ד) עס איז אסור צו באַקען אָדער צו רייכערען אָדער צו בראָטען אָדער צו קאָכען אפילו וויינִיגער ווי אַ דריטעל איי פון אַ הוהן.

ה. (ה) אויב ער האָט צושמאָלצען געגאָסענע מאַטעריאַלען אַזוי וויינִיג וואָס קען נאָר געבען, איז ער חייב, אויב ער גליהט אייזען אַזוי הייס ווי קויהלען, איז ער חייב (ג*).

ו. (ו) אויב ער האָט צושמאָלצען וואַקס אָדער חלב אָדער סמאָלע אָדער פּוטער אָדער אַנדערע זאַכען וואָס די נאַטור איז אַז זיי זיינען באַנאַנד און ער האָט זיי צושמאָלצען, איז ער חייב.

ז. (ז) אויב ער האָט אַ כלי פון ליים און ער לייגט די כלי אין אויווען אריין כדי זי זאָל פון דער היץ הארט ווערען, איז ער חייב (ד*).

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ט מה' שבת ה"ח ולרש"י מנחות נ"ז ע"א שליש בישול. (ב) רמב"ם שם ה"א ירושלמי שבת ונדרים י' רמב"ם פ"ט שבת ה"א. (ג) חיי"א כלל כ' מה' שבת. (ד) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת. (ה) רמב"ם פ"ט משבת ה"ו. (ו) רמב"ם שם וס' כלכלת שבת. (ז) רמב"ם שם.

## שמים מטל

(א*) אב מלאכה ואפי' היא מעין בישול אלא שאפי' היא בפת ובישול היא בשאר דברים. (ב*) כיון דנשתבח ע"י הבישול מש"ה חייב ובכלכלת שבת כ' דפטור אבל אסור. (ג*) שהרי בחימומו היא מרככו שיהי' ראוי לתקנו ולעשות ממנו והרי היא מרפה דבר הקשה והיא תולדה. (ד*) דקודם שמתחזק הכלי ונצרף בהכבשן ונעשה חרס כראוי מתבשל בה טיט של הכלי.

ח. (ח) אויב ער האָט געלייגט נאַסע האָלץ אין אויוועו אריין כדי עס זאָל ווערען טרוקען, איז ער חייב (ה*).

ט. (ט) אויב ער לייגט הארטע זאכען אין אויוועו און די היץ מאַכט זיי ווייך אָדער ער לייגט אריין ווייכע זאכען אין אויוועו און די היץ מאַכט זיי הארט, איז ער חייב (ו*).

י. (י) אויב ער האָט געוואוסט אַז עס איז שבת און ער ווייס אַז שבת טאָר מען ניט קאָכען און דאָך האָט ער געקאָכט, איז דאָס געקעכטץ אסור בהנאה צו איהם פיר אייביג (ז*).

יא. (יא) אויך דעם טאָפּ אין וועלכען ער האָט געקאָכט אום שבת טאָר ער ניט מעהר אין איהם קאָכען (ח*).

יב. (יב) אויב ער האָט געקאָכט (בשוגג), ער האָט ניט געוואוסט אַז עס איז שבת, אָדער ער האָט ניט געוואוסט אַז שבת טאָר מען ניט קאָכען, איז מותר ער זאָל דאָס געקעכטץ עסען מוצאי שבת אזוי ווי עס ווערט נאָר נאַכט.

סיי ער האָט געקאָכט בשוגג אָדער ער האָט געקאָכט במזיד, ד. ה. ער האָט געוואוסט אַז עס איז שבת און מען טאָר ניט קאָכען אום שבת, איז מותר אַז אנדערע אידען זאָלען דאָס געקעכטץ עסען מוצאי שבת אַז עס ווערט נאָר נאַכט.

יג. (יג) אויב אַ גוי האָט געטהון אַ מלאכה דאורייתא פיר אַ אידען ווען זאָגאַר ער האָט דעם גוי ניט געזאָגט אַז ער זאָל דאָס טהון איז די ארבייט אסור צו אלע אידען ביז צו אזא צייט אין דער נאַכט פון מוצאי שבת ביז די ארבייט זאָל קענען זיין פערטיג ווען מען וועט אָנהויבען די ארבייט צו טהון נאָך 3 שטערען (ט*).

יד. (יד) אויב אַ איד אָדער אַ גוי האָבען געקאָכט אום שבת פיר אַ אידען, פיר אַ חולה מסוכן, איז אסור צו אַ געזונטען אידען ער זאָל שבת

---

מקור חיים

(ח) שבת ע"ד ע"ב בפירש"י ופרמ"ג סי' ש"מ סק"ג כתיב דאפילו בנייר יש איסור זה. (ט) רמב"ם פ"ט משבת ה"ו. (י) ש"ע סי' שי"ח ס"א. (יא) מג"א בשם הרשב"א. (יב) ש"ע שם. (יג) רמב"ם משבת פ"ו הלכה ב'. (יד) ש"ע שם ש"ע רז"ש שם סק"ה.

שמים מטל

(ה*) שמתחילה היא מתרפה ויוצא ממנו הלחלוחית. (ו*) כיון שהקשה מסתמא מתרפה תחלה וחייב על הריפיו. (ז*) דקנסוהו רבנן. (ח*) דגבי דידי' בליעה מאיסור. (ט*) שכיון דאיסור אמירה לעכו"ם קל בעיני הבריות יש לחוש שמא יאמר לו לעשות בשבת כדי שיהי' הדבר מוכן לו במוצאי שבת מיד.

פון דעם מאכל עסען(י*). מוצאי שבת איז דאָס עסען מותר צו אַלע אידען תיכף, אויב אַ איד האָט עס געקאָכט פיר דעם חולה מסוכן. אויב אַ גוי האָט עס געקאָכט פיר דעם חולה מסוכן איז דאָס עסען אסור אפילו נאָך שבת פיר אַלע אידען (יא*).

טו. (טו) אַזוי ווי ער איז חייב אַז ער קאָכט ביי דעם פייער אַזוי איז ער חייב אויב ער האָט געקאָכט ביי אַזעלכעס וואָס איז הייס געוואָרען דורך דעם פייער. אויב ער בראָט אַן איי אין דער זייט פון אַ הייסען טאָפּ וואָס דער טאָפּ איז דורך דעם פייער הייס געוואָרען, איז ער חייב.

טז. (טז) אויב ער האָט געשטעלט אויפ'ן פליט פון דער קיך עסענס און אין דער קיך איז שוין געווען געמאַכט פייער, איז ער חייב ווען דאָס עסען ווערט געקאָכט.

יז. (יז) עס איז אסור צו שטעלען דאָס עסען אויפ'ן פלייט פון דער קיך ווען זאָגאַר דאָס פייער איז נאָך ניט געמאַכט נאַר מען וועט שפּעטער פייער מאַכען (יב*).

יח. (יח) עס איז אסור צו קאָכען אָדער צו בראָטען ביי אַזעלכעס וואָס איז הייס געוואָרען דורך דער זון (יג*).

יט. (יט) עס איז אסור צו בראָטען אַן איי אויף דעם דאַך וואָס איז הייס געוואָרען דורך דער זון.

כ. (כ) עס איז אסור צו קאַלערען אַן איי אויף הייסען זאַמד, עס זאָל זיך דורך דעם קאָלערען אָן בראָטען דורך דעם זאַמד וואָס איז דורך די זון הייס געוואָרען.

---

מקור חיים

(טו) ש"ע או"ח שי"ח ס"ג ומג"א ס"ק ט'. (טז) משנה ברורה שם ס"ק י"א. (יז) מג"א שם ס"ק י"א. (יח) ש"ע שי"ח ס"ג. (יט) מג"א שם ס"ק י'. (כ) מג"א שם ס"ק י'.

שמים מטל

(י*) שמא ירבה בשבילו. (יא*) משום בישול עכו"ם ויש מתירין למוצ"ש מיד כיון שהעכו"ם בישול בהיתר לא גזרו משום בישול עכו"ם. (יב*) עיין במחצה"ש שהביא בדין זה שהישראל נותן התבשיל ואח"כ מסיק הנכרי דהישראל חייב והיא תמוה כי בש"ס ביצה ל"ד שם מבאר בכה"ג דאחרון חייב וכולן פטורין וכן מבואר להדיא בש"ע הגרז"ש סי' רנ"ג בד"ז דפטור אבל אסור מד"ס, וכן מבואר להדיא במשנה ברורה שי"ח ס"ק י"ז ודו"ק. (יג*) גזירה אטו תולדות האור שהרואה סובר שהוחם באור.

מלאכת אופה ומבשל, באַקן אָדער קאָכן אום שבת

כא. (כא) עס איז אסור צו קאָכן אום שבת אין הייסע מינעראַל וואסערן (יד*).

כב. (כב) עס איז מותר אום שבת צו שטעלן אנטקעגן די זון א טאָפּ מיט וואסער כדי דאָס וואסער זאָל הייס ווערן (טו*). עס איז מותר צו בראָטן אַן איי אַנטקעגן דער זון.

כג. (כג) מען ברויכט געדענקען אז ווען עס ווערט דערמאָנט יד סולדת מיינט מען אויב מען וועט באָדן א קינד אין וואסער וואָס זאָל די זעלבע גראַד היץ האָבן וועט זיך דער בויך פון קינד אָפּבריהען (טז*) דאָס מיינט 40 גראַד און העכער.

כד. (כד) ווען מען דערמאָנט כלי ראשון ברויכט מען צו געדענקען אז דאָס מיינט אזוי א כלי וואָס מען האָט אין איהר דאָס עסן געקאָכט, ווען אפילו מען האָט עס שוין לאַנג פון פייער אוועקגענומען נאָר דאָס עסן איז נאָך הייס, יד סולדת. כלי שני מיינט אזא כלי וואָס מען האָט אין איהר אריינגעגאָסען דאָס עסן פון א כלי ראשון און דאָס עסן איז נאָך יד סולדת.

כה. (כה) שיטערע עסענס, צום ביישפּיעל וואסער, יויך, מילך, באָרשט, ווען אפילו זיי זיינען בעפאָר שבת גענצליך געקאָכט געוואָרען נאָר ערשט זיינען זיי קאַלט, האָבן זיי דעם זעלבען דין ווי אזעלכעס וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געקאָכט געוואָרען. עס איז אסור זיי צו שטעלן אויף דעם פּלייט פון דער קיך ווען אפילו עס איז נאָך יעצט קיין פייער ניטאָ נאָר שפּעטער וועט מען ערשט פייער מאַכן, דאָך איז אסור. עס איז אסור דאָס שיטערע קאַלטע עסען צו שטעלן אפילו פיר א קליינע צייט כדי די קעלט זאָל ארוים אויף אזא א וואַרעם אָרט וואָס קען מעגליך זיין אז עס זאָל קענען ווערען יד סולדת אויב עס וועט שטעהן א לאַנגע צייט אויף דעם אָרט (יז*). אויב די שיטערע עסענס זיינען נאָך וואַרעם און ער

---

מקור חיים

(כא) שבת מ׳ ע״ב. (כב) ש״ע שם, ש״ע שם. (כג) ש״ע שם ס״ק י״ז. (כד) ש״ע שם ס״ט, תוס׳ שבת מ׳ ע״ב ד״ה ש״מ. (כה) ש״ע שי״ח ס״ד ומג״א ס״ק מ״א ורמ״א סט״ו בש״ע רנ״ג ס״ב ובמג״א ס״ק ל״א בשם מהרי״ל וס״ק מ״ג.

שמים מטל

(יד*) דהוי כתולדת חמה. (טו*) ולא גזרינן אטו אור דחמה באור לא מיחלף. (טז*) בפרמ״ג יו״ד ס״ח הביא כריסו של תינוק בן יומו נכוית ובש״ע וברמב״ם אינו מבואר ושיעור 40 גראַד הביא הגר״ד פעלדמאַן בהגהותיו לקיצור ש״ע בהקונטרס הנקרא שיורי מצות. (יז*) דכיון שיכול לחתבשל שם חיישינן דילמא משתלי ליטלה.

האט עס אום שבת פון דער פלייט פון קיך אראפגענומען, איז ערלויבט ער זאל לייגען א ציגעל אויף דער פלייט פון קיך און אויף דעם ציגעל דאס עסען צוריק צו שטעלען עס זאל הייס ווערען (יח*).

כו. (כו) הארטע עסענס אזוי ווי געקעכטץ וואס מען האט אפגענאסען פון זיי די יויך, אויב ס'איז בעפאר שבת גענצליך געקאכט, ווען אפילו דאס עסען איז ערשט קאלט איז מותר דאס אריינצולייגען אין א טאפ מיט הייסע יויך, ווען אפילו דער טאפ איז א כלי ראשון און אפילו דאס געקעכטץ וועט ווערען צוריבען און שיטער, איז עס דאך מותר (יט*).

כז. (כז) מען ברויכט צו זיין פארזיכטיג אז מען זאל ניט גיסען קיין ווארעם וואסער אפילו פון א כלי שני אויף הערינג (כ*).

כח. (כח) אלע עסענווארג וואס מען קען זיי עסען אפילו רוי, נאר איבער זייער הארטקייט מוז מען זיי פריהער ווייקען אין הייסע וואסער כדי זיי זאלען ווערען פעהיג צום עסען, איז אסור זיי צו ווייקען אין הייסע וואסער (כא*).

כט. (כט) מען ברויכט זיין זעהר פארזיכטיג מען זאל ניט גיסען אום שבת פון א כלי ראשון אויף טרוקענע בלעטער טיי וואס זיי זיינען נאך ניט געוועזען געבריהט בעפאר שבת (כב*). עס איז אסור אפילו פריהער צו גיסען דאס הייסע וואסער אין א כלי און נאכהער אריינצוגעבען די בלעטער (כג*). עס איז אסור צו גיסען הייסע וואסער אפילו אויף די טיי וואס איז שוין געבריהט בעפאר שבת (כד*). דעריבער מוז מען ערב שבת אנגרייטען דעם גאנצען סענס וויפיעל מען ברויכט אויף שבת צו נוצען און אויב מעגליך דארף מען זעהן אז דער סענס זאל זיין שבת ווארעם, אויב דער סענס איז קאלט געווארען זאל ער פריהער גיסען דאס הייסע וואסער

---

## מקור חיים

(כו) ש"ע שו"ח ס"ד ומג"א ס"ק י"ד משנה ברורה. (כז) חיי"א ומשנה ברורה שו"ח ס"ק ל"ו. (כח) רמ"א שם שו"ח ס"ד משנה ברורה ס"ק ל"ח. (כט) משנה ברורה ס"ק ל"ט ושע"ת בשם זרע אמת.

## שמים מטל

(יח*) למנוע מחשש בישול ומחשש הושיב לכתחילה ומחשש שמא יחתה בגחלים. וטוב להחמיר כרוב הפוסקים שלא להחזיר אפי' אם נטלו בשבת אלא א"כ שהקדירה עודה בידו ודעתו להחזירה. (יט*) דאין בישול אחר בישול בדבר יבש. (כ*) דאין צריכין בישול אלא מעט והדחתן היא גמר מלאכתן. (כא*) דהוי גמר מלאכתן. (כב*) דחשש חיוב משום בישול דקיי"ל דעירוי מבשל כדי קליפה. (כג*) דקיי"ל דדבר שלא בא בחמין מלפני השבת אין שורין אותו בשבת אפי' בכלי שני. (כד*) שמא נשאר המשקה סענס וקיי"ל דבדבר לח יש בישול אחר בישול.

מלאכת אופה ומבשל, באַקען אָדער קאָכען אום שבת

אין דער כלי וואָס ער וויל טרינקען און נאכהער דעם סענס אריינגיסען (כה*). אויב ער וויל צוזאמענמישען מיט דעם הייסען וואסער קאַלטע מילך אָדער ער וויל צוקער אריינלייגען, זאָל ער דאָס זעלבע טהון, פריהער זאָל ער אריינגיסען דאָס הייסע וואסער אין די כלי וואָס ער וויל טרינקען און נאכהער זאָל ער די מילך אריינגיסען אָדער דעם צוקער אריינשיטען.

ל. (ל) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג אז מען זאָל ניט גיסען פון דעם טאָפּ יויך וואָס איז אין א כלי ראשון אויף קיין חלה אָדער מצה (כו*). עס איז אסור אפילו אריינצוברעקען חלה אָדער מצה אין די יויך וואָס איז שוין אויפגעגאָסען אויף דעם טעלער אויב די יויך איז היים יד סולדת (כז*). עס איז מותר אריינצוברעקען חלה אין די יויך וואָס איז אין דעם טעלער אויב די יויך איז ניט אזוי היים ווי יד סולדת, אויך ווען ער האָט געמאכט פון די יויך א כלי שלישי, אז ער האָט געשעפּט פון דעם טאָפּ מיט א לעפעל און מיט די לעפעל אין טעלער אריינגעגאָסען.

לא. (לא) עס איז אסור צו לייגען געקאָכטע טרוקענע פלייש אויף אזא אָרט וואָס קען געבראָטען ווערען דורך דער היץ פון פייער אפילו דאָס פלייש איז גענצליך געקאָכט בעפאָר שבת (כח*). עס איז אסור צו געבען הייסע פלייש אין קאַלטע יויך (כט*), אויב ער האָט שוין דאָס יאָ געטהון איז די יויך מותר (ל*).

לב. (לב) אויב וואסער אָדער אנדער משקה זיינען קאַלט איז מותר זיי צו שטעלען אויף א ווארעם אָרט כדי די קעלט זאָל פון זיי ארויס, אָבער דאָס אָרט זאָל ניט זיין אזוי ווארעם דאָס די משקה זאָל קענען ווערען יד סולדת ווען זי וועט לאנג שטעהן אויף דעם אָרט. עס איז אסור צו לייגען פרוכט כדי די קעלט זאָל ארויס פון זיי אויף אזא הייסען אָרט אז זיי זאָלען קענען אויף דעם אָרט געבראָטען ווערען (לא*).

לג. (לג) אויב ער האָט אויסגעמישט מיט א לעפעל אזא הייסע עסען

---

## מקור חיים

(ל) ש"ע שם ס"ח. (לא) מג"א שי"ח ס"ק י"ז, מג"א שם ס"ק ל"ה, שער הציון לבעל מנש"ב ס"ק ק"ח. (לב) ש"ע שם סעי' י"ד רמ"א שם סעי' י"ד. (לג) משנה ברורה שם ס"ק קי"ד וש"ע שם סעי' י"ח ש"ע הגרז"ש ומשנה ברורה.

## שמים מטל

(כה*) שאז נעשה התערובות סענס צונן עם מים חמים בכלי שני ובלא עירוי ולצובע אין חשש דאין צביעה באוכלין. (כו*) דקיי"ל דעירוי מבשל כדי קליפה ויש בישול אחר אפיה. (כז*) דיש דברים שמתבשלים אפילו בכלי שני מפני שהם רכים ע"כ אסרינן בפת אפי' בכ"ש מפני דהיא רכיך. (כח*) מפני דיש צלי אחר בישול. (כט*) כיון שאינו מתערב מתבשל הרוטב כדי קליפה. (ל*) דיש לסמוך אמקילין דס"ל דאין בישול אחר בישול אפי' בצונן. (לא*) שמא ישכח עד שיצלה.

וואָס איז ניט גענצליך געקאָכט איז ער חייב ווען אפילו דאָס עסען שטעהט ניט אויף דעם פייער (לב*). עס איז אסור ארויסצונעהמען דאָס עסען פון טאָפּ מיט א לעפעל, אויב דאָס עסען איז גענצליך געקאָכט איז מותר דאָס אויסצומישען אויב עס איז שוין אוועקגענומען פון פייער (לג*).

לד. (לד) געבראָטענע פלייש ווען זאָגאר עס ליגט שוין אין א כלי שני זאָלאנג ווי עס איז היים יד סולדת איז אסור דאָס צו שמירען מיט קנאָבעל (לד*). עס איז מותר צו שמירען דאָס געבראָטענע פלייש מיט געקאָכטע געפרוירענע שמאַלץ ווען זאָגאר דאָס געבראָטענס ליגט אין א כלי ראשון, אָבער ער זאָל ניט צורייבען מיט די הענט דאָס שמאַלץ נאָר ער זאָל לייגען שטיקער שמאַלץ (לה*) און עס זאָל זעלבסט צוגיין (לו*).

לה. (לה) עס איז אסור צו נעהמען וואסער פון א סאַמאָוואַר אויב די קויהלען פון סאַמאָוואַר זיינען ניט אויסגעלייזיגט (לז*) ווען זאָגאר ער האָט פרייטאָג פאַר נאַכט געטרונקען פון דעם וואסער און עס איז געוואָרען שבת איז אסור פון דעם וואסער מעהר צו טרינקען (לז*).

לו. (לו) דאָס וואָס איז מותר היים צו מאַכען דאָס קאַלטע עסען דורך דעם וואָס דער גוי הייצט אין זעהר קאַלטע שבתים איז עס נאָר מותר ביי די 3 פונקטען צוזאמען: 1. דאָס פייער זאָל זיין אין אַן אויוועון געמאַכט פיר דעם שטוב ווארעם צו מאַכען (לח*). 2. בעפאָר דער גוי שטעלט דאָס

---

## מקור חיים

(לד) מג"א שם ס"ק מ"ה מג"א שם ומשנה ברורה. (לה) משנה ברורה בשם תוס' ירושלים. (לו) משנה ברורה סי' רנ"ג ס"ק צ"ט בשם הגאון מהרש"ק ושאר גאונים נ"ע ומג"א רנ"ג ס"ק ל"א.

## שמים מטל

(לב*) דזה מסייע ומקרב להבישול ומגיס חייב משום מבשל. (לג*) דאין בישול אחר בישול. (לד*) דכמה פוסקים סוברים בדבר גוש כל זמן שיד סולדת בו אפי' בכ"ש מבשל ושום דבר חי ולא נתבשל לעולם. (לה*) דאין בשומן משום בישול כיון דשומן שנקפא דבר יבש הוא וכבר נתבשל ואין בישול אחר בישול. (לו*) שמא יסחוט פירות העומדין למשקה ואיכא חיוב משום מפרק דהיא תולדה דדש. (לז*) שלא יוסיף מים מפני שמתיירא שלא יכלה הכלי. (לח*) שאין דרך לבשל בחול מלמעלה ע"ג התנור לכך נוכל לומר דאין ניכר כוונת הגוי בהיסק רק לחמם הבית ולא בשביל לבשל הקדירות שעומדים למעלה אבל תנורים שקורין ענגלישע קעכין שדרך הכל לבשל בחול על גביהם איסור גמור להעמיד המאכל על גביהם, אפי' קודם היסק דבודאי כוונת הנכרי בהיסק אח"כ גם בשביל בישול הקדירות.

מלאכת אופה ומבשל, באַקען אָדער קאָכען אום שבת

קאַלטע עסען אין דעם קאַווע אויוועלע מוז ער א ציגעל אריינשטעלען דאָס עסען זאָל אויף דעם ציגעל שטעהן. 3. דער גוי זאָל דאָס עסען שטעלען אויף דעם אויוועלע בעפאָר ער הייצט איין.

לז. (לז) עס איז אסור דער גוי זאָל עס ארויפשטעלען נאָך דעם פייער מאַכען, אויך איז אסור צו ווארעמען דאָס עסען אין אַן ענגלישע קיך, אזא קיך וואָס מען נוצט די קיך אין דער וואָכענס צו קאָכען, אויך איז אסור צו ווארעמען דאָס עסען ווען ער שטעלט ניט קיין ציגעל אונטער דעם טאָפּ.

לח. (לח) ווען עס קומט די צייט פון ליכט צינדען ברויכט זיין דאָס עסען פון קיך און דאָס טשאָלענט געגצליך געקאָכט, אויב דאָס עסען איז ביי דער צייט פון ליכט צינדען ניט געקאָכט א דריט חלק פון דאָס פעהיג־קייט צום עסען נאָר אום שבת ווערט עס גענצליך געקאָכט, איז דאָס עסען אזוי ווי עס איז געקאָכט געוואָרען אום שבת. (עיין סעיף י׳ וסעיף י״ב) במזיד איז דאָס געקעכטס אסור בהנאה צו איהם פאַר אייביג, און אויב בשוגג מעג ער עסען דאָס געקעכטס מוצאי שבת אזוי ווי עס ווערט נאָר נאכט.

לט. (לט) עס איז אסור איינצוואוויקלען עסענס ווען אפילו זיי זיינען נאָך הייס אין בעטגעוואַנט כדי עס זאָל זיך האלטען ווארעם (לט*). אויב עס איז ניט אין גאַנצען געדעקט נאָר עס איז א שטיקעל אָפען אָדער ער לייגט עס איבער אין אַן אנדער כלי אריין איז מותר דאָס איינצואוויקלען אין בעטגעוואַנט.

מ. (מ) עס איז אסור אריינצולייגען א כלי מיט קאַלטע עסען אין א כלי מיט הייסע וואסער כדי די קעלט זאָל ארויס (מ*).

מא. (מא) מען ברויכט בעפאָר שבת ארויסצונעהמען די טעפּ פון די פייערקעס און זיי ארויפצושטעלען אויף די פּלייט פון דער קיך (מא*).

---

## מקור חיים

(לז) שם במשנה ברורה. (לח) ש״ע רנ״ג ס״א ומשנה ברורה ס״ק מ״ג ומ״ד. בלכלת שבת כללי הטמנה וביאור הלכה לבעל משנ״ב סי׳ רנ״ג ד״ה ונהגו להוקל כסברא אחרונה. (לט) רמ״א סי׳ רנ״ג ומשנה ברורה בסי׳ רנ״ז סק״א. ש״ע שם ס״ה. (מ) ט״ז סי׳ רנ״ח. (מא) רמ״א סי׳ רנ״ג.

## שמים מטל

(לט*) דאסור לטמון בשבת אפי׳ בדבר שאינו מוסיף הבל. (מ*) שזה דרך הטמנה ממש שכולו טמון בתוכו וזה אסור אפי׳ לזמן מועט. (מא*) משום איסור הבערה שע״י שיטול הקדירה בשבת מתוך פי הכירה יכול לבא לידי הבערת גחלים ע״י נשיבות הרוח.

מלאכת אופה ומבשל, באַקען אָדער קאָכען אום שבת

מב. (מב) דער חיוב פון קאָכען אום שבת איז דורך פייער אָדער דורך געז אָדער דורך עלעקטריק.

מג. (מג) עס איז אסור צו זאַלצען 4 אָדער 5 שטיקלאך רעטאך צו־זאמען (מב*).

## מלאכת גוזז, שעהרען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט געשוירען אום שבת וואָל אָדער האָר פון א בהמה אָדער פון א חיה סיי א לעבעדיגע סיי א טויטע בהמה, ווען אפילו די פעל איז שוין אָפּגעשונדען, אויב ער ברויכט די וואָל אָדער די האָר און עס איז אזוי פיעל אז מען זאָל קענען שפּינען דערפון א פאָדעם ער זאָל לאַנג זיין נאָהענט צו 4 טפחים, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) א טפח הייסט 4 ברייטען פון דיקען פינגער אָדער 5 ברייטען פון דריטען פינגער אָדער 6 ברייטען פון קליינעם פינגער.

ג. (ג) עס איז אסור מן התורה צו שעהרען אפילו אזוי ווייניג אז מען וועט ניט קענען שפּינען דערפון א פאָדעם ער זאָל לאַנג זיין נאָהענט צו 4 טפחים.

ד. (ד) עס איז אסור צו שעהרען וואָל אָדער האָר ווען אפילו ער דאַרף ניט די וואָל אָדער די האָר.

---

### מקור חיים

(מב) הגהות מצודת דוד הנדפס מחדש בקיצור ש"ע בקיצור כללי בישול בשם שו"ת בי"צ חיו"ד ח"ר. (מג) מקור מהרמב"ם פכ"ב וש"ע שכ"א ס"ג.

(א) רמב"ם פ"ט משבת ה"ז ומג"א סי' ש"מ סק"א ומשנה ברורה שם. (ב) ס' שיורי המצות להגר"ד פעלדמאַן הנדפס מחדש בקיצור ש"ע. (ג) דקיי"ל חצי שיעור אסור מה"ת. (ד) דמלאכה שא"צ לגופה פטור אבל אסור מדרבנן.

### שמים מטל

(מב*) מפני שנראה ככובש כבשים והכובש אסור מפני שהוא כמבשל.

### חידושים מס' אגלי טל וזה"ל:

סי"ת. אחד העמיד קדירה אצל האש ובא השני והגים כדי לקרב בישולו שניהם חייבים. אחד העמיד קדירה עם בשר אצל האש לעשות צלי קדר ובא השני ונתן בה מים כדי שיהי' מבושל שניהם חייבים.

(א*) אב מלאכ'. והריב"ש סי' שצ"ד כ' דאף שאי"צ לשערות נמי חשיב צריכה לגופה דבמשכן נמי הי' מעבירין השער לצורך העורות אילים מאדמים והתחשים.

ה. (ה) עס איז אסור מיט דער האנט ארויסצורייסען די האָר אָדער די וואָל פון א לעבעדיגע בהמה אָדער חיה (ב*).

ו. (ו) אויב די בהמה אָדער די חיה איז שוין טויט און ער האָט מיט דער האנט אויסגעריסען די וואָל אָדער די האָר איז ער חייב (ג*).

ז. (ז) מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג מען זאָל ניט ארויסרייסען קיין האָר פון א פעליז, דען עס איז דערביי פאראן א חיוב חטאת (ד*).

ח. (ח) אויב ער האָט אויסגעריסען מיט דער האנט א פעדער פון אן עוף, סיי א לעבעדיגע אָדער א טויטע עוף, איז ער חייב (ה*).

ט. (ט) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג ניט אויסצורייסען די קליינע פעדערען פון די געקאָכטע עופות, דען עס איז א חשש חיוב דאורייתא (ו*).

י. (י) עס איז אסור ארויסצורייסען מיט דער האנט די האָר פון זיין קאָפּ אָדער די האָר פון אנדערע ערטער פון זיין קערפּער.

יא. (יא) עס איז אסור זיך צו זייפען אום שבת (ז*).

יב. (יב) עס איז אסור אום שבת מיט דער האנט די נעגעל אָפּצורייסען, עס איז אסור אָפּצובייסען מיט די ציין די נעגעל אָדער די האָר.

יג. (יג) עס איז אסור אָפּצובייסען אָדער אָפּצורייסען זיין חבר'ס נעגעל אָדער זיין חבר'ס האָר.

יד. (יד) אויב ער האָט געשוירען 2 האָר מיט א כלי, זיינע האָר אָדער זיין חבר'ס האָר, אויב ער דאַרף די האָר איז ער חייב.

טו. (טו) עס איז אסור צו שעהרען 2 מענשליכע האָר אפילו ווען ער ברויכט ניט די האָר צו נוצען.

---

## מקור חיים

(ה) משנה ברורה ש"מ. (ו) משנה ברורה סי' ש"מ סק"ה. (ז) ט"ז ס"ס של"ו ושאר אחרונים. (ח) משנה ברורה שם סק"ה. (ט) כ' משאת שבת בשם תש"ו בית רענן. (י) ש"ע או"ח סי' ש"מ ס"א. (יא) מקור רש"י שבת דף נ' ע"ב ד"ה כל היכי. (יב) ש"ע שם ומשנה ברורה סק"א מהש"ס. (יג) ש"ע שם ס"א. (יד) ש"ע שם ומשנה ברורה. (טו) דמלאכה שא"צ לגופה פטור אבל אסור.

## שמים מטל

(ב*) דאין דרך לתלוש ביד משום דכאב לה להכי ליכא חיוב רק איסור אבל משום עוקר דבר מגדולו דהיא תולדה דקוצר אינו חייב משום דהוה כלאחר יד וכן מבואר במג"א סי' תצ"ח וזה דלא כהתפארת ישראל במלאכת גוזז שכ' דנהי משום גוזז אסור רק מדרבנן עכ"פ חייב משום תולדת קוצר דהו"ל עוקר דבר מגידולו ועיי' בשער הציון לבעל משנה ברורה בסי' ש"מ ס"ק ו' ודו"ק. (ג*) מן המתה דרך לתלוש כמו לגזוז. (ד*) ומהפרמ"ג סי' ש"מ סק"ג נראה דליכא רק איסור דרבנן וכן כתב המחצה"ש סי' שט"ז ס"ק כ"א. (ה*) דתלישתן זה היא גיזתן וזה תולדה. (ו*) דיש חשש גוזז וקוצר ובורר. (ז*) שהבורית משיר השער.

מלאכת גוזז, שעהרען אום שבת

טז. (טז) עס איז אסור מן התורה אפילו איין האָר אָפּצושעהרען.

יז. (יז) אויב ער האָט אויסגעקליבען אפילו איין ווייסע האָר פון די שווארצע און האָט זי אפילו מיט דער האנט אויסגעריסען, איז ער חייב (ח*).

יח. (יח) עס איז אסור אפילו אין א וואָכענטאָג ארויסצוקלייבען די ווייסע האָר פון די שווארצע (ט*).

יט. (יט) אויב ער האָט אפילו איין נאָגעל פון זיך אָדער פון זיין חבר אָפּגעשניטען מיט א כלי, אויב ער ברויכט דעם נאָגעל איז ער חייב (י*).

כ. (כ) עס איז אסור צו שניידען דעם נאָגעל אפילו ווען ער ברויכט ניט דעם נאָגעל.

כא. (כא) אויב א פרוי האָט פארגעסען אָפּצושניידען איהרע נעגעל ערב שבת און ליל שבת איז איהר טבילה זאָל זי זאָגען א גוי דאָס ער זאָל איהרע נעגעל מיט דער האנט אָפּרייסען (יא*). אויב דער גוי קען מיט דער האנט איהרע נעגעל ניט אָפּרייסען איז מותר צו זאָגען דעם גוי אז ער זאָל איהרע נעגעל מיט א כלי אָפּשניידען. אויב עס איז ניטאָ קיין גוי זאָל זי מאַכען איהרע נעגעל זעהר ריין און זיי לעכערען.

כב. (כב) עס איז אסור אום שבת אָפּצושניידען א הארטען וואָרצעל סיי פון זיין קערפּער סיי פון זיין חבר'ס קערפּער (יב*). עס איז אסור א הארטען וואָרצעל אָפּצובייסען אָדער אָפּצורייסען, אויב ער האָט אָפּגע־שניטען א פייכטען וואָרצעל מיט א כלי איז ער חייב.

כג. (כג) עס איז אסור אָפּצורייסען די הויט פון זיין האנט אָדער פון אן אנדער אָרט פון זיין קערפּער (יג*).

כד. (כד) עס איז אסור אום שבת זיך צו שפּיגלען ביי אזא שפּיגעל וואָס איז פון מעטאָל און די זייטען פון איהר זיינען שארף און געמאַכט

---

## מקור חיים

(טז) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת. (יז) ש"ע שם ובביאור הלכה לבעל משנ"ב ד"ה אפילו. (יח) ש"ע שם. (יט) משנ"ב שם ס"ק ג'. (כ) דמלאכה שא"צ לגופה פטור אבל אסור. (כא) משנ"ב ומג"א ש"מ סק"ג. (כב) ש"ע שם ומשנה ברורה. (כג) ט"ז ס"ס של"ו. (כד) ש"ע סי' ש"ב סי"ג ומשנה ברורה.

## שמים מטל

(ח*) אפילו באחת מקפיד שלא יהי' נראה כזקן לכך חשיבי מלאכה. (ט*) שדרך הנשים להקפיד על זה להתנאות ואסור משום לא ילבוש גבר שמלאת אשה שתרגומו לא יתקן גבר בתיקוני איתתא. (י*) והיא תולדה. (יא*) דהוי שבות דשבות במקום מצוה. (יב*) דליכא חיוב בזה משום דעומדת להתפרק בסוף מעצמו. (יג*) דהוי כמחובר לקרקע דאדם הוא כקרקע.

מלאכת גוזז, שעהרען אום שבת

מען זאָל קענען מיט די זייטען אָפּשניידען האָר, ווען אפילו דער שפּיגעל איז אָנגעהאַקט אָן דער וואַנט איז אויך אסור (יד*).

כה. (כה) עס איז מותר זיך צו שפּיגלען ביי א שפּיגעל וואָס זיינע זייטען זיינען ניט שאַרף, צום ביישפּיעל א שפּיגעל פון גלאָז, ווען אפילו ער איז ניט אָנגעהאַקט אָן דער וואַנט (טו*).

כו. (כו) ווען די זייטען פון שפּיגעל זיינען ניט שאַרף איז מותר זיך צו שפּיגלען אפילו ביי א שפּיגעל פון מעטאַל אפילו ווען ער איז ניט אָנ־געהאַקט אָן דער וואַנט.

כז. (כז) עס איז אסור א פרוי זאָל זיך שבת מאַכען א גזשיבע אין איהר שייטעל דורך א כלי (יז*).

כח. (כח) עס איז מותר זי זאָל מיט די פינגער די גזשיבע אין שייטעל מאַכען.

כט. (כט) עס איז אסור אום שבת זיך צו קעמען (יח*).

ל. (ל) עס איז אסור זאָגאר זיך צו בערשטען ווען זאָגאר די האָר פון די בערשטען זיינען זעהר ווייך (יט*).

לא. (לא) עס איז מותר מיט א ווייכע בערשטעל גלייך צו מאַכען אביסעל די האָר, אָבער עס איז אסור זיך צו בערשטען, אויך זאָל דאָס בערשטעל זיין נאָר בלויז פיר שבת, ער זאָל דאָס ניט נוצען אין דער וואָכען.

לב. (לב) עס איז מותר אום שבת זיך צו קראַצען און עס איז מותר מיט די פינגער די האָר פאַנאַנדער צו נעהמען (כ*).

לג. (לג) עס איז אסור אַרויסצונעהמען די בינים פון די פעל פון די פיקסען אָדער אזעלכעס וואָס איז עהנליך דערצו (כא*).

---

## מקור חיים

(כה) שם. (כו) שם משנה ברורה. (כז) ש"ע סי' ש"ג סעי' כ"ו. (כח) רמ"א שם. (כט) ש"ע סי' ש"ג סעי' כז. (ל) ש"ע שם. (לא) משנה ברורה הריב"ש. (לב) רמ"א שם. (לג) מג"א סי' שט"ז ס"ק כ"א.

## שמים מטל

(יד*) דיש לחוש בשבת שמא ישכח ויעשה כדרכו בחול ולא חלקו חז"ל במראה של מתכות בין קבוע לשאינו קבוע. (טו*) כיון דאינו עושה כלל להסיר בה נימין לא גזרו כלל עליה. (יז*) משום חשש תלישה. (יח*) משום תולש שער הגוף דהוי תולדה דגוזז. (יט*) שאי אפשר שלא יעקרו שערות. (כ*) ואף אם נפלו שערות עי"ז אין חשש שהרי אין כוונתו להשיר ואפשר שלא ישיר. (כא*) משום שהוא מנתק מן הצמר והוי פס"ר ויש בזה משום גוזז כן כתב הרב בש"ע שלו ומשמע דיש בזה חיוב דאורייתא וזה דלא כהבנת המחצה"ש בהמג"א דיש רק איסור דרבנן עש"ה ועיי' בשער הציון לבעל מנ"ב סי' ש"מ ס"ק ז' ג"כ כהרב.

מלאכת גוזז, שערען אום שבת

לד. (לד) עס איז מותר זיך צו וואשען דעם קאפ אום שבת און דאס פנים און די הענט און די פיס ווען זאגאר ער האט א בארד און האט האר אויף דעם קאפ, מיט אזעלכע זאכען וואס נעהמען ניט אראפ די האר, ווען זאגאר זיי זיינען געמישט מיט אזעלכע זאכען וואס נעהמען אראפ די האר מעג ער אויך, נאר עס מוז זיין די מעהרהייט פון די וואס נעהמען ניט אראפ די האר (כב*).

לה. (לה) אויב א רוב נאגעל האט זיך אפגעריסען פון פינגער און עס איז נאהענט צום אראפ פאלען און ער האט צער איז מותר ער זאל דאס מיט דער האנט אפרייסען. עס איז אסור דאס שטיקעל נאגעל מיט א כלי אראפצונעהמען.

לו. (לו) אויב ער האט זיך אפגעריסען א שטיק הויט פון דעם וואס רינגעלט ארום דעם נאגעל נעבען פינגער, ווען זאגאר עס איז מעהר אפ־געריסען ווי צוגעוואקסען איז אסור זאגאר מיט דער האנט אפצורייסען דאס שטיקעל וואס איז נאך צום פינגער צוגעוואקסען (כג*).

לז (לז) עס איז אסור פאר דעם וואס ליידעט פון עצירות צו געבען אין פי הטבעת א צעפעל פון זייף אדער פון הלב ווען זאגאר דאס איז געמאכט געווארען ערב שבת (כד*), אבער ער מעג דאס מיט צוויי פינגער האלטען און לייגען מיט געלאסענהייט אין פי הטבעת (כה*).

לח. (לח) ווען ער מאכט שבת א צעפעל זאגאר פון פאפיר פיר אזא חולה וואס איז ניט קיין סכנה איז ער חייב (כו*).

לט. (לט) עס איז מותר צו מאכען א צעפעל פון א שטיקעל מער אדער א שטיקעל ריעב (כז*).

מ. (מ) דער איסור פון גוזז איז שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(לד) ש"ע סי' שכ"ו סעי' ט' ומשנה ברורה. (לה) ש"ע סי' שכ"ח סעי' ל"א. (לו) שם. (לז) ש"ע שכ"ח סעי' מ"ט. (לח) משנ"ב שכ"ח ס"ק קנ"ב והוי"א. (לט) משנ"ב שם. (מ) ש"ע או"ח תצ"ה.

## שמים מטל

(כב*) בענין שלא יהי' פסיק רישא ולא ימות. (כג*) משום פלוגתא דרש"י ור"ת. (כד*) איידי דממשמש שם כמה פעמים להכנים ולהוציא קרוב לודאי שישיר השער שם. (כה*) ולא יבא ע"י זה לידי השרת נימין. (כו*) משום מכה בפטיש. (כז*) כיון שהיא מאכל בהמה אין בזה משום תיקון כלי.

## מלאכת מלבן, וואשען אום שבת.

א. (א) אויב ער מאכט אום שבת קלאר און בלייך וואל אדער פאדעם אדער אנדערע זאכען וואס דער שטייגער איז מען זאל זיי בלייכען און קלאר מאכען, ווען אפילו ער נוצט ניט קיין וואסער פיר דעם בלייכען נאר ער נוצט אנדערע מיטלען וואס דורך זיי ווערט דער פאדעם אדער די וואל גע־בלייכט און געקלארט, אויב די לענג פון דעם פאדעם איז 4 טפחים אדער מען קען שפינען פון די וואל איין פאדעם וואס ער זאל האבען א לענג פון 4 טפחים, איז ער חייב.

ב. (ב) איין טפח הייסט 4 ברייטען פון דיקען פינגער אדער 5 ברייטען פון דריטען פינגער אדער 6 ברייטען פון קליינעם פינגער.

ג. (ג) אויב ער וואשט מלבושים אין וואסער איז ער חייב (א*).

ד. (ד) אויב ער דרינגט אויס דאס וואסער פון די מלבושים איז דאס זעלבע ווי ער וואלט זיי גענוען געוואשען און ער איז חייב (ב*).

ה. (ה) עס איז אסור מן התורה צו בלייכען אדער צו וואשען אדער אויסצודרינגען וואל אדער פאדעם אפילו ווען זיי האבען ניט קיין לענג פון 4 טפחים.

ו. (ו) אויב ער וואשט ווייכע לעדער איז ער חייב. עס איז אויך אסור צו וואשען הארטע לעדער.

ז. (ז) עס איז אסור מן התורה צו וואשען אפגעשוירענע האר.

ח. (ח) עס איז אסור ארויסצודרינגען דאס וואסער פון די האר פון קאפ אדער פון די לעדער.

ט. (ט) אויב ער טובל'ט זיך אום שבת ברויכט ער צו זיין פארזיכטיג ניט אויסצודרינגען די האר פון וואסער.

י. (י) עס איז אסור צו געהן אויף אזא ארט וואס ער קען זיך אויס־גליטשען און פאלען אין וואסער (ג*). אויב ער איז געגאנגען און זיך אויס־

---

### מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ט משבת ה"י וס' בלכלת שבת. (ב) מקור שיורי מצות להגר"ד פעלדמאן הנדפס מחדש לקיצור ש"ע. (ג) רמב"ם שם הי"א. (ד) רמב"ם שם. (ה) דקיי"ל חצי שיעור אסור מה"ת. (ו) משנה ברורה סי' ש"ב ס"ק ל"ט וס"ק מ"ב רמב"ם פ' כ"ב הלכה י"ח וביאור הלכה ס"י ש"ב ד"ה אבל לכבסו. (ז) ביאור הלכה לבעל משנ"ב ש"ב ד"ה אסור. (ח) רמב"ם פ"ט הלכה י"א מגיד משנה. (ט) בלכלת שבת ועיו' בש"ע סי' שב"ו ס"ח ובמג"א סק"ח. (י) ש"ע סי' ש"א ס' מ"ו בהרמ"א.

### שמים מטל

(א*) תולדה. (ב*) שהסחיטה מצורכי כיבוס היא כמו שהגסה מצורכי הבישול והיא ג"כ תולדה. (ג*) שמא ישרו בגדיו במים וישכח ויסחט.

געגליטשט און זיינע קליידער זיינען נאס געווארען אדער זיינע קליידער זיינען פון רעגען נאס געווארען דארף ער די קליידער ניט אויסטהון (ד*).

יא. (יא) ער זאל ניט אנטהון אום שבת קיין נאסע מלבושים ווען ער האט אנדערע מלבושים וואס זיי זיינען טרוקען (ה*). אויב ער האט ניט קיין טרוקנענע מלבושים איז מותר אנצוטהון די נאסע.

יב. (יב) עס איז אסור נאסע קליידער אפצושאקלען פון וואסער (ו*).

יג. (יג) עס איז אסור שבת אויפצושפרייטען נאסע קליידער זיי זאלען זיך טריקענען (ז*).

יד. (יד) עס איז אסור אויפצושפרייטען אום שבת נאסע קליידער צו טריקענען אפילו אין די שטוב וואו מענשען וועלען ניט זעהן (ח*).

טו. (טו) עס איז מותר אום שבת אויפצושפרייטען אין שטוב ווייט פון אויוועז עס זאל ניט זיין יד סולדת, אדער אין הויף געגען איבער די זון ווינדעלאך וואס די קינדער האבען שמוציג געמאכט (ט*).

טז. (טז) אויב ער האט ערב שבת אויפגעשפרייט נאסע קליידער צו טריקענען, ווען עס ווערט שבת דארף ער זיי ניט אראפנעהמען אפילו זיי הענגען וואו מענשען זעהען (י*).

יז. (יז) די נאסע האנדטיכער וואס מען ברייגגט ערב שבת פון מרחץ דארף מען בעפאר ליכט אנצינדען אויפשפרייטען צו טריקענען.

יח. (יח) מלבושים ווען אפילו זיי זיינען נאר עטוואס נאס איז אסור מן התורה זיי צו טריקענען נאהענט פון פייער אויב עס איז יד סולדת אויף דעם ארט פון טריקענען (יא*).

---

## מקור חיים

(יא) משנה ברורה שם. (יב) ש"ע סי' ש"ב ס"א בהרמ"א ומשנה ברורה. (יג) ש"ע סי' ש"א סמ"ה. (יד) ש"ע שם. (טו) משנה ברורה שם ס"ק קס"ד. (טז) ש"ע שם סמ"ה. (יז) משנה ברורה שם (יח) ש"ע שם סמ"ו ומשנה ברורה.

## שמים מטל

(ד*) ואין חוששין שמא ישכח ויסחוט שלא אסרו על האדם הבגדים שלובש בהם. (ה*) דבגדים השרוים במים אסור לטלטלם. (ו*) שהניעור היא ג"כ בכלל סחיטה. (ז*) מפני מ"ע שלא יחשדוהו שכיבסן בשבת. (ח*) שכל דבר שאסרו חכמים מפני מ"ע אפי' בחדרי חדרים אסור וזהו רק היכי שיחשדוהו הרואים שעשה איסור תורה כמו בכיבוס משא"כ היכי שיחשוד אותו באיסור דרבנן לא אמרינן דאסור אפי' בחדרי חדרים. (ט*) כיון שיש עליהם צואת קטן א"כ מוכרח שלא כיבסן וליכא חשדא, ואפשר אפי' אין עליהם צואה אם לא נשרו כלן במי רגלים דהכל יודעים שדרך התינוק להשתין. (י*) דעיקר החשד אינו אלא כששוטחן בשבת דאז יש רגלים לתושדו דכיבסו היום דאם כבסן מאתמול הי' שוטחן מאתמול.

(יא*) משום מבשל ומשום מלבן.

מלאכת מלבן, וואַשען אום שבת

יט. (יט) אויב ער געהט אַנגעטהון נאַסע מלבושים איז אסור צו שטעהן אנטקעגען פייער אויף אזא נאָהענט אָרט וואָס איז יד סולדת (יב*) אפילו ער מיינט זיך צו וואַרעמען און ניט טרוקען צו מאַכען די מלבושים איז דאָך אסור צו שטעהן אנטקעגען פייער (יג*).

כ. (כ) עס איז אסור שבת צו לייגען נאַסע מלבושים אויף דעם אויוועןאויב דאָס אָרט איז אַזוי וואַרעם שיד סולדת בו. אויב דער אויווען איז ניט וואַרעם יד סולדת איז מותר אַרויף צו לייגען די מלבושים ווען ער טהוט זיי אויס, אָבער ער זאָל זיי ניט אויפשפרייטען (יד*).

כא. (כא) אויב דאָס בגד איז אָנגעזאַפּט מיט אַסך וואַסער איז אסור דאָס בגד מטלטל צו זיין, אויב ער איז אַ מקפיד, עס זאָל אין אַזא בגד ניט זיין קיין וואַסער (טו*).

כב. (כב) אויב דאָס בגד איז אָנגעזאַפּט מיט ביער אָדער מיט רויטען וויין, ווען אפילו מיט פיעל ביער אָדער מיט פיעל רויטען וויין, איז מותר דאָס בגד מטלטל צו זיין (טז*).

כג. (כג) עס איז אסור אום שבת אויפצושפרייטען זיינע מלבושים צו טריקענען ווען אפילו זיי זיינען נאָר פון שוויים נאַס.

כד. (כד) אויב ער האָט זיך שבת געוואַשען דעם גאַנצען קערפּער אין חמי טבריא אָדער אין קאַלטע וואַסער דאַרף ער זיך אָפּווישען אין אַזעלכעם וואָס ער איז ניט קיין מקפיד אויב זיי זיינען נאַס. און אויב מען מעג אין די שטאָדט טראָגען, מעג ער דאָס נאַסע טוך וואָס ער האָט זיך אָפּגעווישט אהיים טראָגען (יז*).

כה. (כה) אַזא מלבוש וואָס איז ניי און שוואַרץ און ער פוצט אָפּ דאָס מלבוש מיט אַ באַרשט אָדער אפילו מיט דער האַנט פון דעם טל וואָס

---

## מקור חיים

(יט) משנה ברורה ממג"א ושער הציון ס"ק ר"י. (כ) משנה ברורה ושער הציון שם. (כא) רמ"א סי' ש"א סמ"ו ומשנה ברורה. (כב) ש"ע הגרז"ש שם סנ"ט. (כג) ש"ע שם סמ"ז. (כד) ש"ע שם סמ"ח ומשנה ברורה ושער הציון ס"ק רי"ד. (כה) ש"ע סי' ש"ב ס"א וביאור הלכה לבעל משנ"ב ד"ה לחוש לדבריו.

## שמים מטל

(יב*) משום מבשל ומשום מלבן. (יג*) משום פסיק רישי'. (יד*) דמסתברא דאיסור מר"ע היא דוקא בששוטחן דאז יאמרו שכיבסן דדרך לשוטחן אחר הכביסה משא"כ ביניחם שלא דרך שטיחה וזה הד' בשעה שפושטן מעליו וצריך היא להניחו במקומם אזי מותר להניחם במקום שאין יד סולדת אבל לאח"כ אסורים בטלטול. (טו*) שמא יבא לידי סחיטה. (טז*) שהם משקין שאינם מלבנים. (יז*) ולא חיישינן שמא יסחוט בהליכתן דדבר שאינו מקפיד על מימיו הוא וגם סיפוג באילונטות לא נחשב אלא במים מועטים.

מלאכת מלבן, וואשען אום שבת

איז אויך דעם מלבוש, אויב ער איז פארזיכטיג דעם מלבוש ניט אנצוטהון, אויב דער טל איז ניט פון דעם מלבוש גערייניגט, איז ער חייב (יח*).

כו. (כו) אויב ער איז ניט פארזיכטיג דעם טל אפצורייניגען, ער טהוט אן דעם מלבוש פיעל מאל ווען אפילו עס איז ניט גערייניגט פון טל איז מותר אפילו לכתחילה דעם טל אפצופוצען.

כז. (כז) אויב דאס מלבוש איז רויט אדער ווייס אדער אנדערע קאלירען, אדער דאס מלבוש איז ניט ניי איז מותר דעם טל אפצופוצען ווען אפילו ער איז פארזיכטיג ניט אנצוטהון דעם מלבוש אזוי לאנג ווי עס איז ניט פון טל גערייניגט (יט*).

כח. (כח) אזוי לאנג ווי מען דערקענט דאס נייקייט פון מלבוש, דהיינו עס איז נאך ניט פיעל גענוצט הייסט עס ניי.

כט. (כט) אלע סארטען קאלירען מלבושים אויב זיי זיינען נאך ניי און זיי זיינען געווארען נאס פון רעגען אדער זיי זיינען געפאלען אין וואסער איז אסור זיי אפצופוצען פון זייער וואסער (כ*).

ל. (ל) מען ברויכט זיין פארזיכטיג אפילו אלטע מלבושים ניט אפצופוצען מיט אזא כח אז עס זאל ווערען אויסגעדרונגען פון וואסער.

לא. (לא) עס איז אסור אום שבת אפצופוצען א נייעם און א שווארצען מלבוש פון ערד אדער פון שטויב, אויב ער איז שטענדיג פארזיכטיג ניט אנצוטהון אזעלכע מלבושים וואס זיי זיינען מיט שטויב (כא*).

לב. (לב) עס איז מותר צו זאגען צו א גוי ער זאל אפפוצען די שטויב פון מלבוש (כב*). ווען מען קומט שבת אין שוהל זאל ער זיינע מלבושים לייגען אויף אזא ארט זיי זאלען ניט פאלען צו דער ערד, כדי זיי זאלען ניט פארשמוצט ווערען, מען זאל ניט קומען צו קיין חילול שבת.

---

## מקור חיים

(כו) משנה ברורה שם מגמרא. (כז) משנה ברורה שם ס"ק ב'. (כח) משנה ברורה שם ומג"א. (כט) רמ"א סי' ש"ב ס"א ומשנה ברורה. (ל) משנה ברורה שם. (לא) רמ"א שם ומשנה ברורה. (לב) משנה ברורה.

## שמים מטל

(יח*) שהניעור יפה לה כמו כיבוס. (יט*) דדוקא בחדשה ושחורה מינכרי היפוי ע"י הניעור אבל חיוורא וסומקא לית לן בה. (כ*) דדוקא בטל שהוא מועט אין מקפיד לנער אלא באוכמי אבל במים שהם מרובים הדרך להקפיד לנער בכל הבגדים ויש בזה משום סחיטה דדרך כל בגד בלועים ממים כשמנער אותו נסחטים ממנו מים וכל זה שהבגד חדש הוא מקפיד עליו לנערו מיד מפני שמתקצר במים. (כא*) משום שהוא ככיבוס שהאבק מקלקל מראיתו ונעירו ממנו היא כביסו. (כב*) משום כבוד הבריות.

מלאכת מלבן, וואשען אום שבת

לג. (לג) עס איז מותר גאנץ לייכט אפצושאקלען דאס מלבוש פון שניי אויב דער שניי איז נאך ניט צוגאנגען אויף דעם מלבוש.

לד. (לד) עס איז מותר מיט דער האנט אראפצונעהמען די פעדערען פון מלבושים ווען אפילו די מלבושים זיינען נאך ניי און ער איז מקפיד ניט צו געהן איינגעפעדערט (כג*).

לה. (לה) אויב אויף דעם מלבוש איז דא פעדערען וואס זיי זיינען נאך ניט געשליסען איז אסור זיי אראפצונעהמען (כד*).

לו. (לו) עס איז אסור אום שבת צו מאנגלען די וועש דורך א מאנגעל האלץ (כה*).

לז. (לז) עס איז מותר דאס העמד נאך די וועש מיט די הענט צו רייבען כדי עס זאל ווייך ווערען (כו*), אויב זיין מיינונג איז מיט דעם צורייבען כדי עס זאל מעהר קלאהרער אויסזעהן איז אסור אפילו מיט דער האנט צו רייבען.

לח. (לח) אן אויבערמאנטעל איז אסור מיט די הענט צו רייבען ניט דורך די אויסענווענינגסטע זייט און ניט דורך די אינעווייניגסטע זייט (כז*).

לט. (לט) אלע מלבושים פון פאדעם האבען דעם זעלבען דין ווי אן אויבערמאנטעל, עס איז אסור זיי אפילו מיט דער האנט ווייך צו מאכען נאך זייער וואשען.

מ. (מ) העמדער ווען אפילו זיי זיינען פון פאדעם איז מותר זיי מיט דער האנט ווייך צו מאכען נאך זייער וועש (כח*).

מא. (מא) אויב זיין מלבוש איז מיט נאסע ליים פארשמוצט זאל ער דאס ניט אפרייבען מיט דער אויסענווייניגסטער זייט פון בגד (כט*) נאר

---

## מקור חיים

(לג) ביאור הלכה לבעל משנ"ב שם ד"ה מן הטל. (לד) רמ"א ומשנה ברורה שם וביאור הלכה ד"ה ועיין לקמן. (לה) ש"ע הגרז"ש שם ס"ג. (לו) משנה ברורה שם ס"ק כ"ב. (לז) ש"ע שם ס"ה ומשנה ברורה ס"ק כ"ד. (לח) ש"ע שם ס"ה. (לט) רמ"א שם. (מ) משנה ברורה שם. (מא) ש"ע שם ס"ז.

## שמים מטל

(כג*) שאין זה דומה לליבון שאין הנוצות תחובים בתוכו כמו המים והעפר אלא עומדים מלמעלה. (כד*) משום מוקצה שאינם ראוים לכרים וכסתות עד שימרוט אותם מקנים שלהם שהם קשים. (כה*) ובכלכלת שבת כ' דיש בזה חיוב, והוי אב מלאכה. (כו*) דחלק שהוא בגד תחתון אין אדם מקפיד על ליבונו וצהלו אלא לרכבו. (כז*) הוא מקפיד על ליבונו וזיהרו של סודר יותר מכתונת וה"ז דומה למלבן. (כח*) מפני שבגד התחתון אין אדם מקפיד על ליבונו וצהלו אלא לרכבו. (כט*) מפני שנראה כמלבן.

ער מעג דאָס בגד נעהמען פון דער אינעווייניגסטער זייט און אזוי ארום דאָס לייס אָפּרייבען (ל*).

מב. (מב) עס איז מותר ער זאָל נאַסע לייס מיט דעם נאָגעל אָדער מיט דעם דיקען זייט פון מעסער אָפּקראַצען אפילו פון דער אויסענווע־ניגסטע זייט פון בגד אויב דאָס לייס איז נאָך נאַס.

מג. (מג) עס איז אסור דאָס לייס אָפּצוקראַצען ווען דאָס לייס איז שוין פארטריקענט (לא*).

מד. (מד) עס איז מותר צו זאָגען א גוי ער זאָל דאָס טרוקענע לייס אָפּקראַצען (לב*).

מה. (מה) אויב עס איז דאָ לייס אָדער צואה אויף לעדערנע שיך איז מותר צו גיסען וואַסער אויף די שיך ביז דער שמוץ וועט זיך אראָפּ־וואשען. עס איז אסור מיט דער האַנט אראָפּ צו וואשען דעם שמוץ וואָס געפינט זיך אויף די שיך.

מו. (מו) אויב ער האָט געוואשען די לעדערנע שיך אָדער אנדערע לעדערנע כלים אזוי ווי עס איז דער שטייגער צו וואשען וועש, צום ביי־שפּיעל ער האָט צוזאַמען גענומען 2 זייטען און האָט געוואשען איין זייט אויף דער צווייטער איז ער חייב (לג*).

מז. (מז) עס איז מותר צו וואשען מיט דער האַנט הילצערנע כלים.

מח. (מח) אויב עס איז דאָ אויף א מלבוש שמוץ, בלוט אָדער שפּייעכטס אָדער לייס אָדער צואה, אויב ער גיסט אויף דעם שמוציגען אָרט אפילו איין טראָפּען וואַסער אָדער אנדער משקה וואָס מען קען מיט זיי וואשען איז ער חייב אפילו ער האָט ניט געוואשען (לד*).

מט. (מט) עס איז אסור צו גיסען אויף דעם שמוציגען אָרט פון א מלבוש אפילו אזעלכע משקין וואָס זיי זיינען שמוציג, עס זאָל דורך זיי דאָס שמוץ אוועקקומען.

נ. (נ) עס איז מותר מיט א טיכעל זעהר לייכט דעם שמוץ אָפּ צו ווישען (לה*).

---

## מקור חיים

(מב) משנה ברורה שם ס"ק ל"ד. (מג) משנ"ב שם. (מד) משנ"ב שם. (מה) ש"ע שם ס"ט ומשנ"ב ס"ק מ"א. (מו) ש"ע שם ומשנה ברורה. (מז) משנה ברורה שם. (מח) ש"ע שם וש"ע הגרז"ש ס"כ. (מט) ש"ע רז"ש שם. (נ) ש"ע שם ס"ט.

## שמים מטל

(ל*) שאז אין הדבר ניכר כל כך שמעביר את הטיט שיהי' נראה כמלבן. (לא*) משום איסור טוחן. (לב*) משום כבוד הבריות דהיא מלאכה שאצל"ג. (לג*) דכיבוס שייך גם בעורות הרכים אבל הגרז"ש בש"ע שלו כתב דאפי' צדו על צדו ואפי' אם סוחטו אח"כ ליכא חיוב דאורייתא אלא מד"ס וגם כיבוס בעלמא מותר לכתחילה. (לד*) לפי ששריית הבגד זהו כיבוסו. (לה*) פן יסחוט לכלוך הבלועה בבגד.

מלאכת מלבן, וואשען אום שבת

נא. (נא) עס איז אסור צו גיסען אפילו איין טראָפּען וואסער אָדער אנדערע משקה וואָס מען קען מיט זיי וואשען אפילו אויף א מלבוש וואָס איז זעהר קלאָהר און ער מיינט ניט מיט דעם גיסען דעם מלבוש שעהנער צו מאכען (לו*).

נב. (נב) אויב עס האָט זיך אויסגעגאָסען פיעל וואסער אָדער אנדערע משקה אויף דעם טיש אָדער אויף אַן אנדער פּלאַץ איז אסור דאָס אָפּ צו ווישען מיט אזעלכע בגדים וואָס ער איז מקפיד זיי זאָלען טרוקען זיין (לז*).

נג. (נג) אויב א קינד האָט משתין געווען אין א מלבוש און דאָס איז ניט פיעל השתנה איז מותר ער זאָל זיך די הענט וואשען און זיך אָפּווישען די הענט מיט דעם מלבוש וואָס דאָס קינד האָט משתין געוועזען כדי די השתנה מבטל צו מאכען ער זאָל מעגען דאווגען (לח*).

נד. (נד) אויב עס איז דאָ צואה אויף דעם מלבוש איז אסור דאָס מבטל צו מאכען דורך זיין וואשען די הענט און זיך אָפּווישען מיט'ן מלבוש (לט*).

נה. (נה) עס איז אסור צו גיסען וואסער אָדער זיך די הענט צו וואשען אויף א מלבוש וואָס איז עטוואָס שתן ווען אפילו ער מיינט דעם שתן מבטל צו מאכען ער זאָל קענען דאווגען (מ*).

נו. (נו) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג אז מען נעהמט שבת א קינד מען זאָל עס נעהמען איינגעוויקעלט אין א קישען און ניט צו נעהמען דאָס קינד בלוים (מא*).

נז. (נז) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג ווען עס ליגט וועש אין א כלי צוגעגרייט צום וואשען מען זאָל שבת ניט גיסען קיין וואסער אין די כלי אריין (מב*). ווען עס איז שוין אין די כלי וואסער פון ערב שבת און דאָס שטייגט איבער די וועש וואָס איז אין דער כלי איז מותר צו גיסען וואסער.

נח. (נח) אויב זיינע הענט זיינען שמוציג פון ליים זאָל ער זיי אָפּ־ווישען אַן דער וואנט אָדער אַן אזא שמאטע וואָס ער איז ניט פאָרזיכטיג

---

מקור חיים

(נא) רמ"א שם ס"ט והגזר"ש ומשנ"ב. (נב) משנ"ב שם ס"ק נ"א. (נג) רמ"א שם ס"י ומשנה ברורה. (נד) ש"ע הגזר"ש ומשנ"ב. (נה) רמ"א שם ומשנה ברורה. (נו) מג"א שם וס"ח סי' רס"ז. (נז) משנ"ב שם. (נח) ש"ע שם סי"א.

שמים מטל

(לו*) ששריית הבגד זהו כיבוסו דפסיק רישי' הוא אף בלא כוונת כיבוס. (לז*) שמא יבא לידי סחיטה. (לח*) שאין זה רק דרך לכלוך שידיו מלוכלכת מטינף בהם את הבגד. (לט*) דאף שהוא דרך לכלוך מ"מ כיבוס היא דהבגד הי' מלוכלך ויותר מקודם. (מ*) לפי ששריית הבגד זהו כיבוסו. (מא*) פן ישתין על בגדיו ושמא אין לו בגדים אחרים להחליף. (מב*) לפי ששריית הבגד זהו כיבוסו.

זי ריין צו האַלטען. ער זאָל די שמוציגע הענט ניט אָפּווישען אָן דער טוך וואָס ער ווישט זיך זיינע ריינע הענט (מג*).

נט. (נט) אויב עס איז געוועהן משקה אין א שמאָלען כוס ווען אפילו די משקה איז ניט פעהיג מען זאָל מיט איהר וואשען, דהיינו רויטער וויין אָדער ביער איז אסור דעם כוס אוים צו ווישען מיט א טוך אפילו וואָס ער איז ניט פאַרזיכטיג אז דאָס טוך זאָל טרוקען זיין (מד*).

ס. (ס) אויב עס האָט זיך אויסגעגאָסען וואסער אויף דעם טיש אָדער אויף די באַנק איז מותר אוים צו ווישען מיט אזעלכע שמאַטעס וואָס ער איז ניט פאַרזיכטיג זיי זאָלען טרוקען זיין (מה*).

סא. (סא) עס איז אסור צו לייטערען אפילו ריינע וואסער דורך א טוך וואָס מען נוצט עס ניט צו לייטערען דורך איהר וואסער (מו*).

סב. (סב) עס איז אסור שבת צו צודעקען א פאַס וואסער מיט אזא טוך וואָס מען נוצט עס ניט אין דער וואָכען אויף צו שפּרייטען אויף דעם פאַס וואסער (מז*).

סג. (סג) עס איז אסור שבת צו פאַרשטאָפּען א פלעשעל מיט משקה מיט א שמאַטע וואָס איז אָנגעזאפּט מיט משקה (מח*).

סד. (סד) עס איז אסור צו רייניגען די כלים אָדער דעם טיש מיט א שוואָם (מט*).

סה. (סה) אויב דער שוואָם האָט א לעדערנעם האַלטער און מען ברויכט ניט האַלטען ביים וואשען דעם שוואָם אין דער האַנט איז מותר מיט דעם שוואָם צו ווישען דעם טיש אָדער די כלים (נ*).

סו. (סו) דער איסור מלבן איז שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(נט) ש"ע שם סי"ב. (ס) משנה ברורה שם. (סא) ש"ע סי' שי"ט ס"י. (סב) ש"ע סי' ש"ך סט"ו ומשנה ברורה. (סג) ש"ע שם סט"ז. (סד) ש"ע שם סי"ז ומשנה ברורה. (סה) ש"ע שם. (סו) ש"ע סי' תצ"ה.

## שמים מטל

(מג*) שלא יעשה כדרך שעושה בחול ויבא לכבוס המפה. (מד*) דכיון שהכוס צר א"א שלא יסחוט קצת ממה שנבלעו במפה ע"י הניגוב ויש בזה איסור מדברי סופרים עכ"פ אף במשקה שאינה מלבנין. (מה*) דהם דברים רהבים והסמרטוט מיוחד לכך. (מו*) שלא יבא לסוחטו. (מז*) שמא יתלכלך במים ויבא לסוחטו. (מח*) משום סחיטה. (מט*) משום סחיטה. (נ*) דאפשר לקנח בלא סחיטה או דכיון דיש לו בית אחיזה הו"ל כצלוחית מלאה מים שמריק ממנה מים.

# מלאכת מנפץ, צו קלאַפּען אָדער צו קעמען וואָל אָדער פאָדעם אום שבת.

א. (א) אויב ער צוקלאַפּט אָדער ער קעמט וואָל אָדער פאָדעם אָדער אנדערע זאכען דער גלייכען אזוי פיעל ווי מען זאָל קענען שפינען פון זיי א לענג פון 4 טפחים איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער קלאַפּט מיט א שטעקען אויף אָדערען זיי צו מאכען אזוי ווי וואָל זיי צו שפינען אזוי ווי די סופרים זיינען געוואוינט צו טהון איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) אויב ער צוקלאַפּט גראָזען ביז זיי ווערען אזוי ווי פעדים איז ער חייב (ג*). אויב ער צוקעמט וואָל צו מאכען פילץ איז ער חייב.

ד. (ד) אויב ער צוקלאַפּט די שטענגעלאך וואָס אין זיי וואקסט פאָדעם איז ער חייב 2 חטאות (ד*).

ה. (ה) דער איסור מנפץ איז שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ט משבת הי"ב. (ב) רמב"ם שם וחיי"א. (ג) כלכלת שבת וחיי"א. (ד) חיי"א כלל כ"ג. (ה) ש"ע או"ח סי' תצ"ה.

## שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) והיא תולדה. (ג*) והיא תולדה. (ד*) משום דש ומשום מנפץ.

ראיתי נכון להציג כאן מה שנ"ל להעיר במלאכה זו בדבר אגדה במגילה די"ב ביום השביעי כטוב לב המלך ביין אטו עד יום השביעי לא טב לביה ביין אמר רבא יום השביעי שבת הי' שישראל אוכלין ושותין מתחילין בדברי תורה ובשירות ותשבחות אבל עכו"ם שאוכלין ושותין אין מתחילין אלא בדברי תפלות וכו' מלמד שהיתה ושתי הרשעה מביאה את בנות ישראל ומפשיטתן ערומות והיתה עושה בהן מלאכה בשבת לפיכך נגזר עלי' וכו' וכתב המרש"א מפשיטתן ערומות בשם התרגום בגין דהוות מפלחא בנת ישראל ערטילאין ומנפצן עמר וכיתן ביומא דשבתא עש"ה ואפשר שהודיע רשעתה שהניפוץ מצער גוף הערומים כוונת המרש"א בזה להודיע דמש"ה הפשיטה בנות ישראל ערומה כדי לצער אותם ביותר ובעיון יעקב מבאר יותר דמש"ה נתחייבת מיתה משום דבנות ישראל מוסרות נפשותיהן על חילול שבת מש"ה הוי מדה בנגד מדה להמיתה ג"כ בעונש השוה, ומזה נראה דבמלאכה הזאת מוסרות נפשות הנשים על חילול שבת ועי"ז בא הנס דבמקום ושתי באתה אסתר. ונוכל לומר על הערת המרש"א מדוע הפשיטה ערומה דלפי דברנו דבנות ישראל מוסרות נפשותיהן ומבואר במדרש רות פ"ה ורחצת וסכת ושמת שמלותיך עליך וכי ערומה היתה אלא אלו בגדי שבת וכיון שצניעות הללו בטח הי' להם שני עטפים בגדים מיוחדים לשבת

# מלאכת צובע, פארבען אום שבת.

א. (א) ווען ער פארבט א פאָדעם וואָס איז לאַנג 4 טפחים אָדער ער פארבט אזעלכעס וואָס מען קען שפינען א פאָדעם און מאכען דערפון א לענג פון 4 טפחים איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט געגאָסען פיטריאָל אין וואסער און דאָס וואסער ווערט געפארבט אויף שווארץ אָדער אזא וואסער וואָס איז געל פון זאפרען און גיט א גרינע פארב דאָס וואסער צו מאכען גרין, איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) עס איז א חשש חיוב צו געבען פארבען אין א גלאָז וואסער און דאָס שטעלען געגען די זון כדי עס זאָל שעהנע קאָלירען ארויס־געבען (ג*).

ד. (ד) עס איז אסור צו פארבען אום שבת קופער אָדער אייזען ווען אפילו די פארב וועט ניט לאַנג האלטען אויף דעם מתכות (ד*).

ה. (ה) עס איז מותר צו געבען זאפרען אין עסען ווען אפילו דאָס עסען וועט געפארבט ווערען (ה*).

ו. (ו) עס איז מותר אריין צו גיסען רויטע וויין אין ווייסען וויין כאָטש דער ווייסער וויין וועט ווערען רויט (ו*).

ז. (ז) סוחרים איז ניט ערלויבט צו פארבען בראַנפען אָדער מעד צו פארקויפען.

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ט מה' שבת הי"ג. (ב) רמב"ם שם הי"ד. (ג) משנה ברורה סי' ש"ך ס"ק נ"ו. (ד) רמב"ם פ"ט הי"ג. (ה) ש"ע ש"ך סי"ט. (ו) משנת ברורה ש"ך סי' נ"ו. (ז) משנה ברורה שם.

## שמים מטל

כמדרש הנ"ל, והרשעת הזאת כיון שהרגישה בזה בטח קורעת מעליהם כדי שלא להניחם לקיים המצוה בכבוד השבת ובחמתה קורעת מעליהם כל הבגדים וממילא נשארו ערומות כדברי האוה"ח הק' בפ' וישב בד"ה ויפשיטו כו' כי כשהסירו כתונת הפסים ברוב הכעס והשנאה לא דקדקו להסיר אותה במתון ובנחת רוח אלא בשנאה גדולה ובכ"כ אכזריות עד שהסירו עמה גם הכתונת שהיא החלוק, לכן גם כאן נוכל לומר בכוונת חז"ל דזה היתה כוונתה בפשיטות ערומה ומש"ה שלם לה הקב"ה בשבת כגמולה, והבן.

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה. (ג*) ובכלכלת שבת כ' דהיוב ממש יש לכ"ע בין לרמב"ם ולראב"ד דהרי נגמר מלאכת הצביעה. (ד*) אסור מד"ס שהרי אתה מעבירו לשעתו ואינו צובע כלום. (ה*) דאין צביעה באוכלין (ו*) דאין צביעה באוכלין.

ח. (ח) עס איז אסור שבת צו פארבען די אויערען פון פיש כדי עס זאל אויסזעהן ווי פריש (ז*).

ט. (ט) עס איז אסור צו פארבען צוקערלאך.

י. (י) ווען ער עסט אזעלבע פרוכט וואס עס מאכט זיינע הענט רויט פארביג אדער עס רינט איהם בלוט פון דער נאז און זיינע הענט זיינען מיט בלוט איז זעהר גלייך צו זיין פארזיכטיג ניט אנצוריהרען אן קיין מלבוש אדער א טישטוך (ח*).

יא. (יא) מען ברויכט זיין זעהר פארזיכטיג ניט אנצוריהרען מיט רויט פארביגע הענט אן א רויטען מלבוש (ט*).

יב. (יב) עס איז מותר צו פארבען דאס ברויט מיט די משקה פון פירות (י*).

יג. (יג) מען דארף זיך ניט שטערען פון צו עסען יויך פון פרוכט ווען אפילו די הענט אדער דאס פנים וועלען געפארבט ווערען (יא*). סיי א מאן און סיי א פרוי דארפען זיך ניט שטערען צו עסען די יויך פון פרוכט.

יד. (יד) עס איז אסור א פרוי זאל זיך איהר פנים פארבען אום שבת (יב*).

טו. (טו) עס איז מותר א' מאן זאל זיך דאס פנים פארבען (יג*).

טז. (טז) עס איז אסור א פרוי זאל זיך ווישען איהר פנים מיט אזעלכעס וואס איז געפארבט. ווען זאגאר זי מיינט זיך ניט צו פארבען נאר מיט דעם ווישען קען איהר פנים ווערען געפארבט איז שוין אסור (יד*).

---

## מקור חיים

(ח) חיו"א. (ט) חיו"א שם. (י) ש"ע סי' ש"ך ס"ך ובחיו"א ובמשנ"ב. (יא) מג"א שב"ח ס"ק נ"ב. (יב) ש"ע שם. (יג) משנ"ב ס"ק נ"ח ובסי' ש"ג ס"ק ע"ט ובשער הציון ס"ק ס"ה. (יד) ש"ע ש"ג סי' כ"ה. (טו) משנה ברורה ומג"א שם. (טז) תוספתא.

## שמים מטל

(ז*) אסור מד"ס לשי' הרמב"ם שכל מלאכה שאינה מתקיימת פטור אבל אסור אבל שי' הסמ"ג חיב כיון שרצונו בזה שיתקיים לפי שעה. (ח*) הטעם היא מפני שהוא צובע ואעפ"י שהיא מקלקל עכ"פ איסורא מיהו איכא. (ט*) ובכלכלת שבת מביא מירושלמי דבכה"ג חיב משום צובע שמוסיף אדמימות על אדמימות. (י*) דאין צובע באוכלין. (יא*) שאין צביעה אלא בדבר שדרכו לצבוע (יב*) אסור מד"ס ואין צביעה מדאו' על עור האדם. (יג*) כיון דאשת דרכה בכך ליופות את עצמה ע"י צביעת פנים מיחזי כצבוע אבל איש שאין דרכו בכך לא מיקרי צובע. (יד*) אע"ג דלא מתכוונת לצביעה פס"ר היא.

יז. (יז) עס איז אסור סיי א מאן און סיי א פרוי זיך צו פארבען די אויגען אום שבת (טו*).

יח. (יח) עס איז אסור א פרוי זאל געבען אויף איהר פנים טייג כדי דאס פנים זאל רויט ווערען ווען זי וועט דאס טייג אראפנעהמען.

יט. (יט) ווען ער קאלכט אום שבת די וואנט איז ער חייב צוויי חטאות (טז*).

כ. (כ) ווען ער פארבט א מלבוש אדער א כלי אדער די וואנט איז ער חייב.

כא. (כא) עס איז אסור צו צולייגען א שטיק טוך אויף א מכה וואס אויב ער האט די מעגליכקייט אויסצומיידען צו צולייגען די טוך אויף דער מכה (יז*).

כב. (כב) דער איסור צובע איז שייך אום יום טוב.

## מלאכת טווה, שפינען אום שבת.

א. (א) אויב ער שפינט א לענג פון 4 טפחים פון אלעס וואס מען קען שפינען וואל אדער פאדעם אדער פעדערען אדער האר אדער אדערען און אלעס וואס איז עהנליך צו די זאכען, סיי ער שפינט מיט א כלי אדער מיט דער האנט, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער נעהמט פעדעם און דרעהט זיי צוזאמען איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) אויב ער מאכט פילץ אדער פלאש איז ער חייב (ג*), ווען עס האט די גרויס צו מאכען דערפון 4 טפחים.

ד. (ד) דער איסור טווה איז שייך אום יום טוב.

---

### מקור חיים

(יז) הג' רז"ש בש"ע סי' ש"כ סכ"ז. (יח) ש"ע סי' ש"ג סעי' כ"ח. (יט) כלכלת שבת. (כ) שם. (כא) ש"ע שכ"ח ס"ק מ"ח. (כב) ש"ע סי' תצ"ה.

(א) רמב"ם פ"ט מה' שבת הט"ו. (ב) כלכלת שבת מירושלמי. (ג) רמב"ם שם הט"ו. (ד) ש"ע או"ח תצ"ה.

### שמים מטל

(טו*) דין זה לא נמצא בש"ע שלנו ואדרבה מוכח דקאי רק על הנשים. ובש"ע הרב כתב משום דדרכם בכך. (טז*) משום צובע ומשום בונה מדהוסיף על הבנין כ"ש. (יז*) מפני שהדם יצבע המלבוש ואע"ג דמקלקל הוא ופטור, מ"מ אסור לכתחילה אבל באי איפשר יש להקל כיון שהוא דרך לכלוך.

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה. (ג*) תולדה.

## מלאכת מיסך, אַראָפּציהען די פעדים פון קעטענבוים צו דעם צייגענבוים אום שבת.

א. (א). אויב ער האָט אראָפּגעצויגען די פעדים פון קעטענבוים צו דעם צייגענבוים, אויב עס איז אזוי ברייט ווי 2 ברייטען פון דיקען פינגער, איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער צוקלאפּט די פעדים וואָס זיי זיינען אויפגעצויגען כדי זיי זאָלען ליגען גלייך איינס ביים צווייטען איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) דער איסור מיסך איז אויך שייך אום יום טוב.

## העושה שתי בתי נירין, אויב ער מאַכט אום שבת צוויי רינגעלאַך אין די וועב שטוהל עס זאָלען אַדורכגעהן דורך זיי צוויי פעדים.

א. (א) די פעדים וואָס זיינען אויפגעצויגען, אין די צייט פון וועבען זיינען זיי דורכגעצויגען דורך צוויי כלים וואָס זיי זיינען גע־מאכט אזוי ווי קאַמען, אויב ער האָט געמאכט אָדער פאררעכטען אין די קאמען צוויי רינגעלאך אָדער צוויי שלייפלאך עס זאָל דורך זיי געהן צוויי פעדים איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט געמאכט א זיפּ אָדער א קויש אָדער א נעטץ אָדער ער וועבט דאָס בעט מיט שטריק אָדער מיט שטרוי אָדער מיט אנדערע זאכען, אויב ער האָט בלויז מיט צוויי פעדים דורכגעפלאָכטען דעם אויפצוג איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) דער איסור עושה שתי בתי נירין איז שייך אום יום טוב.

---

### מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ט משבת הי"ח. ורמב"ם ה' תפלה פט"ו ה"ד. (ב) רמב"ם שם. (ג) ש"ע או"ח תצ"ה.

(א) רמב"ם פ"ט משבת הט"ז. (ב) רמב"ם שם. (ג) ש"ע או"ח סי' תצ"ה.

### שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה.

(א*) אב מלאכה. (*ב) תולדה ובס' מג"א להה"ג ר' מרדכי בנעט כתב כל כמה דאינו מבואר השיעור במשנה אמרינן ח"ש אסור מן התורה אבל הנהו מלאכות דמבואר השיעור במשנה קים להו לחז"ל דפחות מזה אין שם מלאכה כלל ול"ש חצי שיעור ומותר מן התורה.

## האורג, וועבען אום שבת.

א. (א) אויב ער ווארפט 2 מאָל דורך דעם פאָדעם צווישען די אויפ־געצוינגענע פעדים און דער וואָרף איז לאַנג ווי 2 ברייטען פון דיקען פינגער איז ער חייב (א*), סיי עס איז די ערשטע 2 פעדים פון וועבען אָדער עס איז שוין פיעל פעדים געוועבט פון בעפאָר שבת און ער האָט צוגעוועבט צום פריהערדיגען 2 פעדים איז ער חייב.

ב. (ב) אויב מיט דעם וועבען ווערט דאָס וועבען פערטיג איז ער אפילו מיט איין מאָל אדורכווארפען דעם פאָדעם חייב.

ג. (ג) סיי ער וועבט א מלבוש אָדער ער פלעכט פון שטיקלאַך האָלץ פענצטערלאַך ער זאָל אויף דעם לייגען סכך אָדער ער פלעכט געשניטענע האָר און אַלעס וואָס איז עהנליך דערצו איז ער חייב (ב*).

ד. (ד) אויב ער צושטייסט און ער צושפרייט די פעדים וואָס ער ווארפט דורך, זיי זאָלען ניט זיין איינס אויף דעם צווייטען נאָר זיי זאָלען ליגען גלייך איינס נעבען צווייטען איז ער חייב (ג*).

ה. (ה) אויב ער פלעכט 3 פעדים איז ער חייב (ד*). עס איז אסור אפילו 2 פעדים צו פלעכטען.

ו. (ו) עס איז אסור אום שבת אז א פרוי זאָל זיך דאָס שייטעל פלעכטען (ה*).

ז. (ז) דער איסור אורג איז שייך אום יום טוב.

## הפוצע, אויסדריוולען אום שבת.

א. (א) אויב ער דריוועלט אוים די פעדים פון געוועבטען סיי ער ציהט ארויס די אויפגעצויגענע פעדים אָדער ער ציהט ארויס די דורכגעוואָרפענע פעדים מיט דער מיינונג דעם מלבוש בעסער צו מאכען, אויב ער ציהט ארויס 2 פעדים אז יעדער פאָדים פון זיי איז לאַנג 2 ברייטען פון דיקען פינגער איז ער חייב (א*).

---

### מקור חיים

(א) רמב"ם פ"ט הי"ח. (ב) רמב"ם שם. (ג) זכרו תורת משה. (ד) רמב"ם שם הי"ט. (ה) רמב"ם שם וכלכלת שבת, וזכרו תורת משה. (ו) משנה ברורה ש"ג ס"ק פ"ב. (ז) ש"ע או"ח סי' תצ"ה.

(א) רמב"ם פ"ט הלכה כ' ובלכלת שבת.

### שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה. (ג*) תולדה. (ד*) תולדה. (ה*) אף דאין סופה להתקיים עכ"פ אסור מדרבנן ומ"מ נראה דאין כדאי למחות במקום שלא ישמעו לנו.

(א*) אב מלאכה.

הפוצע, אויסדריוולען אום שבת

ב. (ב) אויב ער צונעהמט געפלאָכטענע פעדים מיט דער מיינונג דאָס צו פאַרבעסערען איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) עס איז אסור אַרויסצונעהמען די פעדים פון געוועבטען און אַרויפצולייגען אויף אַ מכה (ג*).

ד. (ד) עס איז אסור אַ פרוי זאָל דאָס געפלאָכטענע שייטעל צונעהמען.

ה. (ה) עס איז אסור אפילו איין פאָדים אָפּ צו שעהרען, דאָס געוועבטע פון צייגענבוים אַראָפּ צו נעהמען אין דער צייט ווען דאָס געוועבטע איז שוין אין גאַנצען פערטיג.

ו. (ו) דער איסור פוצע איז שייך אום יום טוב.

## הקושר והמתיר, צו קניפּען און אויפבינדען אום שבת.

א. (א) אויב ער מאַכט אַ קנופּ אום שבת און דער קנופּ איז ניט גע־מאַכט מיט דער מיינונג אין אַ געוויסע צייט אויפצוקניפּען און דער קנופּ איז גוט פעסט פערקניפּט איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער בינדט אויף אַזאַ קנופּ אום שבת איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) דער קנופּ פאַר וועלכען ער איז חייב פיר דעם צו קניפּען פיר דעם זעלבען קנופּ איז ער חייב פיר דעם אויפקניפּען, און וועלכען קנופּ עס איז אסור צו צוקניפּען איז אסור איהם אויפצוקניפּען, און וועלבער קנופּ עס איז מותר צו צוקניפּען איז אויך מותר אויפצוקניפּען.

ד. (ד) עס איז דאָ פערשיעדענע מיינונגען וועגען דעם קנופּ פיר וועלכען מען איז חייב, דעריבער ברויכט מען זיין פאָרזיכטיג ניט צו מאַכען איין קנופּ אויף דעם צווייטען ווען אפילו ער מיינט דעם קנופּ אין זעלבען טאָג אויפצוקניפּען, זאָל ער דאָך ניט מאַכען 2 קנופּען (ג*).

---

### מקור חיים

(ב) רמב"ם שם. (ג) כלכלת שבת. (ד) שער הציון ש"ג ס"ק ע"א. (ה) דהוי ח"ש לשיטת הראב"ד במלאכת פוצע. (ו) ש"ע או"ח תצ"ח.

(א) ש"ע סי' שי"ז ס"א והגרז"ש שם. (ב) רמ"א שם. (ג) רמב"ם פ"י משבת ה"ז. (ד) רמ"א שם.

### שמים מטל

(ב*) תולדה. (ג*) אסור מדרבנן דהו"ל כחופר גומא וא"צ אלא לעפרה דפטור אבל בחוי"א כתב דהיא מלאכה דאורייתא.

(א*) אב מלאכה. (ב*) אב מלאכה. (ג*) לש"י הרי"ף והרמב"ם דוגא הכי דאם היא קשר של קיימא דהיינו שאין קוצב זמן בדעתו להתירו והיא ג"כ מעשה אומן חייב חטאת ואם מעשה אומן אסור לכתחילה אפי' בשמתיר בו ביום ואין אנו בקיאין מה קשר של אומן ומסתברא דכל קשר שקושרין אותו הדק היטב הוי של אומן לכך אנו נזהרין בכל קשר שהיא של שני קשרים, דשני קשרים הוי קשר אמיץ.

ה. (ה) מען זאָל ניט אויפקניפען אזעלכעס וואָס איז א קנופ אויף א קנופ, ווען אפילו ווען מען האָט געמאַכט ערב שבת דעם קנופ האָט מען געדענקט בעפאָר 24 שעה דאָס אויפצובינדען.

ו. (ו) עס איז אסור צו מאַכען אפילו איין קנופ אויב ער קניפט איין קאָפ פון דעם פאָרדעם (ד*).

ז. (ז) עס איז אסור צוזאַמען צו נעהמען עטליכע קעפ פון פעדעם און צוזאַמען דרעהען און מאַכען אפילו איין קנופ (ה*).

ח. (ח) עס איז מותר אויפצובינדען דעם קאָלנער אויב דער וועשער האָט דעם קאָלנער פארבונדען (ו*).

ט. (ט) אלע קנופען אויב זיי זיינען געקניפט מיט דער מיינונג אז מען זאָל זיי אין א געוויסע צייט אויפקניפען, אפילו זיי זיינען ערשט שטארק פארקניפט, אויב עס איז זעהר נויטיג דאָס אויפצובינדען איז מותר צו זאָגען א גוי ער זאָל דאָס טהון (ז*).

י. (י) עס איז מותר צו מאַכען א שלייף אום שבת (ח*).

יא. (יא) עס איז מותר צו מאַכען א שלייף ווען אפילו עס איז שוין געמאַכט פון אונטען א קנופ אויב ער מיינט דאָס שבת אויפצובינדען. עס איז מותר צו מאַכען א קנופ מיט א שלייף אין דער צייט פון פארבינדען די ספר תורה שבת פריה אויב מען וועט לייענען אין דעם זעלבען ספר שבת צו מנחה.

יב. (יב) עס איז אסור צו בינדען אום יום טוב דעם לולב מיט א קנופ און א שלייף (ט*).

יג. (יג) עס איז מותר צו מאַכען אין לולב 2 שלייפען.

יד. (יד) עס איז מותר צו מאַכען א קנופ אויף 2 עקען אפילו ווען ער מיינט אז עס זאָל זיין שטענדיג פארקניפט ווייל עס איז 2 עקען איינס אונטער דעם צווייטען וועט זיך דער קנופ ניט האַלטען (י*).

---

### מקור חיים

(ה) רמ"א שם. (ו) רמ"א שם. (ז) כלכלת שבת. (ח) ש"ע סי' שי"ז ס"ג. (ט) משנה ברורה שם ס"ק כ"ה. (י) ש"ע שם ס"ה. (יא) רמ"א שם וט"ז. (יב) ט"ז שם סק"ז. (יג) ט"ז שם. (יד) ש"ע הגרז"ש שם.

### שמים מטל

(ד*) דאז מתהדק שפיר ודינא כשני קשרים. (ה*) דאז מתהדק שפיר ודינא כשני קשרים. (ו*) שאינה קשר של קיימא שרוב פעמים מתירין אותו ביומו מיד אחר הכביסה. (ז*) דהוי שבות דשבות. (ח*) דלאו קשר היא. (ט*) שהוא לא עשוי להתיר בו ביום אלא לקיימא על איזה זמן. (י*) שאינה נקרא קשר בכלל.

הקושר והמתיר, צו קניפען און אויפבינדען אום שבת

טו. (טו) עס איז מותר צו פארבינדען די טהיר מיט א שטריק אפילו איןביידע זייטען אין דער ברייט פון די טהיר כדי די בהמה זאל ניט קענען ארויסגעהן, אבער עס זאל נאר איין קנופ זיין (יא*).

טז. (טז) עס איז אסור אנצובינדען א געוועהנליכע שטריק אן דער בהמה און די צווייטע זייט אנצובינדען אן דעם זלויב וואו די בהמה עסט (יב*), ווען איין עק איז שוין צוגעבונדען צו דעם זלויב אדער צו די בהמה איז מותר ער זאל די אנדער זייט שטריק מיט א קנופ אנבינדען, די בהמה זאל זיין צוגעבונדען (יג*).

יז. (יז) אזעלכע פייכטע גראזען אז זיי וועלען טרוקען ווערען וועלען זיי זיך זעלבסט אויפבינדען איז מותר מיט זיי צו פארבינדען אום שבת.

יח. (יח) עס איז אסור צו בינדען מיט שטרוי אדער היי אדער בלעטער פון לולבים און אנדערע זאכען וואס זיי בינדען זיך זעלבסט ניט אויף.

יט. (יט) ווען ער האט געדרעהט א שטריק פון וואל אדער פאדעם אדער האר פון אלע סארטען זייער גלייכען, ווען דאס גדרעהטע איז אזוי לאנג אז עס ברויכט ניט האבען אין דער ענדע קיין קנופ ווייל עס האלט זיך פון דעם גדרעהטען זעלבסט איז ער חייב (יד*).

כ. (כ) עס איז אסור צו דרעהען א שטריק אפילו א כל שהוא, דער קלענסטער שיעור וואס עס קען נאר זיין.

כא. (כא) ווען ער דרעהט אויף אזא לענג פון א שטריק וואס דאס גערדרעהטע האלט זיך פון זיך זעלבסט אהנע קניפ אין די ענדע, אויב ער מיינט ניט דאס קאליע צו מאכען איז ער חייב (טו*).

כב. (כב) עס איז אסור אויף צו דרעהען ווען אפילו ער מיינט עס קאליע צו מאכען.

כג. (כג) אויב דער דעק פון א קאסטען אדער פון אן אנדער כלי איז

---

### מקור חיים

(טו) ש"ע שם ס"ו. (טז) ש"ע שם ס"ז. (יז) משנה ברורה וחיי"א שם. (יח) משנה ברורה שם. (יט) רמב"ם פ"י משבת ה"ח. (כ) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת. (כא) רמב"ם פ"י ה"ח. (כב) דקיי"ל כל המקלקלין פטורין אבל אסור מד"ס. (כג) ש"ע שי"ד ס"ז.

### שמים מטל

(יא*) שאינה של קיימא שעשוי להתיר תדיר להוציא הבהמה להשקותה ולא חיישינן שמא יתיר ראש אחד ויוציאנה דרך שם ויניח ראש השני קשור דמסתמא יתיר את שניהם. (יב*) דילמא יניח ראש אחד קשור ויהי' קשר של קיימא. (יג*) דמסתמא אותו הקשר שהי' כבר מניה להיות קשור ומתיר ראש השני. (יד*) שנמצאת מלאכתו מתקיימת והיא תולדת. (טו*) והיא תולדת מתיר.

צוגעבונדען מיט א שטריק צום קאסטען אָדער צו די אנדער כלי איז מותר דאָס אויפצובינדען (טז*).

כד. (כד) עס איז מותר אויפצורייסען אָדער אויפצושניידען די קניפען פון דעם פלייש וואָס מען האָט צוגעבונדען דער צו דעם שפיז אין דער צייט פון בראָטען (יז*).

כה. (כה) עס איז מותר אויפצורייסען אָדער אויפצובינדען אָדער אויפצושניידען דאָס געניייעכץ פון געפילטע פלייש (יז*).

כו. (כו) פרוכט אויב זיי זיינען צוזאמען געקניפט אָדער צוזאמען געניייט איז מותר דאָס אויפצורייסען אָדער אויפצושניידען אָדער אויפ־צובינדען (יז*).

כז. (כז) אויב א פלעשעל בראָנפען אָדער מעדיצין איז צוגעבונדען אויף דעם קאָרעק מיט א פאָדעם איז מותר דאס אויפצורייסען אָדער אויפ־צובינדען (יז*).

כח. (כח) ווען שטרוי אָדער היי זיינען פערבונדען אויף 2 אָדער 3 ערטער און זיי זיינען ניט מיט 2 קנופען און ווען ער האָט זיי פערבונדען האָט ער אין זינען געהאַט אין די 24 שעה אויפצובינדען איז מותר אום שבת דאָס אויפצובינדען די בהמות זאָלען קענען עסען פון דעם שטרוי אָדער פון דעם היי (יח*).

כט. (כט) עס איז אסור צו צונעהמען דאָס שטרוי אָדער היי די בהמות זאָלען עס קענען גרינגער עסען (יט*).

ל. (ל) דער איסור קושר ומתיר איז שייך אום יום טוב.

---

## מקור חיים

(כד) ש"ע שו"ד ס"ט. (כה) בלכלת שבת. (כו) שם. (כז) שם. (כח) ש"ע או"ח שכ"ד ס"ד ורמ"א ומשנ"ב שו"ז ס"ק י"ד. (כט) שם. (ל) ש"ע סי' תצ"ה.

## שמים מטל

(טז*) דלאו קשר של קיומא הוא שהרי עשוי להתיר תמיד. (יז*) כעשוי להתיר ביומו. (יח*) משום צערא דבהמה מותר לשויא אוכל בדבר שאינה אוכל. (יט*) מיטרח באוכלא בדבר שהיא ראוי לאכילה לא מטרחינן בי' להכשירו ולתקנו יותר.

## מלאכת תופר, נייען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט געניי׳ט אום שבת אפילו נאָר 2 שטעך און האָט דעם פאָדעם פארקניפּט אין ביידע זייטען ער זאָל זיך ניט קענען צוריק ארויסציהען איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט ניט געטראַכט אז ער זאָל דעם קנופּ אין א געוויסע צייט אויפקניפּען איז ער חייב 2 חטאות (ב*).

ג. (ג) אויב ער האָט געניי׳ט 3 שטעך ווען אפילו ער האָט גאָר קיין שום קנופּ אין פאָדעם ניט געמאַכט איז ער חייב (ג*).

ד. (ד) עס איז אסור צו מאַכען 2 שטעך ווען אפילו ער מאַכט ניט קיין קנופּ.

ה. (ה) אויב ער האָט צוזאַמען געקלעפּט פּאַפּיער אָדער לעדער מיט קלייסטער אָדער ער קלעפּט צוזאַמען האָלץ איז ער חייב (ד*).

ו. (ו) אויב דאָס פארנייעכץ פון מלבוש האָט זיך אויפגעלאָזט, און ביידע טיילען פון מלבוש זיינען אָפּגעטיילט געוואָרען, און דער פאָדעם פון געניייעכץ הייגגט אראָפּ, אויב ער האָט דעם פאָדעם אראָפּ געצויגען און האָט די 2 טיילען פון מלבוש צוזאַמען געברענגט, איז ער חייב אפילו ער האָט ניט פארקניפּט, אויב עס איז דאָ 3 שטעך דורכגעניי׳ט.

---

### מקור חיים

(א) רמב״ם פ״י משבת ה״ט. (ב) משנה ברורה ש״מ ס״ק כ״ז. (ג) רמב״ם שם. (ד) משנה ברורה ש״מ שם. (ה) ש״ע ש״מ סי״ד וביאור הלכה בד״ה ה״ז. (ו) ש״ע שם ס״ו ומשנה ברורה שם

### שמים מטל

(א*) אב מלאכה. הערה. עיו׳ בתוי״ט פ״ז מ״ב ארבעים חסר אחת שפי׳ שם בוונת המשנה דבאמת עשה ארבעים מלאכות ואינו חייב רק ל״ט כיון דתופר צריך לקשור ותקשירה כבר עשאה בפ״ע א״כ א״א לחייב עוד הפעם משום קשר ולהכי שפיר חשב התנא ארבעים חסר אחת. והעיר בתו״ח שם דלשי׳ הרא״ם המובא בר״ן שם דקשר אחר התפירה די בקשר אחד לכ״א משני ראשי החוט אבל קושר בעלמא לא מחייב אם לא בב׳ קשרים זה על גב זה א״כ ליכא חיוב קשירה אצל תפירה, ונ״ל לתרץ דהכל ניחא דהמרדכי בפ׳ ואלו קשרים כתב שקשר שבראש החוט כשרוצה לתפור חייב אפי׳ בקשר דתפירה א״כ התוי״ט הולך בשי׳ המרדכי ועל קו׳ הר״ן דמתריץ הש״ס והיא שקשרן והוכיח הר״א ממיע מזה דקושר של תופר ליכא חיוב נוכל לומר דמיירי בקשר שני ראשי החוט יחד כדמפרש מהרא״ש ויש לו קיום אבל אין לו חיוב ועל הקשר שדיבר התוי״ט איירי שקשר בראש החוט של התפירה וע״ז שפיר איכא חיוב וליכא שום קושיא והכל נכון והבן. (ב*) משום תופר ומשום קושר. (ג*) שהרי מתקיימת התפירה. (ד*) תולדה.

ז. (ז) אויב ער ציהט אויס א פאָדעם בעפאָר ער נייט כדי ער זאָל ניט ווערען איינגעשרומפּען ביי דעם נייען איז ער חייב (ה*).

ח. (ח) עס איז מותר צוזאמען צו ציהען דעם ארבעל ארום דער האנט דורך א באנד אָדער דורך א פאָדעם וואָס איז אריינגעצויגען אין די לעבער פון דעם ארבעל נאָר ביי די פּונקטען: 1. די לעבער וואָס דער באנד איז אין זיי אריינגעצויגען מוז זיין געזוימט. 2. דאָס לאָך מוז זיין ברייט (ו*). אויב דער פאָדעם ציהט ניט צוזאמען דעם ארבעל אזוי שטארק און ווען ער וועט ברויכען זיך אויסצוטהון וועט ער ניט דארפען דעם פאָדעם אויפצולאָזען איז אסור צוזאמען צו ציהען דעם ארבעל (ז*).

ט. (ט) עס איז אסור אום שבת אריין צו לייגען פעדערען אָדער אנדערע ווייכע זאכען אין בעטצייג דאָס ערשטע מאָל (ח*).

י. (י) אָבער ווען זיי זיינען שוין אמאָל געלעגען אין בעטצייג און זיי האָבען זיך ארויסגעשיט איז מותר דאָס ער זאָל עס צוריק אריין שיטען, אָבער ער ברויכט זיין פאָרזיכטיג ניט צו פארנייען.

יא. (יא) דער איסור תופר איז שייך אום יום טוב.

## מלאכת קורע, צו רייסען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט צוריסען אזעלכע זאכען וואָס זיי זיינען גע־וועבט אָדער ער האָט צוריסען לעדער אָדער פּאַפּיר און דאָס צורייסען איז געוועזן פאַר נוצבארע צוועקען, ווען דאָס צורייסען איז אזוי פיעל וועלכעס ער קען שוין פיר זיין צוועק נוצען איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט צונומען פארקלעפּטע פּאַפּיר אָדער ער צו־

---

### מקור חיים

(ז) רמב"ם פ"י ה"ט. (ח) ש"ע שם ס"ז משנה ברורה. (ט) רמב"ם פכ"ב משבצות הכ"ג משנה ברורה ש"מ ס"ק ל"ב. (י) שם. (יא) ש"ע תצ"ה.

(א) ביאור הלכה סי' ש"מ ד"ה אין שוברין ומשנה ברורה ס"ק מ"ג וביאור הלכה ש"מ ד"ת וחייב. (ב) ש"ע סי' שי"א ורמב"ם פ"י הי"א.

### שמים מטל

(ה*) מפני שהיא מצורכי התפירה. (ו*) דאז אינו דומה כלל לתופר דהוי כמאן דמכניס קרסים בלולאות. (ז*) שמא ימליך להניחם כך לעולם ונמצא עושה תפירה של קיימא. (ח*) גזירה שמא יתפור ולכמה פוסקים היא חיוב משום מתקן מנא.

(א*) אב מלאכה ועיי' בש"ע הגרז"ש בסי' ש"מ סי"ז דלא שייך קריעה כ"א בדבר הנתפר ונארג שנתדבק מגופים רבים כעין שהי' בירעות אבל לא בדבר שהוא מגוף אחד כמו עור ונייר.

מלאכת קורע, צו הייסען אום שבת

נעהמט פארקלעפטע לעדער, ווען דאָס צונעהמען איז פיר נוצליכע צוועקען איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) עס איז אסור צו רייסען אָדער צו צונעהמען פארקלעפטע זאכען ווען אפילו ער מיינט דאָס ניט פיר נוצליכע צוועקען נאָר ער מיינט דאָס קאַליע צו מאכען (ג*).

ד. (ד) עס איז אסור אום שבת קורע צו זיין אויף אַ מת ר"ל, עס איז אסור צוצורייסען אַ מלבוש אום שבת ווען ער איז אין כעס (ד*).

ה. (ה) אויב בלעטער פון ספרים האָבען זיך ניט ווילענדיג פאַר־קלעפט אָדער דער איינבינדער האָט זיי ניט ווילענדיג פארקלעפט איז מותר זיי צו עפענען (ה*).

ו. (ו) אויב די ספרים זיינען פארקלעפט אויף דעם אָרט פון די אותיות איז אסור דאָס פארקלעפטע פון די אותיות אראָפּ צו נעהמען (ו*).

ז. (ז) אויב ער האָט אויפגעשניטען אַזעלכע בלעטער וואָס זיי זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען אויפגעשניטען איז ער חייב (ז*).

ח. (ח) עס איז אסור צו זאָגען צו אַ גוי ער זאָל אויפשניידען די בלעטלאך פון ספרים וואָס זיי זיינען נאָך ניט געווען קיינמאָל אויפ־געשניטען.

ט. (ט) אויב ער צורייסט פאַפיר זיך צו רייניגען דערמיט אָדער פיר אַנדערע צוועקען איז ער חייב (ח*).

י. (י) אויב ער צורייסט פאַפיר אין אַ געוויסע לענג אָדער ברייט מיט דער מיינונג דאָס צו געברויכען איז ער חייב 2 חטאות (ט*).

יא. (יא) עס איז אסור אויפצורייסען אַ פאַר'חתמ'טען בריף ווען

---

## מקור חיים

(ג) משנה ברורה שם. (ד) ס' כלכלת שבת. (ה) משנה ברורה שם ס"ק מ"ח. (ו) משנה ברורה ס"ק י' וס"ק מ"ח. (ז) משנה ברורה וביאור הלכה ד"ה וחייב. וכלכלת שבת. (ח) משנה ברורה שם. (ט) משנה ברורה שם. ס"ק מ"א. (י) משנה ברורה. (יא) משנה ברורה.

## שמים מטל

(ב*) תולדה. (ג*) אסור מד"ס דכל המקלקלין בשבת פטור אבל אסור. (ד*) דמלאכה שאצל"ג פטור אבל אסור ולשי' הרמב"ם נמי חיוב איכא. (ה*) כיון דנעשה ממילא בלא כוונה לפיכך אינו דומה כלל לתופר וא"ב משום קורע. (ו*) משום מוחק ע"מ לכתוב דהכתב לע"ע מטושטש וע"י תסירתו מתגלה הכתב. (ז*) משום מכת בפטיש ובפרמ"ג משמע דחייב משום קורע ע"מ לתקן. (ח*) שהוא קורע ע"מ לתקן. (ט*) משום קורע ומשום מחתך ומזה מוכח דגם בקורע ביד יש חיוב מחתך וכן מוכח בתפא"י.

אפילו ער צורייסט ניט אויף דעם אָרט פון דער חתימה נאָר אויף דעם ליידיגען פאפיר איז אויך אסור.

יב. (יב) עס איז אויך אסור צו זאָגען א גוי ער זאָל דעם בריף אויפרייסען, נאָר פיר זעהר נויטיגע צוועקען איז מותר צו זאָגען דעם גוי ער זאָל דעם בריף אויפרייסען.

יג. (יג) ער מעג זאָגען דעם גוי אז ער קען דעם בריף ניט לעזען ווייל ער איז פארמאכט ווען אפילו דער גוי וועט פארשטעהן זיין מיינונג און וועט דעם בריף עפענען, איז אויך מותר.

יד. (יד) אויב זיינע מלבושים האָבען זיך פארוויקעלט אין דערנער ברויכט ער זיי אראָפּ צו נעהמען פון די דערנער קיינער זאָל ניט זעהן, אויך מיט געלאסענהייט כדי זיי זאָלען זיך ניט צורייסען, אויב זיי זיינען צוריסען געוואָרען איז ער ניט חייב (י*).

טו. (טו) עס איז מותר שבת צו קלאפען ניס אויף טיכער און טיש־טיכער, ער ברויכט ניט צו קלערען פיעלייכט וועט דאָס טישטוך צוריסען ווערען.

טז. (טז) אויב עס איז געווען ארומגעוויקעלט אויף כלים לעדער אָדער פאפיר איז מותר דאָס אראָפּ צו רייסען מען זאָל קענען עסען אָדער טרינקען וואָס עס געפינט זיך אין דער כלי.

יז. (יז) דער איסור קורע איז שייך אום יום טוב.

## מלאכת צידה, פאַנגען חיות אָדער עופות אום שבת.

### אזהרה!

1) מען דארף געדענקען אז דאָס וואָס מען איז חייב מן התורה פאַר פאַנגען אַלע סאָרטען חיות ועופות מיינט מען ניט דאָס ער מוז זיי מיט דער האַנט כאַפּען נאָר אפילו ווען ער האָט זיי אריינגעיאָגט אין זייער שטייג אָדער אין שטוב און האָט טיהר און פענסטער פארמאכט, אָדער ווען אפילו די חיה אָדער דאָס עוף איז זעלבסט אריין געגאַנגען אין שטייג אָדער אין שטוב און ער האָט פארמאכט טיהר און פענסטער איז ער חייב.
2) דער חיוב איז נאָר ווען ער האָט זיי געיאָגט פון אזא א גרויס

---

מקור חיים

(יב) משנה ברורה. (יג) משנה ברורה. (יד) רמב"ם פכ"ב הכ"ד. (טו) רמב"ם שם. (טז) מג"א שי"ד ס"ק י"ד. (יז) ש"ע תצ"ה.

שמים מטל

(י*) שהרי לא נתכוון.

אָרט וואָס איז זיי שווער צו כאַפּען, צום ביישפּיעל, אז מען מוז זיך עטליכע מאָל בויגען אָדער ברייגגען כלים זיי צו כאַפּען, צו אזא קליין אָרט וואָס ער קען זיי גרינג כאַפּען, ער דאַרף ניט נוצען קיין כלים, און מיט איין מאָל בויגען וועט ער זיי כאַפּען, דעמאָלט איז ער חייב. 3) דער חיוב איז נור ביי אזעלכע חיות ועופות וואָס זיי קומען ניט אליין ביי נאַכט אריין צוריק אין שטייג ווייל זיי זיינען נאָך פרעמד מיט דעם שטייג אָדער זיי זיינען ניט פרעמד נאָר זיי זיינען אנטלאָפען און ווילען ניט צוריק קומען און ער יאָגט זיי אריין, דעמאָלט איז ער חייב.

א. (א) אלע סאָרטען עופות: הינער, גענז אָדער קאַטשקעס אויב זיי זיינען ניט געוואוינט אליין אריין צו קומען אין דער שטייג און ער האָט זיי פון גאַס אָדער פון הויף אָדער פון שטוב געיאָגט אין א שטייג וואָס די פענסטער זיינען פאַרמאַכט און ער האָט די טיהר פון דער שטייג צוגעמאַכט, אויב די שטייג איז אזוי קליין דאָס ער ברויכט ניט צו בריינ־גען קיין נעטץ צו כאַפּען דאָס עוף אָדער ער ברויכט זיך ניט 2 מאָל אראָפּ צו בויגען דאָס עוף צו כאַפּען נאָר ער קען דאָס עוף מיט איינמאָל זיך איינבויגען כאַפּען, איז ער חייב זאָפאָרט ווי ער האָט די טיהר פאַר־מאַכט, ווען אפילו ער האָט נאָך ניט דאָס עוף אין דער האַנט (א*).

ב. (ב) אויב דאָס עוף וואָס איז ניט געוואוינט אליין אריין צו קומען אין שטייג איז דאָך אליין אריין געקומען אין שטייג און דער שטייג איז אזוי קליין דאָס ער קען מיט איינמאָל זיך איינבויגען די עוף כאַפּען, אויב ער האָט נאָר בלויז די טיהר פאַרמאַכט איז ער חייב.

ג. (ג) אויב א פרעמדע חיה וואָס איז ניט געוואוינט צו קומען צוריק איז אריין אין שטוב אָדער אין הויף אָדער אין א שטייג, אפילו ווען די ערטער זיינען ניט מיט קיין באַלקען און די פענסטער זיינען אָפען, אויב ער וועט ניט דאַרפען פיעל מיה האָבען די חיה צו כאַפּען איז ער חייב אויב ער האָט די טיהר פאַרמאַכט.

ד. (ד) עס איז אסור צו פאַרמאַכען די טיהר פון דעם שטייג וואָס די חיה אָדער דאָס עוף איז געוואָרען אריין געיאָגט אָדער עס איז זעלבסט

---

מקור חיים

(א) ש"ע הגרז"ש סי' שט"ז ס"א וכלכלת שבת. (ב) כלכלת שבת. (ג) ש"ע הגרז"ש שם ומשנ"ב סי' שט"ז. (ד) שם.

שמים מטל

(א*) אב מלאכה שאין חיוב אלא שצד אותו למקום שיכל לתופסו שם בקל שאין צריך לבקש שם תחבולת לתופסו ויכול לתופסו במרוצה אחת.

אריינגעגאנגען, אפילו ווען די שטייג איז גרויס דאָס ער וועט פיעל מיה האָבען די היה אָדער דאָס עוף צו כאַפּען (ב*).

ה. (ה) אויב ער כאַפּט אַן עוף אין אַ שטייג וואָס איז אזוי גרויס דאָס מען מוז זיך 2 מאָל איינבויגען ביז מען כאַפּט דאָס עוף איז ער חייב.

ו. (ו) אזא פויגעל וואָס פליהט אין שטוב פון איין אָרט צום צווייטען אויב ער האָט עס אריין געיאָגט אין שטייג אָדער ער איז זעלבסט אריין אין שטייג און האָט פארמאכט די טיהר פון שטייג איז ער חייב (ג*).

ז. (ז) ווען ער האָט אזא פויגעל אריינגעיאָגט אין שטוב איז אַן איסור (ד*).

ח. (ח) אויב אזא פויגעל איז זעלבסט אריין געפלויגען דורך דעם אָפענעם פענסטער אָדער דורך דער אָפענער טיהר פון שטוב איז אסור די טיהר און פענסטער צו פארמאכען.

ט. (ט) אויב עס איז קאַלט איז מותר צו פארמאַכען די טיהר און פענסטער פון שטוב וואָס דער פויגעל איז אריין געפלויגען.

י. (י) אויב ער כאַפּט אַ לייב איז ער ערשט חייב ווען ער ברייננגט איהם אין זיין שטייג אריין (ה*).

יא. (יא) אויב ער נעהמט ארויס אַ פיש פון אזא גרויס וואסער וואָס ער ברויכט האָבען אַ נעטץ צו כאַפּען דעם פיש, אפילו ווען ער נעהמט ניט דעם פיש מיט דער האַנט נאָר ער נעהמט איהם אין אַ שיסעל וואסער אריין איז ער חייב (ו*).

יב. (יב) ווען אפילו ער האָט שוין דעם פיש געהאַט געכאַפּט בעפאָר שבת פון דעם זעלבען וואסער און בעפאָר שבת האָט ער דעם זעלבען פיש צוריק אריינגעלאָזט אין זעלבען וואסער, אויב דאָס וואסער איז אזוי גרויס אז מען דאַרף האָבען אַ נעטץ צו כאַפּען דעם פיש איז ער חייב.

---

## מקור חיים

(ה) משנה ברורה שם. (ו) ש"ע שם ס"א. (ז) משנה ברורה שם (ח) משנה ברורה שם. (ט) משנ"ב והיו"א. (י) רמב"ם פ"י משבת הי"ט. (יא) ש"ע הגרז"ש שם סי"ג. (יב) ס' זכרו תורת משה.

## שמים מטל

(ב*) פטור אבל אסור. (ג*) כי בסגרו המוגדל נגמר הצידה. (ד*) אבל חיוב ליכא שטבעו שאינו מקבל מרות בבית ודר בו כבשדה שנשמט מזווית לזווית ולהכי אסור רק מד"ס. (ה*) שאפילו תופסו אין זה צידתו שכשכועס משחית והולך. (ו*) שהרי כשהוא בתוך הספל אינו מחוסר צידה כלל.

מלאכת צידה, פאנגען חיות אָדער עופות אום שבת

יג. (יג) עס איז אסור אויפצושפרייטען א נעטץ אום שבת צו כאפּען פיש ווען אפילו ער וועט ניט ארויסנעהמען שבת די פיש פון וואסער.

יד. (יד) אויב ער כאפּט אום שבת חיות אָדער עופות ווען אפילו זיי שלאָפען אָדער זיי זיינען בלינד איז ער חייב (ז*).

טו. (טו) עס איז אסור צו כאפּען חיות אָדער עופות ווען אפילו זיי זיינען לאָם אָדער קראנק אָדער אלט אָדער יונג (ח*).

טז. (טז) עס איז אסור אָנצורייצען דעם הונט ער זאָל די חיה כאפּען.

יז. (יז) אויב ער העלפט צו דעם הונט צו כאפּען די חיה, צום ביי־שפּיעל ער שרעקט איבער די חיה אָדער ער לויפט צוזאמען מיט דעם הונט צו כאפּען די חיה איז ער חייב (ט*).

יח. (יח) אפילו אין דער וואָכען איז אסור צו כאפּען חיות דורך הינט (י*).

יט. (יט) אויב זיין פרנסה איז צו כאפּען חיות איז אין דער וואָכען ניט קיין איסור צו כאפּען דורך הינט.

כ. (כ) עס איז אסור צו כאפּען פליגען אָדער מוכען אָדער ביהנען ווען אפילו ער כאפּט זיי ניט צום געברויך איז אויך אסור (יא*).

כא. (כא) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג מען זאָל ניט פארמאכען א קעסטעל אָדער אנדערע כלים וואָס אין זיי זיינען דאָ פליגען נאָר ער זאָל זיי צוערשט ארויסיאָגען און נאכהער די כלי פארמאכען (יב*), אָדער ער זאָל עפּעס אונטערלייגען אונטער דעם דעקעל פון די כלי כדי עס זאָל ניט אין גאנצען פארמאכט ווערען, די פליגען זאָלען קענען ארויסגעהן.

כב. (כב) אויב עס איז דאָ א לעכעל אין קעסטעל אפילו ווען דאָס לעכעל איז זעהר קליין איז מותר דאָס קעסטעל צו פארמאכען.

---

### מקור חיים

(יג) כלכלת שבת. (יד) ש"ע שם ס"ב ומשנה ברורה. (טו) שם משנה ברורה. (טז) רמ"א ומשנ"ב. (יז) משנה ברורה. (יח) רמ"א שם. (יט) פרמ"ג שם. (כ) ש"ע הגרז"ש שם ס"ד ומשנ"ב ס"ק י"ג. (כא) ש"ע ורמ"א ס"ג. (כב) משנה ברורה שם.

### שמים מטל

(ז*) דעבידי להשמט כשמרגישין יד האדם וע"כ כשצידו הוי צידה ממש. (ח*) אסור מד"ס כיון דאינם יכולים להשמט השובים כנצודים ועומדים. (ט*) תולדת צידה. (י*) משום מושב לצים ואינו זוכה לראות בשמחת לויתן. (יא*) דדבר שאין במינו ניצוד פטור אבל אסור. (יב*) שהרי הם ניצודים בסתימה וסגירה זו.

כג. (כג) אויב ער פאַרשפּרייט אַ נעטץ צו כאַפּען אַ חיה און אין דער צייט פון פאַרשפּרייטען דעם נעטץ איז אריין אַ חיה איז ער חייב. ווען די חיה איז שפּעטער אריינגעקומען אין נעטץ איז ער פּטור (יג*).

כד. (כד) עס איז אסור אויפצושטעלען אום שבת אזא כלי וואָס איז צו כאַפּען מייז.

כה. (כה) עס איז אסור צו פאַרשליסען די שטוב כדי זיינע כלים זאָלען געהיטען ווערען אויב ער ווייסט אַז אַ חיה איז דאָ אין שטוב (יד*).

כו. (כו) אויב אין דער צייט פון פאַרשליסען די שטוב האָט ער ניט געוואוסט אַז אין שטוב איז דאָ אַ חיה נאָר שפּעטער איז ער געוואָהר געוואָרען דאַרף מען ניט אויפשליסען די טיהר, עס קען זיין פאַרשלאָסען ביז נאָך שבת און נאָך שבת נעהמען די חיה (טו*), אויב ער וויל ניט די חיה איז מותר ער זאָל שבת די טיהר פון שטייג עפענען די חיה זאָל שבת אנטלויפען, נאָר ער זאָל זי ניט נעהמען אין דער האַנט (טז*).

כז. (כז) אויב ער כאַפּט אַלע סאָרטען חיות אָדער עופות אָדער פיש אָדער די 8 שרצים וואָס זיי זיינען גערעכענט אין דער סדרה שמיני איז ער חייב, ווען אפילו ער כאַפּט זיי צו קיין צוועק איז ער אויך חייב (יז*).

כח. (כח) אויב ער כאַפּט שלאַנגען אָדער עקדעשען איז ער חייב, נאָר ווען ער כאַפּט זיי מיט דער מיינונג צו נוצען לרפואה (יח*) דערפאַר ווייל זיי בייסען, דאַדורך איז מותר לכתחילה זיי צו כאַפּען אפילו אין די ערטער וואָס זייער ביס איז ניט געפעהרליך, דהיינו אַז מען שטאַרבט

---

## מקור היים

(כג) מג"א שט"ז ס"ק ט' וש"ע הגרז"ש שם סק"ו. (כד) מג"א שם. (כה) משנה ברורה ס"ק כ"ה. (כו) ש"ע הגרז"ש סק"י ושם ס"ק י"ב. (כז) ש"ע הגרז"ש ס"ק ט"ז. (כח) ש"ע הגרז"ש שם סט"ז וסי"ז ובש"ע או"ח סי' שט"ז סק"ז.

## שמים מטל

(יג*) מפני שבשעת פרישתו איננו יודע אם יצוד אם לאו אין בו איסור דאורייתא אבל אסור מד"ס. (יד*) אעפ"י שאינו מתכוון לצידת החיה מ"מ אסור מה"ת משום דהוי פס"ר. (טו*) שבשעה שסגר הדלת בהיתר סגר שלא הי' יודע כלום (טז*) משום מוקצה שכל בעלי חיים אסורים לטלטל משום מוקצה. (יז*) שסתם צידתם היא לצורך עורם או גופם. (יח*) שאין להם עור ואין בשרם ראוין לאכילה, וסתמא איננו עומד לרפואה אלא א"כ מתכוין לכך שסתם צידתם איננה אלא בשביל להנצל מהזיקן ומיקרי דבר שבמינו ניצוד.

מלאכת צידה, פאַנגען חיות אָדער עופות אום שבת

ניט פון זייער ביס, און אפילו זיי לויפען איהם ניט נאָך צו בייסען דאָך איז מותר זיי צו כאַפּען (יט*).

כט. (כט) ביהנען אָדער מוקען, פליגען אָדער פליי אויב זיי שטעהען אויף זיין קערפּער און בייסען איהם איז מותר זיי צו כאַפּען און לעבע־דיגערהייד אוועק צו ווארפען (כ*).

ל. (ל) עס איז אסור צו יאָגען אלע סאָרטען חיות אָדער עופות פון אזא אָרט וואָס מען ברויכט זיך 2 מאָל איינצובויגען אין דער צייט וואָס מען וועט זיי כאַפּען צו אזא אָרט וואו מען קען זיי כאַפּען אין איינמאָל איינבויגען זיך, ווען אפילו די עופות אָדער די חיות זיינען פיעל געוואוינט מיט דעם שטייג און ווען זיי געהען ארויס פון שטייג קומען זיי ביינאַכט צוריק, דאָך איז אסור.

לא. (לא) אזעלכע עופות וואָס זיי זיינען פיעל געוואוינט מיט דעם שטייג אליין צוריק צו קומען איז מותר צו יאָגען אָדער אריין צו שטופּען אין אזא שטייג וואָס מען ברויכט זיך 2 מאָל איינצובויגען אז מען וויל זיי כאַפּען (כא*).

לב. (לב) די עופות וואָס זיינען פיעל געוואוינט מיט דעם שטייג אליין אריין צו קומען איז מותר צו זאָגען אַ גוי אז ער זאָל זיי כאַפּען (כב*), אויב די קינדער ווילען די עופות כאַפּען ברויכט ער זיי ניט צו שטערען.

לג. (לג) די עופות וואָס זיינען געוואוינט מיט דעם שטייג אליין צוריק צו קומען און באַלד ווי מען יאָגט דאָס עוף לויפט עס ניט אוועק נאָר עס זעצט זיך און עס לאָזט זיך כאַפּען, אויב עס איז ארויסגעגאַנגען איז מותר דאָס אריין צו שטופּען אין שטייג ווען אפילו מען וועט זיי קענען כאַפּען מיט איין מאָל איינבויגען זיך.

לד. (לד) אזעלכע עופות וואָס זיי זיינען געוואוינט מיט דעם שטייג

---

## מקור חיים

(כט) ש"ע הגרז"ש סי"ח וסי"ט. (ל) רמ"א שט"ז סי"ב ומשנה ברורה. (לא) משנה ברורה וש"ע הגרז"ש ס"ק כ"ד. (לב) משנה ברורה שם ס"ק נ"ז. (לג) משנה ברורה שם בשם חוי"א. (לד) משנה ברורה שם.

## שמים מטל

(יט*) ואף שכל מלאכה שאצל"ג פטור אבל אסור מד"ס כאן הותרו חכמים לגמרי מפני חשש היזק הגוף ולהסוברים דמלאכה שאצל"ג חייב כופה עליהם כלי או קושרם. (כ*) שכשנטלן איננו מתכוון לצידה אלא שלא יעקצינו ולא גזרו בזה אפילו במקום צערא בלבד כיון שהמה דברים שאין במינם ניצד. (כא*) דאין כאן צידה גמורה. (כב*) דהוי שבות דשבות.

אויב זיי זיינען אין הויף און זיי מאכען שאָדען אין הויף איז מותר זיי צו טרייבען אין שטייג אריין.

לה. (לה) אזעלכע עופות וואָס זיינען אפילו געוואוינט מיט דעם שטייג אליין צוריק צו קומען אויב זיי זיינען אין שטייג און דאָס טיהרעל פון שטייג האָט זיך געעפענט איז אסור דאָס צו פארמאכען (כג*).

לו. (לו) עס איז גוט דאָס מען זאָל געבען שבת צו עסען די עופות דורך א גוי אָדער ער זאָל ניט דאָס גאנצע טיהרעל עפענען אין דער צייט וואָס ער גיט זיי עסען (כד*).

לז. (לז) א פערד אָדער א קוה ווען אפילו זיי זיינען נאָך ניט גע־וואוינט מיט דעם שטאָל זיי זאָלען זעלבסט אהיים קומען איז מותר אז ער זאָל זיי אהיים טרייבען און זיי פארשליסען אין שטאָל ווען אפילו עס איז אזוי קליין דאָס מיט איין לויף וועט ער קענען די בהמה כאפּען (כה*).

לח. (לח) אויב די בהמה איז אנטלאָפען פון שטוב און קומט ניט ביי נאכט צוריק און ער ברויכט צו נוצען פערשיעדענע מיטלען זי צו כאפּען ווען אפילו די בהמה איז ביי איהם אין רשות געבוירען געוואָרען, אויב ער כאפּט זי אום שבת איז ער חייב. עס איז אסור צו זאָגען א גוי ער זאָל זי כאפּען.

לט. (לט) אלע סאָרטען עופות וואָס זיי זיינען אנטלאָפען פון שטוב און זיי קומען ניט צוריק אין שטוב נאָר זיי זיינען ביי נאכט אויף דער מיסט, און קאטשקעס און גענז וואָס זיי זיינען ביי נאכט אויף דעם וואסער און ער ברויכט נוצען מיטלען זיי צו כאפּען, אויב ער כאפּט זיי אום שבת איז ער חייב. עס איז אסור צו זאָגען א גוי ער זאָל זיי כאפּען.

מ. (מ) די אלע דינים וועלכע זיינען ביי חיות און עופות זיינען אויך ביי א קאטץ, ווען אפילו זי איז געוואוינט מיט די שטוב אליין צוריק אריין צו קומען איז אסור זי צו יאָגען פון אזא אָרט וואָס מען ברויכט זיך עטליכע מאָל איינצובויגען איהר צו כאפּען צו אזא אָרט וואָס מען קען זי גרינג כאפּען.

---

מקור חיים

(לה) ביאור הלכה שם ד"ה אסור. (לו) ביאור הלכה שם. (לז) משנה ברורה שם. (לח) משנה ברורה שם. (לט) רמ"א ומשנה ברורה. (מ) רמ"א שם.

שמים מטל

(כג*) כיון שהוא מתכוין שלא יצאו חוצה. (כד*) שבסגירת הדלת לאחר אכילתן הם ניצדים והוא נתכוין לזה שלא יצאו חוצה. (כה*) דאינה עשוי להשמט מתחת ידי אדם כמו שאר חיה ועוף ע"כ לא שייך בהם צידה כלל ואפילו מדרבנן.

מא. (מא) מען ברויכט צו ווארענען די מענשען זיי זאלען ניט כאפען די עופות וואס זיינען אנטלאפען פון שטוב (כו*).

מב. (מב) טויבען האבען דעם זעלבען דין ווי עופות, ווען אפילו זיי זיינען געוואוינט אליין צו קומען צו פליהען אין זייער שטייג אריין, דאך איז אסור זיי אריין צו יאגען אין זייער שטייג און פארמאכען דאס טיהרעל און אויב זיי זיינען נאך ניט געוואוינט מיט דעם שטייג זיי זאלען אליין ארייגפליהען, אויב ער האט זיי אריינגעיאגט אדער אפילו זיי זיינען אליין אריינגעפלויגען און ער האט פארמאכט דאס טיהרעל איז ער חייב.

מג. (מג) דער איסור צידה איז שייך אום יום טוב און אויך דער איסור מוקצה איז שייך אום יום טוב.

# השוחט, שעכטען אום שבת.

א. (א) אויב ער שעכט אום שבת אדער ער נעהמט די נשמה פון די מיני בהמות אדער חיות אדער עופות, פיש אדער ווערים דורך שעכטען אדער דורך לעכערען אדער האקען איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער דערווערגט א לעבעדיג באשעפעניש ביז עס שטארבט איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) אויב ער נעהמט ארויס א פיש פון א בעקען וואסער און לאזט עס אזוי לאנג ליגען ביז דער פיש שטארבט איז ער חייב (ג*).

ד. (ד) ווען אפילו ער האט נאר דעם פיש געלאזט טרוקען ביז אזא צייט אז מען וועט איהם אנריהרען צווישען די פליספעדערען אין א ברייט פון איין דריטעל טפח וועט זיך נאך ציהען א שליים איז ער חייב ווען אפילו דער פיש צאפעלט נאך און ער לייגט איהם צוריק אין וואסער אריין (ד*).

---

## מקור חיים

(מא) מסגה"ש. (מב) ביאור הלכה בד"ה הצד ציפור דרור. (מג) ש"ע תצ"ה ס"ב והתוס' והרא"ש פ"ג בביצה ורמב"ם פ"א מיו"ט הי"ז.

(א) רמב"ם פי"א משבת ה"א. (ב) רמב"ם שם. (ג) רמב"ם שם. (ד) כלכלת שבת ומשנ"ב.

## שמים מטל

(כו*) שיש בזה חיוב חטאת וגם איסור מוקצה.

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה. (ג*) תולדה, ובירושלמי פ' כלל גדול מיחייב בזה משום קוצר. (ד*) מפני ששוב אין יכול לחיות.

ה. (ה) מען ברויכט זיין פארזיכטיג ניט צו זאגען קיין גוי ער זאל דעם פיש פון פעסעל וואסער ארויסנעהמען ווען אפילו ער האט מורא אז דער פיש זאל ניט שטארבען און דאס וואסער זאל ניט ווערען דערפון פארשטונקען, איז אויך אסור (ה*).

ו. (ו) מען דארף זיין פארזיכטיג מען זאל ניט זאגען צו קיין גוי אז ער זאל דאס וואסער פון פעסעל אויסגיסען און אנדערע וואסער אריינגיסען ווען אפילו ער מיינט מיט דעם טוישען דאס וואסער דער פיש זאל ניט שטארבען (ו*).

ז. (ז) אויב עס איז אנגעגרייט א כלי מיט וואסער איז מותר צו זאגען צו א גוי ער זאל דעם פיש אין דעם אנגעגרייטען וואסער באלד איבערלייגען אויב ער האט מורא אז דער פיש זאל ניט שטארבען און דאס וואסער זאל ניט ווערען פארשטונקען (ז*).

ח. (ח) אויב ער ציהט ארויס עטוואס בלוט פון אן אבר איז ער חייב (ח*).

ט. (ט) אויב ער מאכט א בייל צו א מענשען אדער צו א בהמה, חיה ועוף אדער צו די 8 שרצים וואס זיי זיינען גערעכענט אין דער סדרה פון שמיני און עטוואס בלוט האט זיך אונטער די הויט אנגעזאמעלט איז ער חייב.

י. (י) מען ברויכט זיין פארזיכטיג מען זאל ניט שלאגען אום שבת קיין לעבעדיגע באשעפעניש אויב עס איז מעגליך אז דורך דעם שלאגען זאל ווערען א בייל (ט*).

יא. (יא) עס איז אסור צו קראצען אום שבת שחין (פארך) (י*).

---

## מקור חיים

(ה) משנ"ב סי' שט"ז סקל"ג. (ו) כלכלת שבת. (ז) משנה ברורה. (ח) משנה ברורה ס"ק כ"ט. (ט) משנ"ב ס"ק ל'. (י) משנ"ב שם. (יא) משנ"ב שם.

## שמים מטל

(ה*) דלא מיקלינן איסור דאורייתא ע"י עכו"ם במקום הפסד. (ו*) שמא ימות הדג בינו לבינו. (ז*) דטילטול בעל חי שהוא איסור דרבנן מיקלינן ע"י נכרי בזה. (ח*) משום נטילת נשמה שבאותו מקום כי הדם הוא הנפש וא"כ לא בעינן שיעור דעל כ"ש ג"כ חייב אבל לשי' הרמב"ם דהחובל חייב משום מפרק שהיא תולדה דדש בעינן שיצא הדם כשיעור גרוגרות ממקום למקום וגם כשצריך לדם החבלה לכלבו או לאיזה ענין ולפרש"י בפ' שמונה שרצים דמחייב משום צובע הוינו כשיעור צובע וצריך שיהי' לו לאיזה צורך. (ט*) שכל המקלקלים אף שפטורים מחטאת איסור מיהו איכא. (י*) שע"י החיכוך מוצא דם שנבלע בבשר וא"כ עושה חבורה.

השוחט, שעכטען אום שבת

יב. (יב) אויב ער האָט געהאקט אַן אָדער לרפואה צו אַ מענשען וואָס איז ניט אין סכנה אָדער ער האָט געהאקט אַן אָדער צו אַ בהמה איז ער חייב (יא*).

יג. (יג) אויב אַ צאָהן טהוט איהם זעהר וועה, אויב די שמערצען מאַכען איהם קראַנק דעם גאַנצען קערפּער איז מותר דעם צאָהן דורך אַ גוי אַרויס צו נעהמען (יב*).

יד. (יד) אַלע חיות אָדער ווערים וואָס דורך זייער בייסען שטאַרבט מען, צום ביישפּיעל ברענעדיגע שלאַנגען אָדער משוגע'נע הינט און אַלעם וואָס איז עהנליך צו זיי איז מותר צו הרג'נען אום שבת ווען אפילו זיי לויפען איהם ניט נאָך אָדער זיי אַנטלויפען פון איהם (יג*).

טו. (טו) אַזעלכע ווערים וואָס זיי זיינען ניט מזיק נאָר זיי זיינען בלויז מצער איז אסור זיי צו צוטרעטען, אויב זיי ליגען אין וועג וואו ער ברויכט צו געהן זאָל ער זיין פאָרזיכטיג און זיי אויסמיידען.

טז. (טז) ביהנען אָדער מוכען , פליגען אָדער פליי איז אסור צו הרג'נ'ן אפילו ווען זיי שטעהען אויף זיין קערפּער און בייסען איהם, עס איז אסור אפילו מיט די פינגער זיי שוואך צו מאַכען, נאָר ער מעג זיי כאַפּען לעבעדיגערהייד און אַוועקוואַרפען אויב זיי בייסען זיין קערפּער (יד*).

יז. (יז) אויב ער הרג'ט אַ פליעג אָדער אַ מוך אָדער אַ ביהן אָדער אַ פליי פיר נוצליכע צוועקען איז ער חייב.

יח. (יח) עס איז אסור צו הרג'נען אַזעלכע ווערים וואָס זיי זיינען געבוירען געוואָרען פון פאַרפוילטע פרוכט אָדער פאַרפוילט פלייש אָדער ווערעמדיגע אַרבעס.

יט. (יט) אַזעלכע ווערים וואָס זיי זיינען געווען אין די פרוכט ווען

---

מקור חיים

(יב) משנ"ב שם. (יג) מג"א שכ"ח סק"ג. (יד) ש"ע הגרז"ש שי' שט"ז סכ"ב ומשנ"ב. (טו) ש"ע הגרז"ש ומשנ"ב שם ס"ק מ"ח. (טז) ש"ע הגרז"ש סי"ח וי"ט. (יז) ביאור הלכה שם ד"ה ואסור. (יח) משנה ברורה שם ס"ק מ"א. (יט) משנ"ב ממג"א.

שמים מטל

(יא*) דהוא בכלל מתקן וגם היא מלאכה הצל"ג דהא רוצה עתה בחבלה זו כדי להתרפאות. (יב*) והגרז"ש בש"ע שלו בסי' שכ"ח ס"ג כתב דלהסוברים משאצל"ג אינה אסורה אלא מד"ס מותר להוציא ע"י נכרי אף אם לא חלה מכ.ו כל גופו. (יג*) דכל ספק נפשות דוחה את השבת אפי' במלאכה גמורה של תורה. (יד*) שמשום צערא בעלמא לא התירו אלא צידתם.

די פרוכט איז נאָך אויף דעם בוים געוועזן אויב ער הרג'ט זיי איז ער חייב (טו*).

כ. (כ) אזעלכע ווערים וואָס זיי ווערען געבוירען פון זכר ונקבה אָדער פון דער ערד אויב ער הרג'ט זיי פיר זיין נוץ איז ער חייב. א פליי ווערט געבוירען פון דער ערד, דאדורך איז ער חייב.

כא. (כא) עס איז מותר אום שבת צו הרג'נען א כינה (טז*).

כב. (כב) ווען ער אונטערזוכט זיינע מלבושים זאָל ער די כינים ניט הרג'נען נאָר ער זאָל זיי שוואך מאכען און אוועקוואַרפען (יז*). עס איז מותר די כינים אין וואסער אריין צו ווארפען. ווען ער אונטערזוכט זיין קאָפּ אָדער זיין קערפער איז מותר די כינים צו הרג'נען (יח*).

כג. (כג) עס איז אסור צו הרג'נען א שפּין אום שבת (יט*).

כד. (כד) עס איז אסור אויס צו קוועטשען די מכה כדי עס זאָל ארויס בלוט, עס איז אסור מיט דער האַנט אויס צו קוועטשען אָדער ארום צו בינדען א זאך כדי עס זאָל אויספּרעסען דאָס בלוט (כ*).

כה. (כה) עס איז אסור צו צולייגען צונגזאַלב אָדער אַנדערע זאַלבען אויף די מכה כדי עס זאָל דאָס בלוט און אייטער ארויסציהען (כא*).

כו. (כו) עס איז אסור צו שטעלען פּיאַווקעס צו אזא חולה וואָס איז ניט אין קיין סכנה. עס איז מותר צו זאָגען א גוי אז ער זאָל שטעלען פּיאַווקעס.

כז. (כז) אויב ער האָט מיט דעם מויל אויסגעצויגען דאָס בלוט פון א בייל איז ער חייב (כב*).

---

## מקור חיים

(כ) משנ"ב שם. (כא) ש"ע סי' שט"ז ס"ט. (כב) ש"ע שם. (כג) מג"א שם ס"ק כ"ג. (כד) ש"ע שכ"ח סמ"ח ומשנ"ב. (כה) משנה ברורה שכ"ח. (כו) משנה ברורה. (כז) משנ"ב שם.

## שמים מטל

(טו*) דמיקרי שרץ גמור. (טז*) דמפני שהיא מהזיעה לא חשובה בריה להתדמות כאילים מאדמים שהיו במשכן וילפינן מיתת כל בע"ח לחיוב מהם אבל פרעוש כיון שהוויתה מעפר יש בה חיות כאילו נברא מזכר ונקבה וחייבא ליה. (יז*) כיון שנמצא שם פרעושים גזרינן שמא יהרג ג"כ פרעושים. (יח*) דבראש אינו נמצא פרעושים. (יט*) שהרי אינה מזקת ובכלכלת שבת מבואר דיש חיוב חטאת. (כ*) דהוי חובל והוא אב מלאכה. (כא*) והוא מלאכה דאורייתא כיון שנתכוין לזה ובש"ע הגרז"ש ס"ק נ"ד כתב אסור ואעפ"י שמושך מעצמו מ"מ כיון שהוא מניחו שם כדי למשוך ה"ז בחובל. (כב*) ובש"ע הגרז"ש שם כתב אסור ובמילה לא התירו אלא מפני הסכנה.

תשוחט, שעכטען אום שבת

כח. (כח) עס איז אסור צו זויגען מיט דעם מויל דאָס בלוט פון די צייהן (כג*).

כט. (כט) עס איז מותר צו עסען אום שבת דעם קעז וואָס אין איהם זיינען פאראן ווערים (כד*).

ל. (ל) עס איז מותר צו זאָגען א גוי ער זאָל האקען אן אָדער צו א קראנקע בהמה (כה*).

לא. (לא) עס איז אסור צו זאָגען א גוי ער זאָל האקען אן אָדער צו א בהמה כדי זי זאָל דורך דעם אָדער האקען קענען מעהר עסען.

לב. (לב) אויב ער האָט געשאָכטען אין דער וואָכען א בהמה און די בהמה איז כשר און האָט געפונען אין איהר א קעלבעל, ווען אפילו ער מעג דאָס קעלבעל עסען אָהן שחיטה מן התורה, דאָך אויב ער האָט דאָס געשאָכטען אום שבת איז ער חייב (כו*).

לג. (לג) עס איז מותר ארויסצונעהמען פון דער האנט א שפּאָן מיט א נאָדעל, אָבער ער זאָל זיין פאָרזיכטיג ניט צו מאכען אז עס זאָל רינען בלוט.

## המפשיט, אָבשינדען די פעל אום שבת.

א. (א) אויב ער שינדט אָב די פעל פון א בהמה וחיה וואָס איז ערשט טויט, אויב דאָס וואָס ער האָט אָבגעשונדען איז אזוי גרוס אז מען זאָל קענען מאכען דערפון א קמיע איז ער חייב (א*).

ב. (ב) אויב ער האָט געשיילט די הייטלאך וואָס הענגען אין דעם פארמעט צו דער זייט פון די פלייש איז ער חייב (ב*).

---

### מקור חיים

(כח) משנ"ב שם. (כט) בלכלת שבת. (ל) ש"ע של"ב ס"ד משנ"ב מחיו"א. (לא) ש"ע שם. (לב) ס' משאת שבת בשם הפוסקים. (לג) מג"א שכ"ח סל"ב.

(א) רמב"ם פי"א משבת ה"ה. (ב) רמב"ם שם ה"ו.

### שמים מטל

(כג*) ואעפ"י שהיא מפרק כלאחר יד מ"מ אסור מד"ס. (כד*) דמיני' קרבו ודינם כבינים שנולדו מזיעה שמותר להרגם. (כה*) משום צער בעלי חיים מותר אפילו אם היא רק חולה בעלמא. (כו*) משום דדינו כדג.

(א*) אב מלאכת. (ב*) תולדה.

המפשיט, אבשינדען די פעל אום שבת

ג. (ג) אויב ער האָט געשיילט די הויט פון עופות אָדער פון פיש וואָס זיי זיינען ניט געקאָכט איז ער חייב.

ד. (ד) עס איז אסור צו שינדען די פעל פון א לעבעדיגע בהמה אָדער חיה. עס איז אסור צו שינדען אזוי ווענינ וואָס איז נאָר מעגליך.

## מלאכת מעבד, אויסאַרבייטען די פעל אום שבת.

א. (א) אויב ער ארבייט שבת אויס די פעל אזוי פיעל אז מען זאָל קענען מאַכען א קמיע איז ער חייב (א*).

ב. (ב) עס איז אסור אפילו אזוי ווייניג פעל אויסצואַרבייטען וואָס איז נאָר מעגליך.

ג. (ג) אויב ער זאַלצט די פעל אָדער ער ארבייט אויס די פעל מיט קאַלך און עס איז אזוי פיעל אז מען זאָל קענען מאַכען א קמיע איז ער חייב (ב*).

ד. (ד) אויב ער טרעט מיט די פיס אויף די פעל ביז זי ווערט האַרט אָדער ער מאַכט זי מיט דער האַנט ווייך אָדער ער ציהט זי אויס ביז זי ווערט גלייך איז ער חייב (ג*).

ה. (ה) ווען ער מאַכט ווייך די פעל מיט אויל איז ער חייב.

ו. (ו) ווען ער שמירט מיט אויל נייע שיך איז ער חייב (ד*). ווען אפילו ער שמירט זיי מיט זעהר ווייניג אויל.

ז. (ז) עס איז אסור אפילו אַלטע שיך צו שמירען מיט אויל, אויב ער מיינט מיט דעם שמירען זיי זאָלען ווערען שוואַרץ, איז דאָ אויך א איסור צובע. אויב זיין מיין איז בלויז פיר שמירען איז מותר צו זאָגען א גוי ער זאָל די אַלטע שיך שמירען.

---

מקור חיים

(ג) ערוך השלחן שכ"א. (ד) כלכלת שבת ח"ש אסור מה"ת.

(א) רמב"ם פי"א מה' שבת ה"ה. (ב) דקיו"ל ח"ש אסור מה"ת. (ג) רמב"ם שם וכלכלת שבת. (ד) רמב"ם שם. (ה) רמב"ם פכ"ג ה"י. (ו) משנה ברורה שכ"ז ס"ק י"ב מחיו"א. (ז) משנה ברורה וכלכלת שבת בשם הראב"ד משג"ב שם.

שמים מטל

(א*) אב מלאכה ובפירוש המשניות להרמב"ם מפרש עור לכסות בו קמיע. (ב*) שהמליחה מין עיבוד היא ובן הסיד. (ג*) והיא תולדה. (ד*) משום מעבד וכן מבואר בחיו"א ובכלכלת שבת כתב רק לשון איסור.

מלאכת מעבד, אויסארבייטען די פעל אום שבת

ח. (ח) עס איז אסור צו שמירען די פיס מיט אויל אין דער צייט ווען ער גועהט אנגעטהון נייע שיך (ה*).

ט. (ט) עס איז מותר צו שמירען די פיס מיט אויל און נאכדעם שמירען זיך, אנטהון די שיך, אבער עס זאל ניט זיין אזוי פיעל אויל אז עס זאל קענען די לעדער וייך מאכען, און זיין מיינונג זאל ניט זיין די לעדער ריין צו מאכען.

י. (י) עס איז אסור צו זאלצען רויע פלייש אויב עס איז נאך קיינ־מאל ניט געוועזען געזאלצען (ו*), ווען זאגאר ער וויל שבת דאס פלייש רוי עסען.

יא. (יא) עס איז אסור צו זאלצען שבת פלייש אפילו ווען עס איז שוין כשר געמאכט און ער זאלצט עס דערמיט עס זאל ניט פארשטונקען ווערען, ווען אפילו עס וועט זיין א גרויסער היזק אויב ער וועט עס ניט זאלצען, דאך איז אסור. עס איז קיין שום זאך ניט מותר צו זאלצען אום שבת כדי עס זאל זיין דויערהאפטיג, ווען אפילו עס וועט זיין א גרויסער היזק אז מען וועט עס ניט זאלצען.

יב. (יב) עס איז אסור צו מאכען אסך זאלצוואסער און דאס צו געבען אין איינגעלייגטע גרינצייג אדער אין אנדערע איינגעלייגטע זאכען אדער אין פוטער כדי עס זאל ניט פארשטונקען ווערען (ז*).

יג. (יג) ווען ער וויל מאכען זאלצוואסער דאס ברויט איינצוטונקען אדער אין עסען אריינצוגעבען זאל ער זעהר ווייניג מאכען עס זאל ניט זיין מעהר ווי פיר איין סעודה (ח*) און דאס ביסעל ברויכט ער צו מאכען תיכף ווען ער געהט שוין עסען, אויך זאל ער ניט מאכען דאס ביסעל זאלצוואסער שטארק געזאלצען, דהיינו 2 דריטעל זאלץ און איין דריטעל וואסער (ט*).

יד. (יד) עס איז אסור שבת צו זאלצען מעהר ווי איין שטיקעל רע־טאך אדער איין שטיקעל ציבעלע אדער איין שטיקעל קנאבעל אדער

מקור חיים

(ח) ש"ע או"ח שכ"ז ס"ד ורמ"א. (ט) ש"ע שם. (י) ש"ע שכ"א וש"ע הגזר"ש ס"ב. (יא) שם הגרז"ש. (יב) ש"ע שכ"א ס"ב וחיי"א. (יג) ש"ע הגרז"ש שם. (יד) ש"ע הגרז"ש שכ"א.

שמים מטל

(ה*) מפני שהוא מתרכך ודמי לעיבוד. (ו*) לפי שהמלח מועיל לבשר חי לרככו ולתקנו ולהכשירו לאכילה ודומה לעיבוד, ואינו אסור אלא מד"ס שאין עיבוד באוכלין מה"ת. (ז*) כיון שכובש אותם להתקיים דומה לעיבוד עור שהמלח מקיימם. (ח*) מפני כשהוא עושה מהם הרבה נראה כאילו עושה אותם לכבישה. (ט*) שנראה שעושה מורייס לכבוש בו דגים ואסור לכבוש משום מעבד או משום מבשל.

איין שטיקעל אוגערקע און דאָס איינציגע שטיקעל מוז ער באלד עסען (י*).

טו. (טו) אלע עסענס וואָס דאָס זאלץ ענדערט זיי דאָס צו מאכען הארט אָדער ווייך אָדער ביטער אָדער דאָס ביטערע ארוים צו ציהען איז אסור מעהר ווי איין שטיקעל צו זאלצען און דאָס שטיקעל מוז ווערען גלייך געגעסען.

טז. (טז) ווען ער מאכט שבת ציבעלע מיט שמאלץ און זאלץ דארף מען אריינגעבען צו ערשט דאָס שמאלץ און נאכהער דאָס זאלץ (יא*). ווען ער האָט פריהער דאָס זאלץ געגעבען זאָל ער זאָפאָרט דאָס שמאלץ אריינגעבען. ווען ער וויל מאכען רעטאך מיט עסיג און זאלץ זאָל ער פריהער דעם עסיג אין דעם רעטאך אריינגעבען און נאכהער דאָס זאלץ.

יז. (יז) מען ברויכט זיין זעהר פאָרזיכטיג ניט צו זאלצען קיין שאלאטען און ווארטען אַ לענגערע צייט און אָפגיסען דאָס וואסער פון די שאלאטען וואָס איז דורך דעם זאלץ ארויסגערונען, און נאכהער צו געבען אין די שאלאטען בוימעל אָדער עסיג דען עס איז אַן איסור גמור צו לאָזען ליגען אזא לאנגע צייט אין זאלץ אָהן שמאלץ און אָהן עסיג.

יח. (יח) עס איז אסור צו גיסען וויין אָדער אנדער משקה אין אַ כלי מיט עסיג כדי די אנדער משקה זאָל אויך עסיג ווערען (יב*). עס איז מותר צו גיסען משקה אין עסיג אויב זיין מיינונג איז דעם עסיג שוואך צו מאכען.

יט (יט) עס איז אסור צו געבען רויע אוגערקעס אין די איינגע-לייגטע כדי די רויע זאָלען אויך זויער ווערען.

כ. (כ) עס איז מותר צו זאלצען געקאָכטע אייער אָדער געקאָכטע פלייש אָבער דאָס זאלצען ברויכט זיין באלד ביי דער סעודה וואָס ער וויל עסען (יג*).

כא. (כא) עס איז אסור צו זאלצען אייער אָדער פלייש אזוי פיעל אז עס זאָל איבערבלייבען צו די אנדערע סעודה פון שבת (יד*).

---

מקור חיים

(טו) ש"ע הגרז"ש שם. (טז) שם. (יז) שם. (יח) משנה ברורה שכ"א סט"ו מט"ז שם. (יט) שם. (כ) ש"ע הגרז"ש ס"ה. (כא) שם.

שמים מטל

(י*) שעד שאוכל הראשונה תשהה השני' במליחה וכיון שהמלח מועיל לה ה"ז דומה לעיבוד. (יא*) שהשמן מתיש כח המלח. (יב*) דדומה לכובש בכשים. (יג*) דהם דברים שאין המלח משנה את טעמם אלא נותן בם טעם בלבד. (יד*) דדומה לעיבוד וכבישה.

כב. (כב) אויב דער וועטער איז הייס און ער זאלצט דאס כדי עס זאל ניט פארשטונקען ווערן, אבער דאס פלייש איז ערשט ווארעם און עס איז בעסער מען זאל עס יעצט זאלצען איז מותר צו זאלצען אפילו פיר די אנדערע סעודת שבת.

כג. (כג) עס איז אסור שבת צו זאלצען פיעל ארבעס וואס זיי זיינען געווארען געקאכט אין די שאהלען ווען אפילו ער וויל זיי באלד עסען איז אויך אסור זיי צו זאלצען (טו*).

כד. (כד) מען ברויכט זיין זעהר פארזיכטיג מען זאל ניט זאלצען קיין חלב אדער פעטס דען עס איז א חשש איסור דאורייתא וחיוב (טז*).

כה. (כה) עס איז אסור איינצוליינען אלע סארטען פירות אדער גרינ־צייג אפילו אין בלויז וואסער אהנע זאלץ.

כו. (כו) דער איסור מעבד איז שייך אום יום טוב.

## הממשרטט, לינירען אום שבת.

א. (א) ווען ער לינירט פאפיר אדער פארמעט אדער האלץ און אלעס וואס איז עהנליך דערצו מיט דער מיינונג אפילו נאר צו שרייבען 2 אותיות אויף דעם ארט פון דער ליניע איז ער חייב (א*).

ב. (ב) סטאליארעס וואס זיי בעצייכענען דאס ברעט בעפאר דעם זעגען כדי זיי זאלען גלייך זעגען אדער מאהלערס וואס זיי בעצייכענען דעם ציגעל בעפאר זיי שפאלטען איהם, כדי זיי זאלען איהם גלייך שפאלטען, סיי זיי צייכענען מיט פארבען אדער זיי צייכענען מיט דעם נאגעל אדער מיט אנדערע זאכען זיינען זיי חייב (ב*). שוסטערס וואס זיי בעצייכענען די לעדער בעפאר זיי צושניידען די לעדער, אויב זיי טהוען דאס אום שבת זיינען זיי חייב.

ג. (ג) גלעזערס וואס בעצייכענען דאס גלאז מיט א דיימאנד איידער זיי ברעכען אב דאס גלאז כדי עס זאל זיך גלייך אפברעכען זיינען זיי חייב.

ד. (ד) דער איסור משרטט איז אויך שייך אום יום טוב.

---

מקור חיים

(כב) משנה ברורה שם. (כג) ש"ע שב"א ס"ו ובאר היטב. (כד) כלכלת שבת וחיי"א. (כה) זכרו תורת משה. (כו) ש"ע תצ"ה.

(א) רמב"ם פי"א משבת הי"ז ובלכלת שבת. (ב) רמב"ם שם ורש"י בגמרא. (ג) מנחת חינוך מוסף השבת. (ד) ש"ע או"ח תצ"ה.

שמים מטל

(טו*) דמליחה מועיל להם לרכך הקישוי שיש בהם מצד קליפתן והוי כבכישה ועיבוד. (טז*) אע"ג דאין עיבוד באוכלין היינו מה שהוא אוכל גמור אבל דבר שאינו אוכל גמור כמו חלב וביוצא בו י"א דחייב משום מעבד.

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה.

# מלאכת ממחק, אָבקראַצען די האָר פון די פעל אום שבת.

א. (א) ווען ער קראַצט אָדער ער גאָלט אָב די האָר אָדער די וואָל פון די פעל ווען די בהמה איז שוין טויט און מיט זיין קראַצען מאַכט ער די פעל גלאַטיג, אויב דאָס איז אַזוי גרויס אַז מען זאָל קענען מאַכען פון די פעל אַ קמיע איז ער חייב (א*).

ב. (ב) ווען ער קראַצט אַ כלי סיי זי איז אַלט אָדער ניי מיט דער מיינונג זי גלאַט און ריין צו מאַכען איז ער חייב.

ג. (ג) עס איז אסור אום שבת אָבצוקראַצען די שיך פון ליים סיי זיי זיינען ניי און סיי זיי זיינען אַלט, ניט מיט קיין מעסער, אפילו ניט מיט דעם רוקען פון מעסער און ניט מיט דעם נאָגעל (ב*). עס איז גוט אַז מען זאָל מאַכען דעם אייזען פון שוהל וואָס מען נוצט עס די שיך אָבצוקראַצען דיק און ברייט אָבער ניט דין (ג*).

ד. (ד) עס איז אסור זילבערנע כלים צו מאַכען ריין מיט פּאַרטרייקענטע הייוועז פון וויין (ד*).

ה. (ה) עס איז אסור שבת צו שלייפען אַ מעסער אפילו אויף אַ האָלץ (ה*).

ו. (ו) ווען ער שמירט אָן מאַשטץ אויף אַ פּלאַסטער אַרויף צו לייגען אויף אַ מכה איז ער חייב אויף דעם קלענסטען שיעור.

ז. (ז) ווען ער האָט שבת אַראָפּגענומען זיין פלאַסטער פון דער מכה זאָל ער זי ניט צוריקלייגען אויף די מכה ווען אפילו ער האָט נאָך דעם פּלאַסטער אין דער האַנט (ו*).

ח. (ח) אויב דער פּלאַסטער איז אַראָפּגעפאַלען פון דער מכה אום שבת, אויב זי איז געפאַלען אויף אַ כלי איז מותר דעם פּלאַסטער צוריק אויף דער מכה צו לייגען (ז*). ווען דער פלאַסטער איז געפאַלען אויף דער ערד איז אסור צוריק דעם פּלאַסטער אויף דער מכה צו לייגען (ח*).

---

### מקור חיים

(א) רמב"ם פי"א משבת ה"ח. (ב) בלכלת שבת. (ג) ש"ע סי' ש"ב ס"ח ורמ"א ומשנ"ב. (ד) ש"ע שכ"ג ס"ט. (ה) משנה ברורה שכ"ג סק"מ. (ו) רמב"ם משבת פי"א ה"ו. (ז) ש"ע הגרז"ש סי' שכ"ח ס"ל. (ח) שם.

### שמים מטל

(א*) אב מלאכה. (ב*) מפני שקולף העור והוי ממחק ופס"ר. (ג*) שלא יקלוף את העור. (ד*) מפני שהוא ממחק לכלי כסף שהוא רך. (ה*) דדומה לממחק. (ו*) גזירה שמא ימרח ויחליק הגומות שבה ויתחייב משום ממחק. (ז*) דכהוהלקה חרטיה ממקומה דמי דבודאי מותר להחזירה על מקומה. (ח*) גזירה שמא ימרח ומשום גזירת שחיקת סמנים.

מלאכת ממחק, אבקראַצען די האָר פון די פעל אום שבת

ט. (ט) אויב ער האָט צער און איז אַ ביסעל קראַנק דורך דער מכה וואָס ער האָט איז מותר צו זאָגען אַ גוי ער זאָל אום שבת אַרויפלייגען דעם פלאַסטער אויף דער מכה אויב דער פלאַסטער איז שוין געמאַכט געוואָרען בעפאָר שבת.

י. (י) עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי אַז ער זאָל מאַכען אַ פלאַסטער אום שבת אויב דער איד איז ניט אין קיין סכנה (ט*), אויב דער איד איז אין גאַנצען קערפּער קראַנק אָדער ער איז אין אַ סכנה מעג מען זאָגען אַ גוי ער זאָל מאַכען דעם פלאַסטער.

יא. (יא) עס איז אסור שבת אָפּצורייניגען דעם פלאַסטער פון בלוט און מאַטעריע (י*).

יב. (יב) ווען ער שמירט אָן וואַקס אָדער סמאָלע אָדער לייס אָדער חלב אָדער קיט אויף אַ פלאַסטער אָדער אויף אַנדערע זאַכען און מאַכט זיי גלאַטיג איז ער חייב (יא*).

יג. (יג) עס איז אסור צו פאַרשטאָפּען דאָס לאָך פון אַ פאַס מיט חלב, וואַקס, סמאָלע, לייס, פעטס אָדער דיקען בוימעל, עס איז אפילו אסור בלויז אַרויף צו לייגען אויף דעם לאָך פון אַ פאַס דעם וואַקס, ווען אפילו ער שטופּט עס ניט אין לאָך אַריין (יב*).

יד. (יד) עס איז אסור אויסצושמירען טייג און דאָס גלאַטיג צו מאַכען.

טו. (טו) עס איז מותר צו שמירען פּוטער אָדער שמאַלץ אָדער גע־קאָכטע עפּעל אויף ברויט (יג*).

טז. (טז) אויב מען שלאָסט פּעדערען אום שבת איז מען חייב (יד*).

יז. (יז) ווען ער רייניגט די שיך מיט שוהוואַקס איז ער חייב. עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי ער זאָל די שיך מיט שוהוואַקס רייניגען. ווען

## מקור חיים

(ט*) שמירת הרטיות היא מלאכה גמורה וע"י עכו"ם היא שבות גמור. (יג) ש"ע הגרז"ש שי"ד סכ"א. (יד) כלכלת שבת ממ"ז. (טו) משנה ברורה שס"א ס"ק פ"ב. (טז) כלכלת שבת מש"ס שבת ע"ד ע"ב ורמב"ם פי"א ה"ו. (יז) כלכלת שבת ובמשנה ברורה שכ"ח ס"ק כ"ח.

## שמים מטל

(ט*) שירוח הרטיה היא מלאכה גמורה וע"י עכו"ם היא שבות גמור. (י*) מפני שהיא ממרח. (יא*) תולדת ממחק. (יב*) גזירה שמא ימרח השעוה לדבקת בדופני הכלי סביב הנקב עד שיחליק פניהם שם ויתחייב משום ממחק. (יג*) דאין מירוח שייך במאכל שיכול לאכול בלא מריח ובמגן אבות להגאון מהר"ם בנעט ז"ל תוכך בדין זה והניח בצ"ע. (יד*) משום ממרח והיא תולדה ובמנחת חינוך כתב שחייב בכ"ש.

א גוי האָט געריינִיגט די שיך מיט שוהוואַקס פיר א אידען ווען אפילו דער איד האָט דעם גוי ניט געהייסען ער זאָל עס טהון איז דאָך אסור ער זאָל נוצען די שיך ביז מוצאי שבת ביז אזא צייט אז מען זאָל עס אָנהויבען צו טהון נאָך 3 שטערען קען עס ווערען אָבגעפּוצט (טו*), און עס איז זאָגאַר אסור צו נוצען די שיך אום שבת פיר אַן אַנדער אידען וואָס מען האָט זיי ניט געפּוצט פיר איהם, צו דער זעלבער צייט ווי דאָ דערמאָנט. אויך זיינען די שיך מוקצה און זיי זיינען א גאַנץ שבת אסור בטלטול, מען טאָר זיי ניט טראָגען פון איין אָרט צום צווייטען.

יח. (יח) עס איז אסור שבת זיך צו וואַשען מיט ווייבע זייף.

יט. (יט) ווען ער רייבט מיט דער האַנט אויף דעם פּאַרמעט וואָס איז אויפגעצויגען אויף די העלצער אזוי ווי די סופרים טהוען איז ער חייב.

כ. (כ) עס איז אסור צו געבען וואַקס אויף א ספר אום דאָס צו מאַכען פאַר א סימן אַז ער זאָל נאָך שבת אויף דעם אָרט אַריינקוקען (טז*).

כא. (כא) דער איסור ממחק איז שייך אום יום טוב. עס איז אסור אַן צו וואַרעמען חלב אָדער וואַקסענע ליכט כדי זיי אָנצוטריפען אַן א לייכטער אָדער אַן דער וואַנט.

## מלאכת מחתך, שניידען צו א געוויסע לענג אָדער ברייט אום שבת.

א. (א) אויב ער שניידט לעדער צו א געוויסע מאָס פון לענג אָדער ברייט און עס איז אזוי פּיעל אז מען זאָל קענען מאַכען א קמיע איז ער חייב (א*). האָליץ, מתכות, אפילו פעדערען האָבען דעם זעלבען דין.

ב. (ב) עס איז אסור צו שניידען דיעזע זאַכען און אַלע זאַכען וואָס איז ענליך צו זיי ווען אפילו ער וויל דאָס בלויז קאַליע מאַכען, און ער איז נאַרניט פאָרזיכטיג מיט דעם שניידען זיי זאָלען אין א געוויסער מאָס זיין (ב*).

---

מקור חיים

(יח) כלכלת שבת במלאכת לש. (יט) רמב"ם משבת פי"א ה"ו ומג"א שכ"ז סק"ב. (כ) משנת ברורה ש"מ סו"ג ובאת"ט. (כא) מג"א סי' תקי"ד סק"ו.

(א) רמב"ם פי"א משבת ה"ז. (ב) רמב"ם שם.

שמים מטל

(טו*) דהיא ממרח ככל מלאכה דאו' שעשה נכרי לצורך ישראל כסי' שכ"ה ס"ו. (טז*) מפני חשש מירוח.

(א*) אב מלאכה. (ב*) דק"ל כל המקלקלין פטורין. אבל אסור מד"ס.

מלאכת מחתך, שניידען צו א געוויסע לענג אדער ברייט אום שבת

ג. (ג) עס איז מותר צו שניידען אזעלכע זאכען וואס זיי זיינען צום עסען ווען אפילו ער שניידט דאס מיט פארזיכטיגקייט אין א געוויסער מאס פון גרוים און ברייט, אפילו די עסענס וואס זיי זיינען צוגעגרייט פיר א בהמה צו עסען איז אויך מותר צו שניידען אפילו מיט פארזיכ־טיגקייט אין א געוויסער מאס פון גרוים און ברייט (ג*).

ד. (ד) ווען ער מאכט מיט א מעסער א שפיציג שפענדעל פון האלץ ער זאל זיך דערמיט די צייהן אויסרייניגען אדער עפענען דערמיט די טיהר אדער פון אן אפגעריסענעם צווייג מאכט ער א רוט א קינד צו שלאגען, אויב ער שניידט די זאכען צו א געוויסער מאס פון לענג איז ער חייב ב׳ חטאות (ד*).

ה. (ה) ווען ער מאכט א שפיץ אין א פען מען זאל קענען מיט איהר שרייבען איז ער חייב ב׳ חטאות (ה*).

ו. (ו) אזעלכע זאכען וואס די געוואוינהייט איז אז מען זאל זיי מיט די הענט ברעכען אדער רייסען און ניט שניידען איז ער חייב ווען ער טהוט עס מיט די הענט צו א געוויסע מאס פון לענג אדער ברייט. עס איז אסור צו צורייסען אדער צו צוברעכען אזעלכע זאכען וואס די געוואוינהייט איז אז מען זאל זיי שניידען און ניט ברעכען.

ז. (ז) דער סוחר וואס פארקויפט צייג אדער באנד און זיין גע־וואוינהייט איז ביי זיין פארקויפען צו מעסטען אן אייל אדער מעהר און אבשניידען, ווען ער האט אזעלכעס געטהון אום שבת איז ער חייב.

ח. (ח) ווען ער שניידט א שטיק ריב אדער מער אדער בוראק כדי צו מאכען א שטאפער צו א כלי איז ער חייב ב׳ חטאות (ו*).

ט. (ט) ווען ער זעגט א ברעט די ברעט זאל א געוויסע מאס האבען איז ער חייב (ז*); אויב ער מיינט פיר די נוץ פון דעם זעגאכץ איז ער חייב מיט דעם קלענסטען שיעור (ח*).

---

## מקור חיים

(ג) משנה ברורה שכ״ב ס״ק מ״ב. (ד) כלכלת שבת ומשנה ברורה שכ״ב ס״ק י״ת. (ה) שם. (ו) משנה ברורה שכ״ב ס״ק י״ח. (ז) כלכלת שבת. (ח) כלכלת שבת. (ט) שם.

## שמים מטל

(ג*) ובמגן אבות הוכך בזה וסיום בצ״ע. (ד*) משום מחתך ומשום תיקון כלי והיא תולדה. (ה*) משום מחתך ומשום תיקון כלי והיא תולדה. (ו*) משום מחתך ומשום תיקון כלי דאף דאין באוכלין משום תיקון כלי היינו לעשות מהם כלי אבל לתקן מהם כלי אחר אסור. (ז*) משום מחתך. (ח*) משום טוחן.

מלאכת מחתך, שניידען צו אַ געוויסע לענג אָדער ברייט אום שבת

י. (י) ווען ער שניידט אָדער ער צורייסט צו אַ געוויסע מאָס פון גרויס אָדער ברייט פּאַפּיר זיך צו ריינִיגען איז ער חייב ב׳ חטאות (ט*).

יא. (יא) אויב ער איז ניט פאָרזיכטיג ביי דעם צורייסען דאָס פּאַפּיר צום ריינִיגען עס זאָל אַ געוויסע מאָס האָבען איז ער נאָר חייב איין חטאת (י*).

יב. (יב) ווען דער פּאַפּיר איז מיט שריפט קומט צו דערביי נאָך איין איסור (יא*).

יג. (יג) דער איסור מחתך איז שייך אום יום טוב.

## מלאכת כותב, שרייבען אום שבת.

א. (א) אויב ער האָט געשריבען אום שבת 2 אותיות מיט טינט אָדער מיט פאַרבּרענטע האָליז וואָס איז שווארץ ווי קויהל אָדער מיט בלייט־שטיפט און מיט אַלעם וואָס די שריפט האַלט אַ לענגערע צייט, ווען ער שרייבט די 2 אותיות אויף לעדער אָדער פּאַרמעט, פּאַפּיר אָדער האָליז און אויף אַלע ערטער וואָס האַלטען אויף זיך דעם שריפט אַ לאַנגע צייט איז ער חייב (א*).

ב. (ב) ווען אפילו איין אות איז מיט שווארצע טינט געשריבען און דאָס אַנדערע אות איז מיט אַן אַנדער פאַרב געשריבען וואָס די פאַרב האַלט אַ לענגערע צייט איז ער אויך חייב.

ג. (ג) עס איז אסור צו שרייבען אויף אַזאַ אָרט וואָס האַלט ניט די שריפט אויף זיך אַ לאַנגע צייט, דהיינו אויף בלעטער און עהנליכעס. עס איז אסור צו שרייבען מיט אַזעלכעס וואָס איז ניט דויערהאַפטיג צו האַלטען די שריפט אַ לאַנגע צייט, צום ביישפּיעל משקות, אויך איז אסור צו שרייבען מיט משקות אויף בלעטער פון גרינצייג.

ד. (ד) עס איז אסור מן התורה אפילו איין אות צו שרייבען ווען אפילו דאָס אות איז גרויס אַזוי ווי אַנדערע 2 אותיות און ווען אפילו

---

מקור חיים

(י) משנה ברורה ש״מ ס״ק מ״א. (יא) שם. (יב) כלכלת שבת ופרמ״ג. (יג) ש״ע או״ח תצ״ה.

(א) רמב״ם פי״א ה״ט והלכה ט״ו ומשנה ברורה ש״מ ס״ק כ״ב וביאור הלכה. (ב) כלכלת שבת. (ג) משנה ברורה מרמב״ם הט״ו. (ד) דקיי״ל ח״ש אסור מן התורה.

שמים מטל

(ט*) משום קורע ומשום מחתך. (י*) משום קורע. (יא*) משום מוחק. (א*) אב מלאכה.

ער האָט דאָס אות געשריבען אין דער זייט ביי א פריהער געשריבענעם אות און עס איז יעצט 2 אותיות, ווען אפילו ער בעצייכענט דעם קאָפּ פון אות מען זאָל דאָס לייענען פיר א וואָרט, צום ביישפּיעל ער האָט גע־שריבען מ׳ און מען לייענט דאָס מעשר אָדער פערציג איז אויך ניטאָ קיין חיוב נאָר אַן איסור.

ה. (ה) אויב ער שרייבט מיט טינט אויף זיין קערפּער איז ער חייב (ב*).

ו. (ו) עס איז אסור צו קראַצען אויף זיין קערפּער וועלכעס עס זעהט אויס ווי געשריבען (ג*).

ז. (ז) ווען ער רייסט לעדער דורך און אין אַן אויסזיכט ווי שריפט איז ער חייב. עס איז אסור צו צייכענען אויף לעדער אַן אויס־זיכטיגקייט פון שריפט (ד*).

ח. (ח) עס איז אסור צו שרייבען אויף שריפט איבערצופיהרען די פעדער אויף די פריהערדיגע אותיות און זיי אָבצופרישען (ה*).

ט. (ט) אויב די צווייטע שריפט איז מיט בעסערע טינט איז ער חייב ב׳ חטאות (ו*).

י. (י) עס איז אסור אפילו מיט ערגערע טינט צו שרייבען אויף בעסערע (ז*).

יא. (יא) אויב ער שרייבט איין אות און מיט דעם איינעם אות ווערט דאָס גאַנצע ספר תורה פערטיג, אפילו ער האָט אין דעם מיטען ספר געשריבען איז ער אויך חייב (ח*).

יב. (יב) ווען ער שפּאַלט דאָס אות חי"ת און מאַכט דערפון 2 זיין׳ס און ברוויכט אַז עס זאָל זיין געשריבען 2 זיין׳ס איז ער חייב.

יג. (יג) ווען אפילו די 2 אותיות וואָס ער האָט געשריבען זיינען

---

## מקור חיים

(ה) רמב"ם שם הט"ז. (ו) משנה ברורה שם. (ז) מנחת ביכורים על התוספתא פי"ב ה"ו. (ח) משנה ברורה שם. (ט) שם. (י) שם. (יא) רמב"ם שם ה"ט ומשנה ברורה. (יב) משנה ברורה. (יג) שם.

## שמים מטל

(ב*) מפני שהיא עור אעפ"י שהמימות בשרו מעביר את הכתב לאחר זמן ה"ז דומה לכתב שנמחק. (ג*) מפני שאין דרך כתיבה בכך. (ד*) והטעם כתב בס׳ חסדי דוד על התוספתא כי המקרע היא דבר המקיים והרושם היא דבר שאינו מתקיים. (ה*) דלא אהני מידי. (ו*) אחת משום כותב שעכשיו היא כתב הגון יותר מבראשונה ואחת משום מוחק שמוחק בכתיבתו אותיות התחתונות. (ז*) דמקלקל הוא ופטור אבל אסור מד"ס. (ח*) דעל ידו נשלם הספר ובמנחת חינוך כתב דחייב ב׳ משום כותב וגם משום מכה בפטיש.

גאָר קיין וואָרט ניט, צום ביישפיעל א"ג אָדער גלייכע אותיות ת"ת, ח"ח, ג"ג, ד"ד איז ער אויך חייב. ווען אפילו ער האָט געוואָלט שרייבען מעהר אותיות און האָט נאָר 2 געשריבען איז ער אויך חייב.

יד. (יד) ער איז חייב אויף 2 אותיות ווען אפילו ער האָט ניט געשריבען קיין לשון הקודש נאָר אַן אַנדער לשון איז ער אויך חייב.

טו. (טו) אויב ער האָט געשריבען איין א' ב' און זיין מיינונג איז אַז דער א' זאָל בעדייטען 1 און דער ב' זאָל בעדייטען 2 איז ער אויך חייב.

טז. (טז) ווען אפילו ער האָט געשריבען די 2 אותיות אויף 2 בלעטער אין די ווינקלען וואו זיי זיינען צוזאמען געגנייט איז ער אויך חייב (ט*), אפילו ווען ער האָט געשריבען די 2 אותיות אויף 2 ווינקלען פון 2 ווענט, איין אות איז אין ווינקעל מזרח און דער צווייטער אות איז אין ווינקעל דרום נעבען דעם ערשטען אות איז ער חייב (י*).

יז. (יז) עס איז אסור צו שרייבען איין אות אויף דעם באַלקען און איין אות אויף דער ערד אָדער איין אות אויף איין וואַנט און דעם אַנדער אות אויף דער צווייטער וואַנט ווייט איינס פון צווייטען (יא*).

יח. (יח) עס איז אסור צו שרייבען מיט דער לינקער האַנט. עס איז אסור צו שרייבען מיט דער אויבערשטער זייט פון דער האַנט, דהיינו ער איבערדרעהט די האַנט און שרייבט. עס איז אסור צו שרייבען מיט דעם מויל און עס איז אסור צו שרייבען מיט דער פוס אָדער מיט דעם עלענבויגען (יב*).

יט. (יט) א מענש וואָס איז געלינקט און איז געוואוינט צו שרייבען מיט דער לינקער האַנט, אויב ער האָט געשריבען מיט דער לינקער האַנט איז ער חייב. עס איז אסור פיר איהם צו שרייבען מיט דער רעכטער האַנט.

כ. (כ) אזא מענש וואָס שרייבט מיטביידע הענט גלייך איז ער חייב אויב ער האָט געשריבען סיי מיט דער לינקער און סיי מיט דער רעכטער האַנט.

כא. (כא) ווען א קליינער האַלט די פעדער און דער גרויסער האַלט אויך די פעדער און שרייבט איז דער גרויסער חייב; ווען דער

---

מקור חיים

(יד) מג"א ומשנה ברורה שם. (טו) משנה ברורה ומקורו מרמב"ם. (טז) שם. (יז) שם. (יח) רמב"ם פי"א הו"ד. (יט) רמב"ם שם. (כ) שם. (כא) שם.

שמים מטל

(ט*) שיוכל לקרותם כאחת. (י*) הואיל שהיא זו כנגד זו ויכול לקרותם כאחת. (יא*) הואיל שאין זו כנגד זו ואין יכולים לקרותם כאחת לכן פטור ואסור. (יב*) שאין דרך כתיבה בכך אבל מ"מ אסור.

גרויסער האלט די פעדער און דער קליינער האלט אויך די פעדער און שרייבט איז דער גרויסער פטור.

כב. (כב) ער איז חייב אפילו ווען ער מיינט מיט זיין שרייבען דאָס פאפיר אָדער פארמעט קאליע צו מאכען (יג*).

כג. (כג) אזעלכע שריפטען וואָס מען דערקענט ניט ווייל עס איז געשריבען מיט רויע מילך איז אסור צו האלטען די שריפט געגען דער ווארעמקייט כדי די שריפט זאָל ארויסקומען און דערקענט ווערען.

כד. (כד) עס איז מותר מיט דעם נאָגעל צו מאכען א צייכען אין א ספר פון פארמעט צו געדענקען דאָס אויף דעם אָרט איז פאראן א טעות כדי ער זאָל עס געדענקען צו פאררעכטען נאָך שבת.

כה. (כה) עס מוזען זיין די אלע פונקטען: 1. פארמעט; 2. מיט דעם נאָגעל; 3. א פראָסטען שטריך צו בעצייכענען דעם טעות. עס איז אסור צו בעצייכענען אפילו מיט איין אות (יד*). עס איז אסור צו בעצייכענען פאפיר אפילו ווען ער בעצייכענט עס מיט א שטריך און מיט דעם נאָגעל (טו*). עס איז אסור צו בעצייכענען מיט א כלי אפילו ווען ער בעצייכענט פארמעט אָדער האָלץ (טז*). עס איז גוט אז מען זאָל פאר זיך מחמיר זיין ניט צו צייכענען אפילו פארמעט מיט דעם נאָגעל (יז*).

כו. (כו) אויב ער בעצייכענט צורות אפילו אויף נאָר איין צורה איז ער חייב (יח*). דער וואָס פארבט דעם צייכען פון דער צורה איז חייב משום צובע.

---

## מקור חיים

(כב) שם ה"ט. (כג) פרמ"ג ש"מ סק"ג. (כד) ש"ע ש"מ ס"ה ומשנה ברורה. (כה) שם, ש"ע הגרז"ש. (כו) רמב"ם פי"א הי"ז וביאור הלכה.

## שמים מטל

(יג*) שאין חיובו על מקום הכתב אלא על הכתב. (יד*) משום כותב. (טו*) דעל הנייר רושם מתקיים. (טז*) שעושה רשימה עמוקה ומתקיים. (יז*) אע"ג דאיכא תרתי לריעותא חדא דאינו דבר המתקיים ועוד דרושם אחד ליכא איסור כמו כותב מ"מ יש לחוש לשי' הב"ח מובא במג"א דחושש לדעת ר' יוסי דרושם ב' שריטות חייב כמו כותב ובשריטה אחת אסור מה"ת וא"כ בדבר שאינו מתקיים כגון קלף אסור מד"ס גזירה משום המתקיים. וראיתי בתפא"י בכלכלת שבת דחשיב תולדת כותב רושם בעשה ב' רשימות בעלמא ובאמת משמע לכאורה כן בהה"מ פי"א משבת הי"ז אבל בביאור הלכה בסי' ש"מ הוכיח שרוב הפוסקים הסכימו שרושם שריטה בעלמא אינו בכלל כותב ואסור רק מדרבנן וא"כ ליכא חיוב תולדה ברושם וכן נראה בש"ע הגרז"ש שכ' ויר"ש יחמיר לעצמו כדבריהם, וא"כ מוכח דהיא רק חומרא בעלמא ובדבר המתקיים הוא רק איסור מדרבנן והביאור הלכה תמה מאד על הה"מ ולא מצא מקום ליישב. (יח*) תולדת כותב.

כז. (כז) עס איז אסור צו באהעפטען די זילבערנע אותיות צום פרוכת אָדער צו אנדערע זאכען (יט*). עס איז אסור אוועקצונעהמען די זילבערנע אותיות פון פרוכת (כ*).

כח. (כח) עס איז אסור צו קראַצען מיט די פינגער אותיות אין טרוקענע אַש אָדער אין טרוקענע זאַמד. עס איז אסור צו קראַצען מיט דעם פינגער אותיות אויף די געפרוירענע שויבען אָדער אויף נאַסע שויבען.

כט. (כט) אויב ער האָט געמאַכט אותיות אויף געגליווערט בלוט אָדער אויף געזעצט חלב אָדער שמאַלץ איז ער חייב.

ל. (ל) עס איז מותר צו מאַכען מיט די פינגער אין דער לופט אַזוי ווי אותיות כדי דער צווייטער זאָל פערשטעהן וואָס ער מיינט.

לא. (לא) עס איז אסור נאָך צו מאַכען די פינגער מיט משקה און צו שרייבען אויף דעם טיש אָדער אויף פאַפיר אָדער אויף פאַרמעט (כא*). עס איז מותר צו פיהרען זיין פינגער און צו מאַכען אַזוי ווי אותיות אויף אַ טרוקען ברעט (כב*).

לב. (לב) עס איז אסור צו מאַכען אותיות אין האָניג.

לג. (לג) אויב מען האָט געקויפט פאַר שבת אַ הויז פון אַ גוי אין ארץ ישראל איז מותר אַז דער איד זאָל דאָס שבת לאָזען חתמ'נען אין געריכטהויז ווען אפילו דער נאָטאַר און דער גוי וועט דורך דעם אידען שרייבען אום שבת דאָך איז מותר דער איד זאָל דאָס לאָזען חתמ'נען (כג*).

לד. (לד) עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי ער זאָל שרייבען אום שבת ווען אפילו דאָס שרייבען איז לצורך מצוה (כד*). עס איז מותר צו הייסען אַ גוי שרייבען אויב עס איז פיר זעהר נויטיג און פיר אַ מצוה.

לה. (לה) דער וואָס דרוקט אותיות איז חייב (כה*). דער וואָס

---

## מקור חיים

(כז) משנה ברורה ש"מ. (כח) ש"ע סי' ש"מ ס"ד ומשנ"ב. (כט) משנ"ב ש"מ מתוספתא. (ל) רמ"א ש"מ ס"ד. (לא) ש"ע ש"מ ס"ד משנ"ב שם. (לב) באה"מ שם סק"ז. (לג) ש"ע ש"ו ס"ק י"א. (לד) משנ"ב שם ס"ק מ"ז וש"ע ש"ז ס"ה. (לה) כלכלת שבת.

## שמים מטל

(יט*) דהוי כעין בותב. (כ*) דהוי בעין מוחק. (כא*) דאף דהיובא ליכא דבעינן שיכתוב דוקא בדיו שרישמו מתקיים אפ"ה אסור מד"ס אף במשקה שאינה מתקיים. (כב*) כיון דאין רשימו ניכר כלל ולא דמי למשקה. (כג*) משום ישוב ארץ ישראל התירו אף שיש חיוב בכל לשון. (כד*) ומלאכה דאו' אסור ע"י עכו"ם אפי' לצרוך מצוה. (כה*) משום כותב.

מלאכת כותב, שרייבען אום שבת

זעטצט צוזאמען די אותיות צום דרוקען איז חייב (כו*). דער וואס מאכט קארעקטורען: די שלעכטע אותיות ווארפט ער ארוים און זעטצט אריין אנדערע איז ער חייב ג' חטאות (כז*). דער וואס נעהמט ארויס די אותיות פון די פלאטען נאך דעם דרוקען איז ער חייב (כח*).

לו. (לו) עס איז אסור צו שרייבען מיט וואסער.

לז. (לז) עס איז אסור צו קויפען אדער פארקויפען סיי אזעלכעס וואס מען ברויכט מעסטען, ציילען און וועגען, סיי אזעלכעס וואס מען ברויכט ניט מעסטען, ציילען און וועגען, ווען אפילו ער דערמאנט ניט דאס ווארט קויפען אדער פערקויפען (כט*), ווען זאגאר מיר נוצען דא דאס ווארט אסור, דאך איז עס זעהר א גרויסער איסור אזוי ווי מן התורה, דען דאס ווערט נאך דערמאנט אין נחמי' י"ג פסוק י"ט.

לח. (לח) עס איז אסור צו דינגען אדער צו פערדינגען (ל*).

לט. (לט) עס איז אסור צו משפט'ן אום שבת. עס איז אסור מקדש צו זיין א פרוי אום שבת. עס איז אסור צו געבען חליצה אום שבת (לא*). עס איז אסור צו מאכען א פדיון הבן אום שבת אפילו מיט א כלי וואס איז ווערטה 5 סלעים (לב*). עס איז אסור צו גט'ן אום שבת זאגאר ווען דער גט איז שוין געשריבען אפילו בעפאר שבת (לג*).

מ. (מ) עס איז פארבאטען צו שפילען אום שבת גראד אדער אום־גראד און אלעס וואס מען פערדינט אין שפילען איז אסור צו שפילען אום שבת (לד*). עס איז אסור צו לייענען די צייטונג אום שבת ווען אפילו זיי זיינען געדרוקט אין לשון הקודש (לה*).

מא. (מא) עס איז אסור צו פארבען די אויגען אום שבת מיט אויגען־פארב, עס איז אסור זיך צו פארבען די באקען מיט שמינקע (לו*).

מב. (מב) דער איסור כותב איז שייך אום יום טוב.

---

מקור חיים

(לו) שם. (לז) כלכלת שבת מרמב"ם. (לח) שם. (לט) ש"ע של"ט ס"ד. (מ) של"ח ס"ה ברמ"א מנחת שבת. (מא) רמב"ם משבת פכ"ג הי"ב. (מב) ש"ע סי' תצ"ה.

שמים מטל

(כו*) משום בונה ולמ"ד דיש עימור אף שלא בגידולי קרקע יש ג"כ חיוב מעמר. (כז*) משום בורר ומשום סותר ומשום מכה בפטיש. (כח*) משום סותר. (כט*) גזירה שמא יכתוב וחמירא כד"ת כי היא דברי קבלה. (ל*) גזירה שמא יכתוב. (לא*) גזירה שמא יכתוב. (לב*) שדומה למקח וממכר. (לג*) גזירה שמא יכתוב. (לד*) דהוי כמקח וממכר. (לה*) מפני שיש בהם ידיעה ממשא ומתן (לו*) מההוי ככותב כן הי' גירסת הרמב"ם בש"ס שבת צ"ה ע"א כוחלת משום כותבת אבל רוב הפוסקים גרסו כוחלת משום צובעת עייש"ה בעין משפט ונר מצוה על הגליון.

הערה א'. במתני' פ"ז דשבת והעושה ב' בתי נירין דקדקו בתוס' למה פירש בכאן ובאורג ובתופר ובכותב שיעור טפי מבשאר והביא בתו"ח בשם הגה"ק

# מלאכת מוחק, אָפּמעקען שריפט אום שבת.

א. (א) אויב ער מעקט אָפּ שריפט אום שבת מיט דער מיינונג אז ער זאָל אויף דעם אָרט וואָס איז געמעקט שרייבען 2 אותיות ווען ער וועט נאָר וועלען איז ער חייב ווען אפילו ער מעקט מיט דער לינקער האנט (א*).

ב. (ב) ווען אפילו ער מעקט נאָר איין אות נאָר דער אות איז גרויס אז ער קען שרייבען אויף דעם פלאַטץ ב׳ אותיות און זיין מיינונג איז געווען צו שרייבען 2 אותיות איז ער חייב.

ג. (ג) ווען זיין מעקען איז מיט דעם ציעל צו פארניכטען, ווען אפילו ער וועט אויף דעם אָרט ניט שרייבען, צוםביישפיעל ווען ער געפינט

---

## מקור חיים

(א) רמב״ם פי״א משבת ה״ט ומשנה ברורה ש״מ ס״ק י״ג (ב) משנה ברורה ס״ק כ״ב מדיני מוחק. (ג) רמב״ם פי״א הי״ז וביאור הלכה ש״מ בה׳ המוחק דיו ובפרמ״ג.

## שמים מטל

מבארדיטשוב זצ״ל לתרץ דהתנא לא פירש אלא באלו שא״א כלל החיוב אלא בעושה כל השיעור במקום א׳ וכו׳ וכן בכותב ב׳ אותיות בב׳ ספרים וכן בתופר ב׳ תפירות בב׳ בגדים כל אלו אינן מצטרפין, משא״כ בשאר מלאכות, כגון מוציא דאף שהוציא בב׳ מקומות ג״כ חייב עש״ה. ודבריו תמוהין אצלי מאד כי דבריו המה נגד הלכה דהרי מבואר ברמב״ם פי״א הי״ב וזה״ל לקח גויל וכיוצא בו וכתב עליו אות אחת במדינה זו והלך באותו היום וכתב אות שני׳ במדינה אחרת במגילה אחרת חייב שבזמן שמקרבין נהגן זע״ז ואינן מחוסרין מעשה לקריבתן ומקורו טהור מש״ס שבת ק״ד א״ר אמי כתב אות א׳ בטבריא ואות א׳ בצפורי חייב כתיבה היא אלא שמחוסר קריבה, וכן מפורש ברש״י שם אחת בשפת לוח זו בטבריא ואחת על שפת לוח זו בציפורי, אבל דבריו הקדושים יתבנו רק עפ״י פי׳ הרשב״א בחידושיו ורבינו האי שפי׳ דברי הש״ס דמיירי שכתב הב׳ אותיות על מגילה אחת עש״ה וצ״ע.

הערה ב׳. בדברי אגדה השייך למלאכה זו בשופטים י״ד פסוק ט״ו ויהי ביום השביעי ופרש״י ליום השבת ולא שביעי למשתה. ופירש במצודת כי ביום השבת לא התמיד שמשון לשבת עמהם מצאו מקום לדבר אל האשה ונ״ל לתת טעם מדוע לא רצה לשבת עמהם בשבת כי עשו נצחון של החידה אשר הי׳ הרויחה בשלשים סדינים ושלשים חליפות שמלות וא״כ כל השחוק שהוא הרויח אסור משום מקח וממכר עי׳ ברמב״ם פכ״ג משבת הי״ז וברמ״א של״ח ס״ח ובחול לא הי׳ חושש משום קוביא שהיא אסור משום גזל דהרמב״ם פסק בה׳ גזילה פ״ו הי״א שהמשחק בקוביא עם נכרי אין בו משום גזל.

(א*) אב מלאכה ולא בעינן שיתכוין לכתוב בשבת דוקא וגם לא בעינן שימחוק דוקא בימין כמו בכותב.

מלאכת מוחק, אַפּמעקען שריפט אום שבת

אין ספר תורה אותיות וואָס זיי זיינען איבעריג און ער מעקט זיי אויס אָדער ער געפינט אין זיין בוך געשריבען אַז ער איז שולדיג אָדער מען איז איהם שולדיג און ער ווייסט אַז עס איז שוין בעצאָהלט און ער מעקט עס אויס איז ער חייב (ב*).

ד. (ד) ווען אפילו ער מעקט ניט קיין אותיות נאָר ער מעקט אַ קלעק טינט פון פּארמעט אָדער פון פּאַפּיר אָדער פון האָלץ כדי ער זאָל קענען אויף דעם אָרט שרייבען 2 אותיות איז ער חייב, אויב עס איז ארויפגעפאַלען טינט אָדער חלב אָדער וואַקס אויף אותיות זאָל ער זיין פאָרזיכטיג ער זאָל דאָס ניט אַפּמעקען און אַראָפּנעהמען דען עס איז אַ חיוב (ג*), ווען אפילו עס איז געפאַלען אויף איין אות איז אויך אסור דאָס אַפּצומעקען.

ה. (ה) עס איז אסור מן התורה אפילו איין אות אַפּצומעקען ווען אפילו אויף דעם אָרט קען מען ניט מעהר שרייבען ווי איין אות.

ו. (ו) עס איז אסור צו מעקען שריפטען אפילו ווען זיין מיינונג איז ניט צו שרייבען אויף דעם געמעקטען אָרט.

ז. (ז) ווען עס איז ארויפגעפאַלען טינט אויף אותיות פון אַ ספר פון פּארמעט אָדער פּאַפּיר און ער האָט געגאָסען אויף דעם טינט וואַסער אָדער ער האָט מיט דער צונג אָפּגעלעקט דעם טינט איז ער חייב ווען אפילו דער טינט איז נאָך נאַס (ד*).

ח. (ח) ווען אַ קיכעל איז געמאַכט אין אַ פאָרם ווי שריפט אָדער געפלאָכטען אַזוי ווי שריפט איז מותר דאָס קיכעל צו עסען אום שבת (ה*).

ט. (ט) ווען אויף אַ קיכעל איז געשריבען ווי אותיות איז אסור דאָס צו צוברעכען מיט דער האַנט ווען אפילו ער מיינט דאָס נאָר צו עסען (ו*). עס איז מותר אַזאַ קיכעל צו געבען אַ קינד.

---

### מקור חיים

(ד) ש"ע ש"מ ס"ג ומשנה ברורה, משנה ברורה סק"י בשם הב"ח. (ה) דקיי"ל ח"ש אסור מה"ת. (ו) ש"ע הגרז"ש סי' ש"מ ס"ד. (ז) ס"ח באה"ט ומשנ"ב ש"מ. (ח) משנה ברורה ש"מ. (ט) רמ"א ש"מ ס"ג משנ"ב בשם מרדכי.

### שמים מטל

(ב*) תולדה. (ג*) דע"י מחיקתו מינכר האותיות והוי כמוחק ע"מ לכתוב וחייב. (ד*) משום מוחק כן כתב בכלכלת שבת לשי' הט"ז לגבי תפילין בסי' ל"ב ס"ק ט"ו אבל לשארי מפורשים נראה דליכא רק איסור בעלמא וכן נראה מלשון הספר חסידים תתצ"ו אשר שם מקורו. (ה*) דאין שם כתיבה עלי' וממילא לא שייך שם מחיקה. (ו*) ואף דאין ע"מ לכתוב איסורא דרבנן מיהו איכא ואף דאין מכוין למחוק פס"ר היא ואסור מדרבנן.

י. (י) אויב ער צוברעכט דאָס ניט מיט דער האנט נאָר ער עסט עס וואו די שריפט איז און די שריפט ווערט צובראָכען איז עס מותר צו עסען.

יא. (יא) ווען אויף דער קיכעל איז דאָ שריפט פון האָניג געמישט מיט וואסער אָדער פון פרוכט־זאפט איז מותר די קיכעל אפילו מיט דער האנט צו צוברעכען.

יב. (יב) א ספר וואָס איז אויף די זייטען פון די בלעטער געשריבען אָדער געדרוקט אותיות און ווען דער ספר איז פארמאכט זיינען די אותיות גאנץ און ווען מען עפענט דעם ספר ווערען די אותיות צונומען איז מותר דעם ספר צו עפענען אָדער צו פארמאכען אום שבת (ז*). אויב ער האָט אנאנדער ספר צו לערנען זאָל ער דעם ספר מיט די שריפט ניט עפענען.

יג. (יג) ער זאָל אין דער וואָכען זיין פאָרזיכטיג ניט צו שרייבען אָדער דרוקען אותיות אויף די זייטען פון בלעטער פון ספרים.

יד. (יד) אויב א פלעשעל מיט משקה איז פארקאָרקעוועט און אויף דעם קאָרעק איז דאָ א חתימה מיט אותיות איז אסור דעם קאָרעק ארויס צו נעהמען פון פלעשעל אויב ער וועט מיט זיין ארויסנעהמען די חתימה קאליע מאכען (ח*). עס איז אסור צו זאָגען א גוי אז ער זאָל דעם קאָרעק פון דער פלאַש ארויסנעהמען אויב מיט דעם ארויסנעהמען דעם קאָרעק וועט די חתימה קאליע ווערען (ט*). אויב ער ברויכט דעם בראָנפען אויף קידוש איז מותר צו זאָגען א גוי אז ער זאָל דעם קאָרעק ארויסציהען. עס איז אסור אז דער איד זעלבסט זאָל דעם קאָרעק ארויסציהען אפילו ווען ער ברויכט די משקה פיר קידוש. מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג דאָס די אלע פלעשער וואָס זיי האָבען חתימות זאָל מען פאר שבת עפענען ווען ער וויל זיי שבת געברויכען.

טו. (טו) ווען די בלעטער פון א ספר האָבען זיך צוגעקלעפט מיט קלעפעניץ אויף דעם אָרט פון די אותיות איז אסור די בלעטער צו צו־נעהמען (י*).

טז. (טז) עס איז אסור צו צוברעכען די חתימה פון א בריף אויב עס איז דאָ אויף דער חתימה אותיות אָדער צורות. עס איז אסור צו זאָגען א גוי אז ער זאָל דעם בריף עפענען אויב ער מוז די חתימה צוברעכען.

---

מקור חיים

(י) משנה ברורה שם. (יא) משנה ברורה שם ס"ק ט"ו. (יב) משנ"ב שם. (יג) שער הציון לבעל משנ"ב. (יד) כלכלת שבת פרמ"ג שב"ז בא"א. (טו) ביאור הלכה ש"מ בה' שעל הקלף בפרמ"ג. (טז) מג"א תקי"ט וכלכלת שבת שם.

שמים מטל

(ז*) כיון דעשוי לפתוח ולנעול תמיד ליכא בזה משום מחיקה וכתיבה והוי כדלת הנסגר ונפתח תמיד דאין בו משום בנין וסתירה. (ח*) משום מוחק. (ט*) משום מוחק. (י*) דעי"ז מינכר האותיות והוי כמוחק ע"מ לכתוב.

יז. (יז) עס איז אסור צו לייענען א וועקסעל פון חובות אָדער רעכ־נונגען. עס איז אסור אפילו אין זיי אריין צו קוקען אפילו ניט צו לייענען (יא*).

יח. (יח) דער חיוב מוחק איז נור אז ער מעקט אזא שריפט וואָס האלט א לאנגע צייט פון אזא אָרט וואָס האלט אויף זיך די שריפט א לאנגע צייט, צום ביישפיעל טינט אָדער בליי פון פאפיר, פארמעט, האָלץ. עס איז אסור אָפצומעקען שריפט וואָס איז ניט דויערהאפטיג, דהיינו ווען ער שרייבט מיט מילך אָדער מיט וויין פון אזא אָרט וואָס איז ניט דויערהאפטיג, צום ביישפיעל בלעטער.

יט. (יט) דער איסור מוחק איז שייך אום יום טוב.

# מלאכת בונה, בויען אום שבת.

א. (א) אויב ער בויט אום שבת אויף דער ערד מיט ציגעל אָדער מיט האָלץ ווען אפילו ער האָט נאָר געבויט אזוי ווייניג וואָס קען נאָר געבען איז ער שוין חייב (א*).

ב. (ב) ווען איינער לייגט די ציגעל אָדער די האָלץ און דער צווייטער גיט דאָס ליים, איז דער וואָס גיט דאָס ליים חייב, דאָס איז נאָר ביי די מיטעלע שורות אָבער ביי די העכסטע שורה ווען אפילו ער האָט בלויז די ציגעל געלייגט אויף דעם ליים איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) עס איז אסור צו בויען אויף כלים (ג*).

ד. (ד) ווען ער לייגט דעם שוועל־שטיין אום שבת און האָט איהם ארומגעשאָטען מיט ערד אויף דעם פלאַטץ וואו ער בויט איז ער חייב (ד*).

ה. (ה) ווען ער קלאפט אריין א נאָגעל אין דער וואנט אויפצוהיינגען אויף דעם נאָגעל כלים איז ער חייב (ה*), ווען אפילו ער האָט ניט אריינגעקלאפט דעם נאָגעל נאָר ער עגבערט א לאָך אין דער וואנט אריין צו שטעקען א נאָגעל איז ער חייב (ו*).

---

מקור חיים

(יז) ש"ע ש"ז ס"ק י"ג. (יח) משנה ברורה מרמב"ם. (יט) ש"ע או"ח תצ"ה.
(א) רמב"ם פ"י משבת הי"ב וכלכלת שבת. (ב) כלכלת שבת. (ג) רמב"ם שם.
(ד) כלכלת שבת. (ה) ש"ע הגרז"ש שו"ד ס"ב.

שמים מטל

(יא*) שמא ימחוק.
(א*) אב מלאכה וחייב בכל שהוא. (ב*) מדאין מניחין עליו טיט אחר.
(ג*) פטור אבל אסור מד"ס. (ד*) משום מכה בפטיש. (ה*) משום בונה. (ו*) הואיל דנקב זה מועיל לבנין דהיינו לתקוע בו היתד.

מלאכת בונה, בויען אום שבת

ו. (ו) וועז ער מאכט א לאך אין דער ערד אין שטוב כדי דאס וואסער זאל ארויסגעהן אדער אריינקומען אדער ער מאכט א לאך אין דער וואנט אז די לופט זאל אריינקומען אדער ארויסגעהן איז ער חייב אפילו מיט דעם קלענסטען שיעור וואס עס גיט.

ז. (ז) טיהרען אדער לאדענס פון שטוב אדער פון א ברינע וועז אפילו זייער האלטונג איז דורך ריגלען און מען ברויכט זיי ניט אריינצושרויפען אין די וואנט אויב ער האט זיי צוריק אין די ריגלען אריינגעשטעלט איז ער חייב.

ח. (ח) וועז ער קלאפט צוזאמען האלץ סיי דורך א נאגעל אדער דורך פעסט אריינזעצען דעם האלץ איינס אין צווייטען איז ער חייב (ז*). וועז ער נעהמט דאס צוריק ארויס איז ער חייב (ח*).

ט. (ט) וועז ער מאכט אן ערדענע כלי, א פאס אדער אן אויוועז וועז אפילו ער האט איהם ניט געהארטעוועט אין פייער איז ער חייב (ט*).

י. (י) וועז ער בלאזט אן גלאז און ער מאכט א גלעזערנע כלי איז ער חייב.

יא. (יא) וועז ער זעצט אריין די האנט פון די האק אין דער האק אריין אדער ער מאכט פעסט די האנט פון די האק מיט א שטיק האלץ אדער אייזען איז ער חייב. וועז ער נעהמט ארויס די האנט פון דער האק איז ער חייב משום סותר.

יב. (יב) וועז ער מאכט א קעז און דער קעז איז אזוי גרויס ווי א געטריקענטע פייג דאס מיינט איין דריטעל איי פון א הוהן איז ער חייב (י*).

יג. (יג) וועז ער קנעט צוזאמען פרוכט כדי עס זאל ווערען איין שטיק, 4 עקיג אדער לענגליך מיט דעם מיינונג דאס שעהן צו מאכען איז ער חייב אויב עס איז אזוי גרויס ווי 1 דריטעל איי פון א הוהן.

יד. (יד) וועז ער באשמירט די וואנט אדער די פאדלאגע מיט ליים אדער ער באפעסטיגט א ברעט אויף דער פאדלאגע אדער ער באפעסטיגט א ברעט אויף דער וואנט איז ער חייב.

---

מקור חיים

(ו) שם וכלכלת שבת. (ז) רמב"ם פ"י הי"ד משבת וכלכלת שבת. (ח) רמב"ם פ"י הי"ג. (ט) רמב"ם שם הי"ג. (י) כלכלת שבת. (יא) משנה ברורה שי"ג ס"ק נ"ד בשם הרמב"ם ש"ע הגרז"ש. (יב) רמב"ם פ"י הו"ג ופ"ז ה"ו. (יג) מג"א ש"מ. (יד) כלכלת שבת.

שמים ממל

(ז*) תולדה. (ח*) משום סותר. (ט*) אעפ"י שאמרו אין בנין בכלים זה בכלים שנתפרקו ולהחזירם אבל העושה כלי מתחילתו אין לך בנין גדול מזה ולא זה נקרא בנין כלי אלא עושה כלי. (י*) תולדה שכל המקבץ חלק אל חלק ודבק הכל עד שנעשה גוף אחד דומה לבנין.

מלאכת בונה, בויען אום שבת

טו. (טו) ווען ער מאכט אריין שויבען אין די פענסטער איז ער חייב.

טז. (טז) ווען ער פארקיטעוועט אויך די שויבען איז ער חייב ב׳ חטאות (יא*).

יז. (יז) ווען עס האט זיך ארויסגענומען א פוס פון א באנק איז אסור דעם פוס צוריק אריין צו שטעלען אין דעם באנק (יב*), אפילו שוואכער־הייד איהם אריין צו זעצען איז אויך אסור (יג*).

יח. (יח) עס איז אסור זאגאר צו טראגען דעם באנק צו אן אנדער באנק און איהם דארט אנשפארען כדי מען זאל קענען אויף איהם זיצען (יד*). ווען ער איז שוין געזעסען בעפאר שבת אויף דעם באנק וואס דער פוס האט זיך ארויסגענומען (טו*) אבער די פוס פון די באנק איז צו־בראכען אדער די פוס איז פארלוירען געווארען איז מותר דעם באנק צו צוטראגען צו אן אנדע באנק דארט עס אנצושפארען (טז*).

יט. (יט) עס איז אסור אז אן אשה זאל זיך פלעכטען די האר פון קאפ (יז*). עס איז אסור די אשה זאל זיך אויפפלעכטען די האר (יח*). עס איז אסור אז זי זאל זיך דאס שייטעל פלעכטען (יט*).

כ. (כ) עס איז אסור אויסצוציהען און גלייך צו מאכען די גלידער פון א קינד (כ*) נאר דעם טאג וואס דאס קינד ווערט געבוירען איז מותר דעם קינד׳ס גלידער אויסצוציהען און אויסצוגלייכען (כא). א קינד וואס מען וויקעלט עס אין דער וואכען איז מותר צו וויקלען אום שבת כדי די גלידער זאלען גלייך ווערען אויב זיי זיינען אויסגעלענקט, אבער אזא קינד וואס מען וויקעלט עס ניט אין דער וואכען איז אסור צו וויקלען עס אום שבת כדי די גלידער זאלען גלייך ווערען.

כא. (כא) אויב א מעסער שטעקט אין א הילצערנע וואנט פון בעפאר

---

## מקור חיים

(טו) כלכלת שבת. (טז) שם. (יז) שי״ג סק״ח. (יח) רמ״א ש״ח סט״ז. (יט) ש״ע ש״ג סכ״ו משנ״ב שם. (כ) ס״י ש״ל ס״ט ומשנ״ב וש״ע הגרז״ש. (כא) סי׳ שי״ד סי״ב.

## שמים מטל

(יא*) משום בונה ומשום ממרח שמרח הטיט על החלונות. (יב*) גזירה משום בונה. (יג*) גזירה שמא יתקע ביתד כדי לחזקו. (יד*) גזירה שמא יחזיר לה הרגל ויתקענה שם בחזקה ויתחייב משום בונה. (טו*) דכיון שישב עלי׳ כך פ״ע בלי רגל שוב לא יתקע. (טז*) דלא שייך שמא יתקע אלא צריך לעשות רגל אחר ולזה לא חיישינן ע״כ מותר בטלטול. (יז*) דדומה לבנין. (יח*) משום סתירה. (יט*) משום אורג. (כ*) משום דמיחזי כבונה. (כא*) זה דעת מג״א והגרז״ש אבל הרבה פוסקים חולקים וסוברים דאין חילוק בזה אפי׳ לאחר חודש וב׳ חדשים מותר.

שבת איז אסור אום שבת דעם מעסער ארויס צו ציהען פון דער וואנט (כב*). אויב ער האָט דעם מעסער בעפאָר שבת געהאט ארויסגענומען פון דער וואנט און צוריק ארייגעשטעקט אין דער וואנט איז מותר אז ער זאָל דעם מעסער ארויסנעהמען אום שבת און צוריק אריינזעצען (כג*). אויב דער מעסער שטעקט אין א באנק איז מותר דעם מעסער אום שבת ארויס צו ציהען פון באנק וועו אפילו ער האָט נאָך ניט קיינמאָל דעם מעסער פון בעפאָר שבת פון דעם באנק ארויסגענומען (כד*).

כב. (כב) עס איז אסור צו מאַכען א דאך א טפח אויף א טפח אין דער הויך אויך א טפח עס זאָל בעשיצען פון דער זון אָדער פון רעגען, ווען אפילו ער מאכט עס ניט דויערהאפטיג און אפילו ער מאכט ניט קיין ווענט אונטער דעם דאך נאָר ער פארשפרייט דעם דאך אויף 4 דרענגלאך (כה*).

כג. (כג) עס איז אסור צו פארשפרייטען א ליילאך אויף די רייפען פון א קינדער וויגעל כדי צו בעשיצען דאָס קינד פון פליגען אָדער פון דער זון אָדער פון רעגען. ווען דאָס ליילאך איז שוין פארשפרייט פון בעפאָר שבת אויף די רייפען פון דאָס וויגעל א טפח איז מותר דעם ליילאך אויף צו וויקלען און מעהר צו פארשפרייטען (כו*). ווען איין רייף איז ברייט א טפח איז אויך מותר דעם ליילאך אויף צו שפרייטען אום שבת אויף דעם וויגעל פון קינד דאָס קינד צו בעשיצען.

כד. (כד) עס איז מותר צו מאַכען לייווענטענע ווענט אויב ער מאכט זיי ניט אויף קיין לאנגע צייט (כז*), ווען אפילו ער מאכט די ווענט צו בעשיצען פון קעלט אָדער צו בעשיצען פון דער זון אָדער די ליכט זאָלען ניט פארלאָשען ווערען אָדער צו מאַכען אן אָפטיילונג צווישען מענער און פרויען זיי זאָלען ניט צוזאמען זיצען (כח*).

---

## מקור חיים

(כב) ש"ע הגרז"ש סי' שט"ו ס"א וקצש"ע ס"פ סע"ז. (כג) משנ"ב שט"ו סקי"ב רמ"א שט"ו ס"א ש"ע שט"ו ס"ב ומשנ"ב. (כד) ש"ע שט"ו ס"א וש"ע הגרז"ש.

## שמים מטל

(כב) כיון שהי' מתחילה תקוע קצת בהוזק א"א שלא יתרחב הסדק שם ועשיות נקב כ"ש בכותל מחובר יש בו משום קודח דהיא תולדה דבונה. (כג*) דכבר הורחב מקום מושבו. (כד*) כיון שהוא בדבר תלוש. (כה*) כיון שעשוי כדי לאהל והגן הר"ז אהל גמור ואסרו חכמים אעפ"י שהיא עראי גזירה משום אהל קבע. (כו*) דאינו אלא מוסיף על אהל עראי דדוקא לעשות אהל עראי מתחילה אסור אבל להוסיף על אהל עראי מותר. (כז*) כשאינו עשוי לח' וט' ימים כן מבואר בכלכלת שבת. (כח*) מותר לכתחילה לעשות מחיצות עראי דעיקר אהל הוא הגג שמאהל עליו ולכן גזרו אהל עראי משום אהל קבע משא"כ מחיצת עראי להוד לא נחשב כאהל כלל.

מלאכת בונה, בויען אום שבת

כה. (כה) עס איז אסור צו מאכען לייוועגטענע ווענט כשר צו מאכען די סוכה כדי זי זאל האבען 3 ווענט. עס איז אסור צו מאכען א לייוועגטענע וואנט כשר צו מאכען דאס טראגען, מען זאל מעגען טראגען דא וואו מען טאר ניט טראגען (כט*).

כו. (כו) עס איז אסור אויף צו שפרייטען ביי דער בעט די שפאנישע וואנט כדי דאס בעט זאל זיין אפגעטיילט פון די ספרים וועלכע זיינען אין שטוב (ל*).

כז. (כז) אויב די ווענט זיינען פון בעפאר שבת שוין אויפגעשפרייט א טפח איז מותר די וואנט מעהר אויף צו שפרייטען אום שבת און דער טפח מוז זיין חוץ די ברייט פון דעם צוגעוויקעלטען און דאס מוז ווערען פון בעפאר שבת אויפגעשפרייט א טפח.

כח. (כח) עס איז מותר אויפצוהיינגען א פארהאנג ביי דער טיהר עס זאל דינען אזוי ווי א טיהר אפילו ווען ער וויל אז דאס זאל שטענדיג הייגגען ביי דער טיהר (לא*), אבער ער זאל פארזיכטיג זיין ביי דעם אויפ־הייגגען ער זאל אין דער הויך ניט פארקנייטשען א טפח ברייט. עס איז מותר אויפצוהייגגען דעם פרוכת פיר דעם ארון הקודש אפילו ווען דער ארון הקודש האט ניט קיין טיהרעל און דער פרוכת וועט נוצען פיר די 4־טע וואנט איז אויך מותר. עס איז מותר אויפצוהייגגען אום שבת אויף דער וואנט ליילאכער מיט געשטיקטע צורות און אנדערע שעהנע געשטיקטע זאכען אפילו ווען דער ליילאך ווערט פעסט געזעצט אין דער וואנט איז אויך מותר (לב*).

כט. (כט) אזא שטוהל וואס מען ציהט אויס דאס לעדער ווען מען וויל אויף איהם זיצען און מען קען עס איינלייגען און אוועקשטעלען איז מותר דעם שטוהל צו עפענען און צוזאמען צולייגען אום שבת (לג*), אויך

---

## מקור חיים

(כה) ש"ע שם. (כו) רמ"א שם וקצש"ע סי' פ' סע"ו. (כז) ש"ע שם ס"ב. (כח) ש"ע הגרז"ש ס"ז ורמ"א ס"א. (כט) ש"ע שם ס"ה משנ"ב בביאור הלכה שט"ו ד"ה לכתחילה משנ"ב ש' סקכ"ז ושער הציון משנ"ב שם.

## שמים מטל

(כט*) דכיון דחשבינן לה מחיצה לענין היתר הטלטול חשיב כבנין ובכל מקום שהוא מתרת השיבי כבנין. (ל*) כיון דעשוי להתיר תשמיש דאסור לשמש בפני ספרים מיקרי מחיצה מתרת. (לא*) כיון שהוא נע ונד ברוח מצויה וגם אינו מעכב להולכים ועוברים ושבים אינה נקרא מחיצת קבע אלא עראי אבל לחברו למעלה ולמטה ומן הצדדים בענין שאינו נזוז ממקומו אסור משום בנין דסתימת קבע הוא. (לב*) כיון שאינה עשוי' כלל למחיצה רק לנוי. (לג*) דהיא עביד וקאי מבעו"י אלא שמפשטו ומיישבו כדי לישב עליו.

די אייזערנע בעטלאך וואָס זיי זיינען אויך אזוי געמאַכט צו עפענען און צו צולייגען איז מותר זיי צו עפענען און צוזאַמען צו לייגען אום שבת, אויב אַ חופה איז געווען צוגעבונדען צו די שטאַנגען פון ערב שבת איז מותר אום שבת די חופה צו עפענען און צו פאַרמאַכען. עס איז מותר אויפצומאַכען די ברעטלאך וואָס זיי זיינען אַנגעקלאַפּט אָן די ווענט פון שוהל ארויפצולייגען ספרים.

ל. (ל) עס איז מותר צו לייגען אַ ספר אין דער רעכטער זייט און דעם צווייטען ספר אין דער לינקער זייט און אַ ספר אויף דער הויך פון ביידע ספרים אפילו עס וועט ווערען אָן אהל טפח (לד*), דאָס איז נאָר אויב ער וויל לערנען אין אַלע 3 ספרים, אָבער ווען ער וויל נאָר לערנען אין איין ספר איז אפילו אין דער וואָכען אסור צו מאַכען העכער דורך אונטער־לייגען ספרים (לה*).

לא. (לא) ווען מען מאַכט סעודות אום שבת דאַרף מען זיין פּאָרזיכטיג ווען מען לייגט ברעטער אויף פעסער עס זאָל נוצען פיר טישען מען זאָל די אָפענע זייט פון די פעסלאך לייגען צו דער ערד און אויף דעם דעק פון פאַס זאָל ער לייגען די ברעטער. עס איז מותר צו פאַרדעקען דעם שלאָפ־באַנק ווען אפילו די דעק איז ניט באַהעפט מיט קייטלאך צום שלאָפבאַנק, ווען דאָס טישקעסטעל האָט זיך אפילו אין גאַנצען ארויסגערוקט פון טיש איז מותר דאָס צוריק אריין צו רוקען ווען אפילו עס איז אָן אהל טפח.

לב. (לב) אפילו אין די ערטער וואָס מען מעג שבת טראָגען איז אסור צו טראָגען אַ שירעם כדי זיך צו בעשיצען פון רעגען אָדער פון דער זון (לו*), אפילו דער שירעם איז געעפענט פון ערב שבת איז אויך אסור דעם שירעם צו טראָגען אום שבת (לז*). עס איז מותר צו זאָגען אַ גוי ער זאָל דעם שירעם טראָגען איהם צו בעשיצען פון רעגען.

לג. (לג) אזעלכע סוכות וואָס זיי האָבען דעכער און די דעכער זיינען דורך קייטלאך באַהעפט צו דער סוכה איז מותר די דעכער צו פאַרמאַכען אום שבת און יום טוב כדי עס זאָל ניט אריין רעגענען אין דער סוכה און נאָכהער איז מותר די דעכער צו עפענען (לח*).

---

### מקור חיים

(ל) ש"ע שט"ו ס"ז ומשנה ברורה. (לא) משנ"ב שם סקמ"ח שם ובכלכלת שבת מלאכת סותר. (לב) שע"ת סי' ש"א. (לג) סי' תרכ"ו ס"ג ברמ"א.

### שמים מטל

(לד*) הואיל שאינה צריך לאויר שתחתיהם. (לה*) משום בזיון הספרים התחתונים. (לו*) אם לא הי' ערוך מאתמול ונפתחה בשבת עושה מחיצות בשבת. (לז*) משום מ"ע ובפרט בדור הזה דנפישי שאינו בני תורה כשרואים נושא בשבת לא ידעי להבחין בין ערוך מאתמול או לא וביום השבת יערכנו ויבוא לידי חשש איסור סקילה ובתפא"י מצדד לחקל. (לח*) דצירים הם כפתח ול"ה כבונה וסותר.

מלאכת בונה, בויען אום שבת

לד. (לד) עס איז אסור אראָפּצונעהמען פון די סוכה די העלצער וואָס ליגען אויף דעם סכך (לט*), אויב ער האָט מורא אז דער ווינט זאָל ניט אראָפּוואַרפען דעם סכך פון דער סוכה אום שבת אָדער אום יום טוב זאָל ער זאָגען א גוי ער זאָל ארויפלייגען א דריינגעל אויף דעם סכך און ער אליין זאָל עס ניט טהון (מ*).

לה. (לה) עס איז מותר ארויסצונעהמען פון די קייטלאך די טיהרלאך פון כלים (מא*), אָבער עס איז אסור די טיהרלאך צוריק אריין צו מאַכען אין די קייטלאך (מב*). די כלים וועלכע זיינען ברייט איין אייל אויף איין אייל און הויך 3 איילען (מג*), אָדער שטייגען פון הינער אויב זיי זיינען באהעפט צו דער ערד איז אסור די טיהרלאך אפילו ארויס צו נעהמען (מד*).

לו. (לו) אזא לייכטער וואָס איז געמאַכט פון שטיקער ווען אפילו מען האָט נאָך גאָרניט געברענט אין איהם איז אסור דעם לייכטער מטלטל צו זיין (מה*), אפילו ווען דער לייכטער איז ניט פון שטיקער נאָר ער האָט אזעלכע קארבען וואָס מען מיינט אז עס איז פון שטיקער איז אויך אסור איהם מטלטל צו זיין (מו*).

לז. (לז) אויב עס איז דאָ א לאָך אין דער וואַנט אָדער עס פעהלט א שויב איז מותר דאָס לאָך צו פערמאַכען מיט א בגד. עס איז אסור דאָס לאָך צו פערמאַכען מיט אזעלכעס וואָס די געוואוינהייט איז דאָרט צו לאָזען ליגען פאַר שטענדיג (מז*).

לח. (לח) ווען ער האָט געמאַכט ראַצען אין דער ערד פון שטוב אָדער בערגלאך גלייך געמאַכט אָדער גריבלאך פארשאָטען איז ער חייב בכ"ש דאָס מיינט פיר דעם קלענסטען שיעור וואָס נאָר מעגליך.

---

## מקור היים

(לד) תקי"ח ס"ק י"ב במג"א. (לה) סי' ש"ח ס"ט שו"ד ברמ"א ומשנה ברורה וש"ח ס"ט. (לו) ס"י רע"ט ס"ז ומשנה ברורה שם. (לז) שו"ג ומשנ"ב סק"ב. (לח) רמב"ם פ"י משבת הי"ב.

## שמים מטל

(לט*) דהוי כסותר. (מ*) דהוי כבונה, לפ"ד המג"א בס' תקי"ח דאסור ליטול עצים המונחים על הסכך דהוי כסותר וא"כ ממילא מה"ט אסור להניחם שם ג"כ משום דהוי כבונה זה נלפיע"ד. (מא*) דאין בנין וסתירה בכלים. (מב*) שמא יתקע ביתד או במסמר בחזקה ויתחייב משום מכב"פ או משום בונה. (מג*) מחזקת שיעור מקוה. (מד*) כיון דמחובר לקרקע יש בהם בנין וסתירה. (מה*) דחיישינן שמא תפול ותתפרק ויחזרנה בחוזק ונמצא עושה כלי ויתחייב משום בונה. (מו*) משום דמיחלף בשל פרקים. (מז*) דהוי כמוסיף על הבנין.

מלאכת בונה, בויען אום שבת

לט. (לט) ווען ער ראמט ארויס די מיסט פון גאס אָדער פון הויף איז ער חייב. עס איז אסור צו זאָגען א גוי ער זאָל די מיסט פון גאס אָפּ־רייניגען.

מ. (מ) אזעלכע שווערע בייגק, טישען אָדער שטוהלען, בעטען, וואָס איז ניט מעגליך צו פערמיידען דאָס ראצען מיט דעם וואָס מען וועט זיי רוקען, איז אסור זיי צו רוקען אויף דער ערד פון שטוב ווען אפילו די ערד איז געפלאַסטערט מיט שטיינער אָדער מיט ברעטער (מח*).

מא. (מא) אזעלכע בייגק אָדער טישען, שטוהלען, בעטען, וואָס זיי זיינען ניט אזוי שווער און מען קען אויסמיידען דאָס ראצען איז מותר צו רוקען אויף דער ערד ווען אפילו דאָס ערד איז ניט געפלאַסטערט מיט שטיינער אָדער ברעטער, און ווען אפילו ער מאַכט ראצען מיט זיין רוקען איז אויך מותר זיי צו רוקען (מט*), אָבער ער זאָל ניט מכוון זיין צו מאַכען ראצען.

מב. (מב) עס איז מותר אויס צו שפריצען די שטוב מיט וואסער עס זאָל ניט זיין קיין שטויב ווען אפילו די ערד איז ניט געפלאַסטערט (נ*).

מג. (מג) עס איז אסור אויס צו קעהרען די שטוב מיט א בעזים ווען אפילו די ערד איז מיט שטיינער אָדער מיט ברעטער געפלאַסטערט (נא*). עס איז מותר אויס צו קעהרען די שטוב מיט א טוך אָדער א פלעדער וויש ווען אפילו די ערד איז ניט געפלאַסטערט, אָבער ער זאָל גאַנץ לייכט קעהרען מיט די זאַכען, אָבער ניט פעסט צו קעהרען אום דאָס גאַנצע מיסט אָפּ־רייניגען.

מד. (מד) אויב די ערד איז געפלאַסטערט מיט האָלץ אָדער מיט שטיין איז מותר צו קעהרען מיט א בארשט. עס איז מותר צו זאָגען א גוי ער זאָל אויסקעהרען און ער מעג קעהרען מיט וואָס ער וויל ווען די ערד איז אפילו ניט געפלאַסטערט (נב*).

מה. (מה) עס איז אסור אום שבת צו רייניגען א מלבוש מיט א

---

מקור חיים

(לט) מג"א סי' רמ"ד סק"ת. (מ) של"ו מג"ב ובמג"א. (מא) ש"ע של"ז ס"א ומנ"ב. (מב) שם ומשנה ברורה. (מג) ש"ע שם ברמ"א שם ומנ"ב. (מד) משנ"ב סקי"ב וכלבלת שבת. (מה) רמ"א שם משנ"ב שם סק"ג.

שמים מטל

(מח*) דפס"ר דבודאי יעשה חריץ וגזרינן מרוצף אטו שאינו מרוצף. (מט*) דדבר שאינו מתכוין ובלא פסיק רישי' מותר לכתחילה. (נ*) דאע"ג דבהרבצה כ"פ מתמלא הגומות בעפר ובאבק אפ"ה מותר כיון דאין מתכוין וגם לאו פס"ר. (נא*) דבאינו מרוצף איכא פס"ר דמזיז עפר ממקומו וגם משוה הגומות בכיבודו שמתמלא הגומות שבבית מעפר וגזרינן מרוצף אטו אינו מרוצף. (נב*) אף דהוי פס"ר לענין הגומות באמירה לעכו"ם לא קפדינן כולי האי.

מלאכת בונה, בויען אום שבת

בארשט וואס איז געמאכט פון שפענער (נג*). עס איז אסור אפצוקעהרען די קרישקעס פון טישטוך מיט א בארשט וואס איז געמאכט פון שפענער. עס איז אסור צו שמירען די פאדלאגע פון מרחץ מיט אויל און זיך צו קאלירען אויף דעם אויל אפילו ווען עס איז געפלאסטערט (נד*). עס איז אסור אפצושווענקען די פאדלאגע אום שבת אפילו ווען די פאדלאגע איז געפלאסטערט (נה*). אויב ער נוצט א שמאטע ביים וואשען איז דא א חיוב ליבון.

מו. (מו) עס איז אסור צו מאכען א שווערע פאס עס זאל גוט שטהן אויף דער ערד ווען אפילו די ערד איז געפלאסטערט (נו*). עס איז אסור אויסצובויגען א פאס און אויסצוגיסען די משקה, נאר ער זאל די פאס פון דער ערד אויפהויבטן און פון דער הויך גיסען (נז*).

מז. (מו) עס איז אסור צו מאכען א שווערע פאס עס זאל גוט שטעהן תבואה ווען אפילו ער ברויכט דאס אויסצוריינינגען פיר א דבר מצוה, דהיינו ער ברויכט דארט אורחים צו זעצען (נח*).

מח. (מח) ווען ער האט ליים אויף די פיס אדער אויף די שיך זאל ער עס אפריינינגען אין א באלקען אדער הילצערנע וואנט אדער ביי א שטיין, ווען ער האט ניט די זאכען וואס איז דא אויסגערעכענט זאל ער זיך אפ־ווישען אן א שטיינערנעם מויער, אבער ער זאל זיך ניט אפווישען אן דער ערד (נט*). ווען ער האט ניט קיין שטיינערנעם מויער מעג ער זיך אפ־ווישען אן דער ערד, אבער ער זאל זיין פארזיכטיג אז אויף דעם ארט וואס ער ווישט זיך זאל ניט זיין קיין גרוב.

מט. (מט) עס איז אסור אויסצורייבען מיט די פיס דאס שפייעכץ וואס איז אויף דער ערד ווען אפילו די ערד איז געפלאסטערט מיט שטיינער אדער מיט האלץ איז אויך אסור (ס*). עס איז מותר ארויף צו שטעלען דעם פוס אויף דעם שפייעכץ.

נ. (נ) ווען דער חצר איז קאליע געווארען דורך דעם רעגען איז אסור צו פארשפרייטען מיט זאמד אדער מיט ליים אדער שפענער. עס איז מותר

---

מקור חיים

(מו) שם ס"ה. (מז) ש"ע של"ג סק"א. (מח) ש"ב סק"י. (מט) שט"ז סקי"א. (נ) שי"ג סק"י.

שמים מטל

(נג*) שלא ישתברו קיסמיהם והוי כסותר כלי ואף שמקלקל פטור מ"מ אסור לכתחילה. (נד*) דחיישינן שמא יראה גומות וישכח ויבא להשוותם. (נה*) דגזרינן אטו אינו מרוצף. (נו*) דע"י הצידד נעשה הקרקע חלקה בלי גומות. (נז*) דאל"כ יחפור מן הארין בודאי. (נח*) שמא יבא להשוות גומות. (נט*) דלמא אתי להשוות גומות. (ס*) משום משווה גומות.

צו פארשפרייטען מיט שטרוי, נאר דאס פארשפרייטונג זאל זיין מיט אן ענדערונג, דהיינו ער זאל אריינברייננגען די שטרוי אויף דער אנדער זייט פון קאפ און אזוי שיטען (סא*).

נא. (נא) עס איז אסור צו רייניגען די קארעטע פון שטויב אפילו ווען די קארעטע איז ניט פון די ערד נאר זי איז א כלי (סב*).

נב. (נב) עס איז אסור אום שבת צו שפילען מיט נים אדער עפעל אויף דער ערד אפילו ווען די פאדלאגע איז געפלאסטערט (סג*).

נג. (נג) ווען א מעסער אדער אנדער זאך שטעקט אין דער ערד איז אסור די זאך פון דער ערד ארויס צו ציהען (סד*).

נד. (נד) עס איז גלייך צו זיין פארזיכטיג ניט ארויס צו ציהען א קארעק פון א פלעשעל מיט א קארקען־ציהער אויב עס איז מעגליך ארויס צו ציהען מיט א מעסער אדער א גאפעל (סה*).

נה. (נה) ווען עס ליגט גרינוואַרג אין דער ערד פון שטוב ווען אפילו די בלעטער שטעקען פון דער ערד ארויס איז אסור דאס גרינוואַרג ארויס־צונעהמען פון דער ערד (סו*).

נו. (נו) דער איסור בונה איז שייך אום יום טוב.

# מלאכת סותר, איינוואַרפען, צוליגען אום שבת.

א. (א) ווען ער צוליגט עטוואס פון בנין אום שבת און ער מיינט מיט דעם צולייגען דעם בנין צו פארבעסערען אפילו נאך שבת איז ער חייב (א*).

ב. (ב) עס איז אסור צו צולייגען דעם בנין אפילו ניט צו פארבעסערען נאר בלויז פיר פערניכטונג.

ג. (ג) די אלע זאכען וואס מיר האבען געשריבען אין מלאכת בונה

---

מקור חיים

(נא) שכ"ד ס"ק ט"ו. (נב) של"ח ס"ה. (נג) שבת קי"ג ע"א גבי עמודים של אורג. (נד) כלכלת שבת. (נה) שו"א משנ"ב סקכ"ח. (נו) ש"ע תצ"ה.
(א) רמב"ם פ"י משבת הט"ו וכלכלת שבת. (ב) רמב"ם שם. (ג) כלכלת שבת.

שמים מטל

(סא*) לא יזרה דבר שמבטלו שם מפני שנראה כאלו מתכוין להשוות גומות (סב*) גזירה אטו של קרקע דאתי להשוה גומות. (סג*) משום משוה גומות וגזרינן אטו קרקע שאינו מרוצף. (סד*) דלמא אתי להשוות גומות. (סה*) מדעושה מעשה מקדח נראה כעובדין דחול אבל במזלג שרי מדאינה עשוי להכנים ולהוציא כלל. (סו*) שמא יבא להשוות גומות שנעשה עי"ז.

(א*) אב מלאכה.

מלאכת סותר, איינוואַרפען, צולייגען אום שבת

אַז ווען ער טהוט דאָס איז ער חייב אָדער אסור משום בונה, אויב ער האָט עס צולייגט איז ער חייב אָדער אסור משום סותר.

ד. (ד) ווען עס איז געווען בעפעסטיגט האָלץ מיט האָלץ און ער צונעהמט דאָס מיט דער מיינונג צו פארבעסערען איז ער חייב (ב*).

ה. (ה) ווען ער צונעהמט אַן אהל אָדער ער נעהמט ארויס אַ נאָגעל פון דער וואַנט אָדער ער נעהמט ארויס פון די קייטלאַך טיהרען אָדער פענסטער מיט דעם צוועק צו פארבעסערען איז ער חייב.

ו. (ו) ווען ער צוהאַקט אַ גאַנצע כלי איז ער חייב (ג*).

ז. (ז) ווען עו האָט פערלאָרען די שליסעל פון דער טיהר איז אַ חיוב אויב ער האָט ארויסגענומען די קייטלאַך אָדער אראָפּגענומען דעם שלאָס (ד*). עס איז אסור צו זאָגען אַ גוי ער זאָל די קייטלאַך אָדער דעם שלאָס אראָפּנעהמען.

ח. (ח) אויב ער האָט פארלאָרען דעם שליסעל איז אסור אַ איד זאָל עפענען די טיהר מיט אזא אייזען וואָס הייסט דיטריך (ה*). עס איז מותר צו זאָגען אַ גוי ער זאָל מיט אַ דיטריך די טיהר עפענען.

ט. (ט) דורך אַ נאָדעל אָדער דורך אַ מעסער איז מותר אפילו אַ איד זאָל עפענען די טיהר.

י. (י) אויב עס ליגט וועש אין די פרעס פון אַ מאַנגעל פון אַ בעל הבית וואָס האָט אין הויז אַ מאַנגעל איז מותר צו עפענען דעם מאַנגעל און ארויסנעהמען די וועש לצורך שבת, אָבער פון אַ מאַנגעל וואָס איז זיין געשעפט וואָס זיין פרנסה איז דערפון איז אסור ארויס צו נעהמען די וועש און עפענען דעם מאַנגעל אום שבת (ו*).

יא. (יא) ווען דער מאַנגעל איז אין גאַנצען אָפען פון ערב שבת איז מותר די וועש ארויס צו נעהמען.

יב. (יב) דער איסור סותר איז שייך אום יום טוב.

---

מקור חיים

(ד) רמב"ם פ"י הט"ו. (ה) בלכלת שבת. (ו) הגרז"ש סי' שו"ג סי"ם. (ז) כלכלת שבת. (ח) שם. (ט) שם בשם המג"א. (י) ש"ע ש"ב סק"ד. (יא) משנה ברורה. (יב) ש"ע א"ח תצ"ה.

שמים מטל

(ב*) תולדת. (ג*) שהרי זו סתירת בנין גמור וחייב משום סותר. (ד*) משום סותר. (ה*) מדהוי לי' עובדין דחול. (ו*) מפני שהוא תחוב בחזקה והתרתה דומה לסתירה.

# מלאכת מכבה, פארלעשען פייער אום שבת.

א. (א) אויב ער פארלעשט ברענעדיגע העלצער אפילו א כל שהוא מיט דער מיינונג דאס דער פארברענטער האלץ זאל נוצען פיר גאלדשמידען אדער פיר אנדערע צוועקען איז ער חייב (א*).

ב. (ב) עס איז אסור צו פארלעשען אפילו ווען ער מיינט ניט צו נוצען דאס פארלאשענע האלץ (ב*).

ג. (ג) עס איז אסור צו פארלעשען דעם פייער פיר מורא דאס גזלנים זאלען ניט קומען זיין געלד אוועק צו נעהמען.

---

## מקור חיים

(א) רמב"ם פי"ב ה"ב ובכלכלת שבת. (ב) שם. (ג) הגרז"ש סי' רע"ח ס"א.

## שמים מטל

(א*) אב מלאכה.

הערה. עיי' בתוי"ט על המתני' דחשיב המכבה והמבעיר דהקשו בתוס' דהרי הבערה קודם לכיבוי ומדוע נקטו הבערה מקודם ובתוס' תירצו דהתנא לא חש לדקדק בזה כו' ובתוי"ט תירץ דאיכא מ"ד דעל הבערה ליבא רק לאו בעלמא אבל כיבוי לכ"ע חייב מש"ה נקטו ברישא. ולפיע"ד עפי"ד הגרע"א שב' לפרש לשון המתני' פרק ב' מ"ו על שלש עבירות כו' דחשיב והדלקת הנר מדוע לא תנא ובנר כמו דקתני בחלה, ופירש הג' דמתני' רמז לדברי הת"ז דעל האיש מוטל לתקן הנר ועל האשה המצוה להדליקה, לכן נקט ובהדלקת הנר דרק הדלקה לבד זה היא מצותה ולא התיקון הנרות. וכפי הג' מליסא בסידור שלו שפירוש דהתיקון הנר שמוטל על האיש הוא שצריך להדליק הנרות ואח"כ יכבם כדי שיהי' נוח אח"כ להדליק ולפ"ז נ"ל דזה רמז התנא במתני'. ואם האשה תאחר הדלקה והבערה יהי' באיחור ממילא גם הכיבוי מקודם הי' באיחור כיון שאפשר שזה סמוך לזה וכפי שביאר הגאון הרש"ז בש"ע דהכיבוי כדי נוח אח"כ להדליק זהו היא עיקר הכיבוי הצריכה לגופו בגוף הדבר ממש ושפיר יש חיוב חטאת בזה והבן.

עי"ל דקדק הנ"ל מדוע נקט מכבה ומבעיר אשר לכאורה היא הבערה מקודם. ונ"ל עפי"ד התוס' בשבת צ"ד ע"א ד"ה ר' שמעון דמכבה היא כדי לעשות פחמים ומבעיר יוכל להיות כשי' רש"י תחת הדוד של סממנים ויוכל להיות לצורך צורפי זהב, להכי שינה התנא הסדר ולא נקט מבעיר ומכבה דהו"א דבאותו כוונה דשייך הבערה דהיינו בשל דוד של סממנים היא ג"כ אצל מכבה שלא יקדחו הסמנים בבישולם כשי' רש"י דף ע"ג במתניתין, ובאמת לשי' התוס' מכבה היא לעשות פחמים ולהכי שפיר נקט מכבה ומבעיר שלא כסדרן כדי להשמעינן דמכבה היא דוקא לעשות פחמים ומבעיר יוכל להיות בכל גוונא, דהיינו לצורך בישול סממנים ויוכל להיות לצורך צורפי זהב, והבן.

(ב*) שאין חיוב מה"ת אלא במלאכה הצריכה לגופה.

מלאכת מכבה, פארלעשען פייער אום שבת

ד. (ד) עס איז אסור צו פארלעשען דעם פייער כדי א חולה וואס איז ניט געפעהרליך זאל קענען שלאפען.

ה. (ה) עס איז מותר צו פארלעשען פייער כדי א חולה וואס איז געפעהרליך זאל קענען שלאפען (ג*). עס איז מותר צו פארלעשען דעם פייער כדי גזלנים זאלען איהם ניט קומען הרג'נען.

ו. (ו) אויב עס ליגען ברענעדיגע קויהלען אויף דעם ארט וואו מענשען געהען און זיי טהוען מענשען שאדען קערפערליך און קען די קויהלען ניט אוועקנעהמען פון דעם ארט און זיי לייגען אויף אן אנדער ארט איז מותר ער זאל די קויהלען פארלעשען סיי די קויהלען זיינען פון מתכות אדער פון האלץ (ד*). ווען די ברענעדיגע קויהלען מאכען בלויז שאדען אין געלט אבער ניט קערפערליך איז אסור די קויהלען צו פארלעשען.

ז. (ז) אויב עס איז חלילה א שריפה אום שבת אין די היינטיגע צייטען אז מען וואוינט צוזאמען מיט גוים איז מותר אז א איד זאל דעם פייער פארלעשען ווען אפילו עס ברענט אין א גוי'ס שטוב (ה*). אויב עס איז מעגליך אז מען זאל דעם גוי העלפען מיט וואס אנדערש צום צוועק צו פארלעשען דעם פייער זאל ער בעסער מיט אנדערע זאכען העלפען און ניט פארלעשען דעם פייער.

ח. (ח) עס איז מותר צו שטעלען ערדענע כלים פול מיט וואסער כדי זיי זאלען פלאצען ווען דער פייער וועט צו זיי צוקומען און דאס וואסער וועט דעם פייער פארלעשען (ו*).

ט. (ט) אויב א מלבוש וואס איז צונויפגעלייגט ברענט מעג ער דאס אויפשפרייטען און אנטהון, עס שאדט ניט וואס עס וועט ווערען דורך זיין אנטהון פערלאשען, אבער ער זאל זיך ניט שאקלען צו מאכען א ווינט, אויך זאל דאס קלייד זיך ניט שאקלען, ער זאל ניט לויפען הין און צוריק (ז*).

---

מקור היים

(ד) שם שם. (ה) שם שם. (ו) סי׳ של״ד סכ״ז ומשנ״ב. (ז) רמ״א סי׳ של״ד סכ״ו, בלכלת שבת. (ח) של״ד סכ״ב. (ט) שם סכ״ג ומשנה ברורה.

שמים מטל

(ג*) שפקוח נפש דוחה שבת אפי׳ בחשש ספק סכנה. (ד*) דמלאכה שאינה צריכה לגופה היא ואסורא רק מדרבנן ובמקום דזיקו דרבים לא גזרו. (ה*) מדהו״ל מלאכה שאינה צריכה לגופה ואיכא ספק סכנה כשיתי׳ להבא שריפה בבית ישראל לא כיבהו. (ו*) גורם כיבוי מותר במקום פסידא. (ז*) דכ״ז הוא עושה מעשה כיבוי ממש.

מלאכת מכבה, פארלעשען פייער אום שבת

י. (י) אויב א ספר תורה ברענט אדער אנדערע ספרים ברענען איז מותר ער זאל דאס לאנגזאם עפענען און לערנען דערינען, עס שאדט ניט אויב עס וועט ווערען דורך זיין עפענען פארלאשען. עס איז מותר צו זאגען א גוי ער זאל דעם פייער פון די ספרים פארלעשען (ח*).

יא. (יא) עס איז מותר צו גיסען אזעלכע משקה וואס מען קען מיט זיי ניט וואשען אויף א מלבוש אויף דעם ארט וואס דער פייער איז נאך ניט צוגעקומען. עס איז אסור צו גיסען אויף דעם מלבוש וואסער אדער אנדערע משקה וואס מען קען מיט זיי וואשען (ט*).

יב. (יב) אויב עס ברענט און א גוי וויל דעם פייער פארלעשען ברויכט מען איהם ניט צו שטערען (י*)., אבער עס איז אסור צו זאגען א גוי ער זאל אויסלעשען. עס איז מותר צו רופען א גוי צום ארט פון פייער ווען אפילו ער וועט פארשטעהן אז מען מיינט אז ער זאל עס אויסלעשען.

יג. (יג) עס איז אסור א קליין אינגעל צו לאזען אויסלעשען דעם פייער (יא*).

יד. (יד) א ליכט פון חלב אדער וואקס אדער סטארין ווען זיי ברענען ווען זיי זיינען געפאלען אויף דעם טיש, אויב עס איז ניטא קיין גוי אדער א קליין אינגעל איז מותר אז ער זאל דאס ליכט זעהר לאנגזאם פון טיש אפשאקלען, אויב דאס איז פון בוימעל איז אסור א איד זאל עס פון טיש אפשאקלען (יב*). עס איז מותר א גוי זאל עס אפשאקלען פון טיש אפילו ווען דאס ליכט איז פון בוימעל.

טו. (טו) עס איז מותר איבערצודעקען דאס ליכט מיט אן ערדענע כלי כדי דער באלקען זאל זיך ניט אנצינדען אדער עס זאל איהם ניט שאדען צו די אויגען, אבער ער מוז עטוואס לופט איבערלאזען צווישען דאס ליכט און די כלי (יג*).

טז. (טז) עס איז אסור צו עפענען דעם פענסטער געגען איבער דאס ליכט וואס שטעהט אויף דעם טיש (יד*).

---

## מקור חיים

(י) שם. (יא) שם סכ"ד. (יב) שם סכ"ה וכלכלת שבת. (יג) ש"ע שם סכ"ח. (יד) ש"ע רע"ז סק"ג ומשנ"ב ס"ק ט"ו וכלכלת שבת. (טו) רע"ד ומשנ"ב.

## שמים מטל

(ח*) דשבות אמירה לעכו"ם שרי מפני בזיון כתבי קודש. (ט*). דקיי"ל דשריית הבגד זהו כיבוסו. (י*) דנכרי אדעתא דנפשי קעביד. (יא*) כיון שכוונתו להנהות אותנו שלא יפסיד ואסור מפני דמצוה על שביבתו. (יב*) א"א שלא יקרבנה או ירחקנה אל הפתילה ונמצא מבעיר או מכבה. (יג*) דאל"כ יכבה הנר. (יד*) שמא יכבנה הרוח ובנר של גאז ועלעקטריק מותר לפתוח החלון כ"כ במצודת דוד בהגהות קיצור ש"ע ס"פ.

יז. (יז) אויב אַ פלאַקער פייער איז נאָהענט צו דער טיהר איז אסור די טיהר צו עפענען (טו*), אָבער עס איז מותר די טיהר צו פאַרמאַכען (טז*).

יח. (יח) ווען דאָס פייער ברענט אין אויווען איז אסור דעם אויווען צו פאַרמאַכען (יז*).

יט. (יט) ווען ער גיסט אָפּ אויל פון לעמפּעל אָדער ער בויגט אוועק דעם לעמפּעל צו דערווייטערען דעם אויל פון קנויט איז ער חייב (יח*).

כ. (כ) עס איז אסור אויסצולעשען גאַזליכט אָדער עלעקטרישע ליכט אום שבת. עס איז מותר צו בענטשען ליכט איבער זיי.

כא. (כא) עס איז מותר צו שטעלען ערב שבת דאָס ליכט אין זאַמד אָדער דאָס גלייכען אום צו מאַכען אויסגעהן דאָס ליכט ווען עס וועט קומען צו דעם אָרט פון זאַמד, אָבער מען זאָל ניט גיסען קיין וואַסער ערב שבת אין לייכטער אריין כדי דאָס ליכט זאָל אויסגעהן ווען עס וועט קומען צו דעם אָרט פון וואַסער. ווען זעהר נויטיג איז מותר צו גיסען וואַסער ערב שבת אין לייכטער. עס איז מותר אריין צו שטעלען אין די שפּאַרערס (צוועגנלאַך) דאָס ליכט כדי ווען עס וועט קומען צו דעם אָרט פון די שפּאַרערס וועט עס צוקלאַפּען און דאָס ליכט אויסלעשען. עס איז אסור אפילו פון ערב שבת צו שטעלען אַ כלי מיט וואַסער כדי די פונקען פון דאָס ליכט זאָלען אריינפאַלען אין דער כלי און זיי זאָלען פאַרלאָשען ווערען. עס איז מותר אפילו שבת צו שטעלען אַ טרוקענע כלי כדי די פונקען פון דאָס ליכט זאָלען אריינפאַלען אין דער כלי.

כב. (כב) דער איסור כיבוי איז שייך אום יום טוב.

# מלאכת מבעיר, פייער מאַכען אום שבת.

א. (א) ווען ער צינדט אָן עטוואָס פייער צו דער נוצען פיר לייכטען אָדער וואַרעמען איז ער חייב (א*).

---

## מקור חיים

(טז) רמ"א שם ס"א. (יז) שם ס"ב. (יח) מג"א סרנ"ט סקי"א. (יט) רמב"ם פי"ב ה"ב וספר כלכלת שבת. (כ) הגהות מצודת דוד על קצש"ע בשם שו"ת בית יצחק יו"ד. (כא) קיצור ש"ע ע"ה ומצודת דוד מסגה"ש. (כב) ש"ע או"ח תקי"ד. (א) רמב"ם פי"ב ה"א.

## שמים מטל

(טו*) דהרי המנשב גורם להבעיר המדורה יותר. (טז*) ואין בו משום מכבה שאין עושה כלום אלא עוצר הרוח ואם תכבה תכבה. (יז*) דע"י סתימתו הוא מכבה. (יח*) תולדת מכבה.

(א*) אב מלאכה.

מלאכת מבעיר, פייער מאכען אום שבת

ב. (ב) עס איז אסור צו מאכען פייער די זאך צו פערניכטען (ב*).

ג. (ג) עס איז אסור צו מאכען פייער זיך נוקם צו זיין אן זיין שונא (ג*).

ד. (ד) ווען ער גיסט צו אויל צו א ליכט אדער ער בויגט איין דעם לאמפ כדי דער אויל זאל צורינען צו דעם קנייטעל איז ער חייב (ד*).

ה. (ה) ווען עס איז דא אין דעם אויווען געברענטע קויהלען און ער עפענט א קליין שטיקעל פון אויווען כדי עס זאל ווערען א צוג איז ער חייב (ה*).

ו. (ו) מען דארף זיין פארזיכטיג ניט צו עפענען די דעקלאך פון דער קיך און ניט צו פארמאכען (ו*).

ז. (ז) עס איז אסור צו זאגען א גוי ער זאל אנצינדען א ליכט פיר א אידען. עס איז אסור צו נוצען ביי דער ליכט וואס דער גוי האט אנגע־צונדען פיר דעם אידען. עס איז אסור אפילו אנדערע אידען זאלען נוצען ביי דער ליכט וואס דער גוי האט אנגעצונדען פיר דעם אידען (ז*). מען ברויכט ניט לאזען א גוי אנצינדען די ליכט יום כפור פאר נעילה.

ח. (ח) עס איז אסור ביי א ליכט פון אויל אונטער צו זוכען זיינע מלבושים פון כינים אדער בודק צו זיין זיינע ציצית און אלעס וואס מען ברויכט האבען אז מען זאל דאס גוט בעטראכטען איז אסור צו טהון ביי א ליכט פון אויל (ז**) אפילו ווען דאס ליכט שטעהט הויך.

ט. (ט) עס איז אסור צו רעדען אויף דעם טעלעפאן אום שבת (ח*).

י (י) עס איז אסור אריינצוגעהן אין אזא שטוב וואס עס צינדט זיך אן די עלעקטריק בשעת ער עפענט די טיהר און עס לעשט זיך אויס ווען ער פארמאכט די טיהר. עס איז אסור אריינצוגעהן אין די שטובען וואו דער עלעקטרישער גלאק קלינגט ווען מען עפענט די טיהר (ט*).

---

## מקור חיים

(ב) רמב"ם שם. (ג) כלכלת שבת הגאון רז"ש סימן ש"ב סק"ה. (ד) רמב"ם פי"ב ה"ב וכלכלת שבת. (ה) מג"א סי' רנ"ט סקי"א. (ו) מ"ב סימן שט"ו סק"ב. (ז) ש"ע רע"ו ס"א שע"ת סי' תרכ"ג. (ח) סי' רע"ה ס"א ומנ"ב. (ט) הגהות מצודת דוד הגד"מ בהגהות קצש"ע ס"פ. (י) שם.

## שמים מטל

(ב*) דכל המקלקלין פטורין ואסורין מד"ס. (ג*) דמלאכה שאצל"ג פטור אבל אסור מד"ס. (ד*) משום מבעיר והיא תולדה. (ה*) משום מבעיר. (ו*) משום מכבה ומבעיר. (ז*) דכל מלאכה דאו' שעשה נכרי בשבת בשביל ישראל אסור לכל ישראל ליהנות מזה. (ז**) שמא יטה. (ח*) משום מבעיר כשמתחיל לדבר ומכבה לאחר שהניחו ופסק לדבר. (ט*) משום מכבה ומבעיר.

מלאכת מבעיר, פייער מאַכען אום שבת

יא. (יא) עס איז מותר ערב שבת אָנצוציהען דעם זייגער ער זאָל שבת אין דער פריה קלינגען און מיט זיין קלינגען זאָל ווערען א ליכט אָנגעצונדען.

יב. (יב) דאָס וואָס אייניגע מענשען זיינען זיך נוהג ווען דאָס ליכט טריפט צו צולייגען נאָהענט צו די ליכט א חלה אָדער א ספר, דארף מען וויסען אז עס איז אסור אזוי צו טהון אפילו אין דער וואָכען (י*).

## מכה בפטיש, קלאַפען מיט דעם האַמער צו פאַרפערטיגען די מלאכה אום שבת.

א. (א) ווען ער קלאַפּט מיט דעם האמער אפילו איין קלאַפּ אויף די כלי זי צו פארפערטיגען, אָדער אפילו די כלי איז שוין פארטיג נאָר ער קלאַפּט מיט דעם האמער אפילו איין קלאַפּ כדי די קנייטשען פון די כלי זאָלען ווערען אויסגעגלייכט, אָדער ער קלאַפּט מיט דעם האמער אפילו נאָר איין קלאַפּ אויף דעם ציגעל אין דעם מויער ער זאָל גלייך ליגען מיט דעם ציגעל וואָס ליגט דער נעבען איז ער חייב (א*).

ב. (ב) די אַלע זאכען וואָס ער טהוט און מיט זיין טהון ווערט די ארבייט פארטיג איז ער חייב (ב*).

ג. (ג) ווען ער בלאָזט אָן צו שמעלצען גלאָז און מאַכט מיט זיין בלאָזען א גלעזערנע כלי איז ער חייב. ווען ער צייכענט אויס ווען זאָגאָר א שטיקעל צורה אין א כלי ווי דער שטייגער איז מען זאָל איהר מיט צורות צייכענען איז ער חייב. ווען ער קראַצט אָפּ די צורה וואָס איז אויף דער כלי אפילו עטוואָס כדי עס זאָל גלאַטיג ווערען איז ער חייב.

ד. (ד) ווען ער מאַכט א לאָך אפילו א קליין לעכעל וואָס דאָס לאָך נוצט פיר אריינקומען ליכט און עס זאָל ארויסגעהן די שלעכטע לופט אָדער וואַסער, סיי מען האָט דאָס געמאַכט אין א כלי און סיי מען האָט דאָס געמאַכט אין א בנין, סיי עס איז פון האָלץ און סיי עס איז פון מתכות איז ער חייב (ג*).

---

### מקור חיים

(יא) תש"ו שו"מ מהד"ת. (יב) תו"ח לבעל מסגה"ש.

(א) רמב"ם פ"י הט"ז וכלכלת שבת. (ב) רמב"ם שם. (ג) כלכלת שבת ורמב"ם שם. (ד) כלכלת שבת רמב"ם פרק כ"ג ה"א.

### שמים מטל

(י*) משום דרכי האמורי.

(א*) אב מלאכה. (ב*) תולדה וכל דבר שלא מצאו חז"ל דוגמתה באבות אסמכי' לתולדת מכה בפטיש, ירושלמי. (ג*) חייב משום מכה בפטיש.

מכה בפטיש, קלאפען מיט דעם האמער צו פארפערטיגען די מלאכה אום שבת

ה. (ה) ווען ער עפענט א מכה אום שבת אויב זיין מיינונג איז אז עס זאל אריינקומען אין דער מכה לופט כדי עס זאל זיך היילען איז ער חייב (ד*). ווען זיין מיינונג איז עס זאל בלויז דאס פייכטקייט ארויסגעהן און מיינט ניט עס זאל בלייבען אפען עס זאל אריינקומען לופט כדי זי זאל זיך היילען איז מותר צו עפענען די מכה.

ו. (ו) ווען ער מאכט א שטיין גלאטיק אדער 4 עקיג אדער ער מאכט אין דעם שטיין ראצען איז ער חייב בכל שהוא.

ז. (ז) ווען ער לייגט דעם פונדאמענט שטיין אויף דעם ארט פון בוי גלייך און פאסענד פיר בוי און שיט ארום אין די זייטען פון שטיין ערד איז ער חייב (ה*).

ח. (ח) ווען ער נעהמט ארויס פון א מלבוש וואס האט זיך ניט ווילענדיג איינגעוועבט שטרוי אדער דאס גלייכען אדער קנופען וואס זיינען געבליבען אין קלייד פון וועבען, אויב ער נעהמט עס ארויס מיט דער מיינונג דאס קלייד זאל שעהנער ווערען איז ער חייב (ו*).

ט. (ט) ווען ער פוצט אפ א נייע און א שווארצע קלייד כדי דאס שעהן צו מאכען און די ווייסע וואל וואס היינגט אויף דעם מלבוש אפ צו רייניגען איז ער חייב.

י. (י) ווען ער ציהט ארויס די פאסטריגעס וואס דער שניידער האט געמאכט אין מלבוש בעפאר ער האט דאס אויפגענעהט איז א חשש חיוב.

יא. (יא) ווען ער שניידט אויף אדער ער רייסט אויף דאס העמד ביי דעם האלז כדי מען זאל קענען דאס העמד אנטהון איז ער חייב.

יב. (יב) ווען ער בינדט אויף די שיך וואס דער שוסטער האט זיי פארבונדען כדי זיי זאלען זיין א פאר איז א חשש חיוב. אויב עס איז זעהר נויטיג איז מותר צו זאגען א גוי ער זאל זיי אויפבינדען.

יג. (יג) ווען ער שניצט מיט א מעסער א שפענדעל די ציהען צו רייניגען אדער א רוט פון אן אפגעריסענעם צווייג דאס קינד צו שלאגען איז ער חייב. עס איז אסור מיט די הענט אפצושניצען א שפענדעל אדער א

---

מקור חיים

(ה) ש"ע שכ"ח סקכ"ח. (ו) תפא"י על המשנה פ' הבונה וגם בהר"ב שם. (ז) כלכלת שבת. (ח) ש"ע ש"ב ס"ב. (ט) רמב"ם פ"י משבת הלכה י"ח. (י) משנה ברורה ש"ב סק"ח. (יא) ש"ע סי' שי"ז ס"ג. (יב) כלכלת שבת ורמ"א שי"ז ס"ג. (יג) כלכלת שבת ש"ע סי' שכ"ב ס"ד.

שמים מטל

(ד*) שהרי מתקן פתח למכה להכניס רוח ולהוציא ליחה וחייב משום תיקון כלי שהיא תולדת מכב"פ דמ"ל תיקון כלי ומה לי תיקון מכה. (ה*) משום מכה בפטיש. (ו*) משום מכב"פ.

מכה בפטיש, קלאפען מיט דעם האמער צו פארפערטיגען די מלאכה אום שבת רוט זיי זאָלען זיין גוט צום נוצען. עס איז אסור זיך צו רייניגען די ציינער מיט א שפענדעל אפילו ווען עס איז ניט געשניצט (ז*). שטרוי אָדער אזעלכע זאכען וואָס א בהמה עסט, כל שכן וואָס מענשען עסען מעג מען אפילו מיט א מעסער שניצען צו רייניגען זיך דערמיט די ציינער (ח*).

יד. (יד) עס איז מותר אפילו הארטע שטענגלאך בשמים מיט דער האנט צו צוברעכען און וואלגערען כדי זיי זאָלען בעסער שמעקען. עס איז אסור צו מאכען א פראָפען צו א כלי פון ריבען אָדער מערען (ט*).

טו. (טו) א מעסער וואָס דער שארף איז פגום, אויסגעשטשערבעט אויב ער שלייפט דאָס און מאכט דאָס בעסער איז ער חייב. א נאָדעל אָדער א שפיז ווען אפילו זיי זיינען נאָר עטוואָס פארקרימט איז אסור זיי אויסצוגלייכען (י*).

טז. (טז) עס איז אסור צוזאמען צו לייגען די מלבושים אויב ער וויל ערשט נאָך שבת זיי אָנצוטהון. עס איז אסור אום שבת צוזאמען צו לייגען דעם טלית נאָך דעם דאווגען אין די ערטער וואָס מען דאווענט ניט מנחה אין טלית. ווען ער לייגט דעם מלבוש ניט צוזאמען אין די זעלבע פריהער־דיגע קניימשען אָדער דער מלבוש האָט איבערהויפט ניט קיין געוויסע קנייטשען איז מותר דעם מלבוש צוזאמען צו לייגען (יא*). ווען ער וויל דעם מלבוש אָנטהון אום שבת איז מותר ער זאָל עס צוזאמען לייגען אין די ערשטע קנייטשען, נאָר עס מוזען זיין די 5 פונקטען: 1. איין מענש זאָל דעם מלבוש צוזאמען לייגען; עס איז אסור אז 2 מענשען זאָלען דאָס צו־זאמען לייגען (יב*). 2. ער מוז עס צוזאמען לייגען אויף די הענט אָבער ניט אויף א באנק אָדער אויף א טיש (יג*). 3. עס זאָל נאָך ניט האָבען געוועזען אין די וועש (יד*). 4. דער מלבוש זאָל זיין וויים אָבער ניט גע־פארבט (טו*). 5. אויב ער האָט ניט קיין אנדער מלבוש אָנצוטהון ווען דער מלבוש וועט ווערען צוקנייטשט (טז*).

יז. (יז) אויב דער זייגער שטעהט איז אסור איהם אָנצוציהען, אפילו

## מקור חיים

(יד) מג"א שב"ב סק"ו, כלכלת שבת. (טו) שם שם. (טז) ש"ע ש"ב סק"ג וכלכלת שבת. (יז) של"ח במשנ"ב סקט"ו.

## שמים מטל

(ז*) משום מוקצה. (ח*) מדרכיך ואינו מתקיים ל"ה כלי. (ט*) משום תיקון כלי שהיא תולדת מכה בפטיש. (י*) משום תיקון כלי שהיא תולדת מכב"פ. (יא*) שאין לקיפול זה שיום קיום ואין כאן שום תיקון כלי כלל. (יב*) כששנים מקפלים הם מפשיטין קמטין. (יג*) שזה שוה כמקפל בשנים. (יד*) שהישנים קיפלם מתקנם יותר מן החדשים שהחדשים קשים מאליהם ואין ממהרים לקמוט. (טו*) שהצבועים קיפלם מתקנם ביותר. (טז*) שאז התירו לו משום כבוד שבת שלא ילך בבגדים מקומטים.

מכה בפטיש, קלאפען מיט דעם האמער צו פארפערטיגען די מלאכה, אום שבת צו שאקלען דעם גייהער טאר מען ניט (יז*). עס איז אסור אנצוציהען דעם טאשען זייגערל אויב ער שטעהט, אויך איז אסור דאס צו שאקלען כדי עס זאל געהן, ווען אפילו דער זייגער אדער דער טאשען זייגערל געהען נאך איז אסור זיי אנצודרעהען כדי זיי זאלען זיך ניט שטעלען. ווען ער ברויכט צו וויסען וועלכע צייט צו געבען דעם חולה די מעדיצין און עס איז שווער צו געפינען א גוי ער זאל אנציהען דעם זייגער איז מותר אז דער איד זאל עס טהון ווען דער זייגער געהט נאך. עס איז מותר צו זאגען א גוי ער זאל אנציהען דעם זייגער לצורך החולה אדער ער זאל מאכען געהן דעם זייגער אפילו ווען ער שטעהט שוין.

יח. (יח) עס איז אסור אום שבת אויפצובעטען די בעטען פיר מוצאי שבת. אויב די בעט שטעהט אין די שטוב וואו ער וואוינט און עס איז א בזיון פיר שבת די בעט זאל זיין צוואורפען איז עס מותר אויפצו־בעטען (יח*).

יט. (יט) מען מעג אפילו פרייטאג ביינאכט אפוואשען די כלים וואס מען ברויכט פיר שבת פריה און אפילו פיר געברויך פיר סעודה שלישית. עס איז אסור אפצוואשען די כלים וועלכע ער ווייסט געוויס אז ער וועט זיי שבת ניט ברויכען. כלים וועלכע ער אליין וויים ניט אויב ער וועט זיי ברויכען נוצען אום שבת אדער ניט מעג ער זיי אפוואשען בעפאר סעודה שלישית, אבער נאך סעודה שלישית טאר ער זיי ניט אפוואשען. עס איז מותר אויס צו וואשען אפילו 10 כוסות ווען אפילו ער ברויכט ניט מעהר ווי איין כוס צו נוצען, אויך מעג מען צוגרייטען 10 בעטען ווען אפילו ער ברויכט ניט מעהר צום שלאפען ווי איין בעט (יט*).

כ. (כ) עס איז מותר אפ צו וואשען כוסות פון וויין ווען אפילו ער האט שוין פיעל מאל געטרונקען און וויים ניט אויב ער וועט נאך ברויכען די כוסות צו נוצען מעג ער זיי אפוואשען ביז נאכט (כ*).

כא. (כא) ווען ער ברויכט שבת צו נוצען אזא כלי וואס איז ניט גע'טובל'ט זאל ער זי ניט טובל'ן אום שבת (כא*) נאר ער זאל זי שענקען צו א גוי און נאכהער זאל ער עס צוריק בארגען, וועט ער שוין קענען נוצען, אבער נאך שבת זאל ער די כלי טובל'ן אהן א ברכה, ווען דאס איז אזא

---

מקור חיים

(יח) משנ"ב סי' ש"ב סקי"ט. (יט) ש"ע שכ"ג ס"ו ומשנ"ב שם בשם המג"א ורוקח. (כ) ש"ע שם. (כא) שכ"ג ס"ז ורמ"א שם.

שמים מטל

(יז*) דהא בכלל תיקון כלי והוא איסור תורה. (יח*) דמיקרי צורך שבת. (יט*) דהואיל וראוי לו כ"א ואחד הותרה כולן. (כ*) מפני שאין קבע לשתיה. (כא*) שמא הלכה כיש אוסרין שנראה כמתקן כלי ע"י הטבילה.

מכה בפטיש, קלאפען מיט דעם האמער צו פארפערטיגען די מלאכה אום שבת
כלי וואס מען קען מיט איהר שעפען וואסער זאל ער אנשעפען וואסער פון דער מקוה אהן א ברכה וועט ער שוין קענען די כלי נוצען (כב*).

כב. (כב) ווען א גוי האט געטרונקען וויין אין א כוס און ער ברויכט דעם כוס שבת צו נוצען איז מותר דעם כוס שבת אויס צו שווענקען (כג*).

כג. (כג) עס איז אסור צו נעהמען חלה אום שבת (כד*). ווען ער האט פארגעסען בעפאר שבת חלה צו נעהמען מעג ער עסען פון דעם ברויט, נאר ער זאל איבערלאזען א שטיק און נאך שבת זאל ער פון דעם שטיק חלה נעהמען. ווען ער האט פארגעסען חלה צו נעהמען פון דעם ברויט וואס ער וועט עסען שבת ערב פסח אין דער פריה, אויב ער איז אין חוץ לארץ מעג ער שבת חלה נעהמען און דאס געבען צו א כהן קטן וואס איז אלט וועניגער ווי 9 יאהר.

כד. (כד) עס איז אסור אריין צו ציהען שניר בענדלאך אין נייע שיך אריין, אפילו אין אלטע שיך איז אויך אסור אריין צו ציהען נייע שניר בענדלאך.

כה. (כה) עס איז אסור צו שווימען אום שבת אפילו אין אזא וואסער וואס מען האט עס אנגעזאמעלט צו נוצען פיר די וועש, ווען אפילו דאס וואסער איז ניט אין גאס נאר עס איז אנגעזאמעלט אין הצר איז אויך אסור (כה*). עס איז מותר צו שווימען אין וואסער ווען דאס וואסער איז אין א כלי. עס איז אסור זיך צו שיפען אויף א וואסער אום שבת אפילו מקיים צו זיין א מצוה דאורייתא. עס איז אסור אריינצוגעהן אום שבת אין א שיף אפילו ווען ער מיינט זיך ניט צו שיפען אויב די שיף שווימט, ווען די שיף איז צוגעבונדען צו דער יבשה אדער זי שטעהט אויף דער ערד אין וואסער מעג מען אריינגעהן אין איהר אום שבת. ווען יעמאנדען קומט געלט פון א גוי און אויב ער וועט זיך ניט אריבער שיפען וועט זיין געלט זיין געווים פארפאלען איז מותר ער זאל זיך אריבער שיפען אויב דאס איז אין תחום. ווען שפענער שווימען אין וואסער וואס איז אויף דער ערד איז אסור די שפענער אוועק צו מאכען און דאס וואסער צו רייניגען (כו*).

---

## מקור חיים

(כב) ש"ע שם ס"ח. (כג) של"ט ס"ק ד' ומג"א רס"א סק"ב ומשנ"ב שם סק"ד וסי' תק"ו סקכ"ג. (כד) שו"ז סק"ב ומשנ"ב שם ס"ק ט"ז. (כה) של"ט סק"ב כלכלת שבת שם ס"ו מג"א שם סקי"ב מצודת דוד סימן ע"ד.

## שמים מטל

(כב*) ואינו נראה במתקן מפני שאין הדבר ניכר שמתכוין לטבילה שרואה אומר לשאוב מים הי' צריך. (כג*) ואינו חשיב כמתקן כלי שהרי גוף הכלי היתר היא אלא שהיין אוסרו וכשמסירו ממנו אינו מתקנו. (כד*) דהוי כתיקון כלי. (כה*) שמא יעשה חבית של שייטן והיא כלי ללמוד בו לשוט על המים. (כו*) שמא יעשה חבית של שייטן.

מכה בפטיש, קלאפען מיט דעם האמער צו פארפערטיגען די מלאכה אום שבת

ווען די שפענער שווימען אין וואסער וואס איז אין א כלי איז מותר די שפענער אוועק צו מאכען אין די זייטען און דאס וואסער צו רייניגען. עס איז אסור צו פאהרען אום שבת אין א באהן אדער טרעמוויי אדער לופט שיף אדער עראפלאן.

כו. (כו) עס איז אסור צו מאכען הערען א קול פון א כלי וואס מען נוצט עס צו שפילען (כז*). עס איז אסור צו מאכען הערען א קול פון א קאמערטאן. עס איז אסור צו מאכען הערען א שעהן קול אפילו פון אזעלכע כלים וואס מען נוצט זיי ניט צו שפילען. עס איז אסור אנצושטעלען דעם פאנאגראף אום שבת. דער שמש זאל ניט קלאפען אין שוהל אריין מיט דעם האמער, נאר ער זאל קלאפען מיט דער האנט. עס איז אסור צו האקען אין דער טיהר מיט דעם אייזען וואס איז אנגעהאקט אן דער טיהר כדי מען זאל קומען עפענען. מיט דעם שליסעל מעג ער יא קלאפען (כז**).

כז. (כז) עס איז מותר צו פייפען אום שבת אפילו ווען ער פייפט א ניגון אדער א שעהן קול (כח*). עס איז אסור צו ציהען דעם גלאק פון דער טיהר מען זאל קומען עפענען. ס'איז אסור צו ציהען דעם גלאק אין שטוב כדי די דינסט זאל אריינקומען. אויב עס איז פרייטאג ביינאכט און ער האט נויטיג אריינצוגעהן שלאפען אין שטוב איז מותר צו קלינגען און צו קלאפען ביי דעם אייזען אין דער טיהר (כט*), אבער ווען דער גלאק איז עלעקטריש איז יעדענפאלס אסור (ל*). אויב ביי דער טיהר איז דא א גלאק וועלכער קלינגט ווען מען קומט אריין און ווען מען געהט ארויס ברויכט מען ערב שבת דעם גלאק אראפ צו נעהמען אדער איהם צו פער־בינדען מיט וואל אדער וואטע ער זאל ניט קענען קלינגען. אויב ער האט דאס געהאט פארגעסען ערב שבת צו טהון איז מותר שבת אריינצוגעהן אין שטוב.

כח. (כח) עס איז אסור צו קלאפען מיט נים אדער צו קלינגען מיט א קלינגעל דאס קינד זאל ניט וויינען. עס איז אסור צו קלאפען דעם דיקען פינגער אויף דעם לאנגען אפילו דעם חבר פון שלאף אויף צו וועקען.

---

מקור חיים

(כו) של"ח ס"א ובכלכלת שבת, מצודת דוד הנדפס מחדש בקיצור ש"ע, רמ"א שם ומשנה ברורה. (כז) רמ"א שם וכלכלת שבת ומשנ"ב וביאור הלכה שם ד"ה הואיל משנ"ב סק"ו. (כח) של"ט משנ"ב סק"ט.

שמים מטל

(כז*) גזירה שמא יתקן כלי שיר. (כז**) שזה הכלי אינה מיוחד להכות על הדלת אלא לפתוח או לנעול הדלת. (כח*) שאין לגזור שמא יתקן כלי שיר אלא במשמיע קול ע"י איזה מעשה אבל לא ע"י פיו. (כט*) כיון דאין אנו בקיאין בתיקון כלי שיר ובמקום צערא לא גזרו רבנן. (ל*) משום מכבה ומבעיר.

מכה בפטיש, קלאפן מיט דעם האמער צו פארפערטיגען די מלאכה אום שבת

כט. (כט) אויב ער האט אום שבת אריינגעשיט פעדערען אדער אנדערע ווייכע זאכען צו מאכען פריש בעטגעוואנט איז ער חייב (לא*). אויב די פעדערען זיינען שוין געווען אין די ציכען נאר זיי זיינען ארויסגעפאלען מעג מען זיי צוריק אריינשיטען אין די זעלבע ציכען (לב*).

ל. (ל) אויב ער רייסט ארום אום שבת די זייטען פון א בגד ווייל עס איז צו לאנג אדער ווייל די זייטען זיינען צוריסען איז ער חייב (לג*).

לא. (לא) עס איז אסור אום שבת אריין צו האקען קייטלאך אין א כלי. עס איז אסור צו זאגען א גוי אז ער זאל דאס טהון (לד*).

לב .(לב) אויב ער האט אויפגעשניטען בלעטער פון ספרים וואס זיי זיינען נאך קיינמאל ניט געווען אויפגעשניטען איז ער חייב, אויך איז אסור צו זאגען א גוי אז ער זאל דאס טהון.

לג. (לג) דער איסור מכה בפטיש איז שייך אום יום טוב.

## הוצאה, ארויסטראגען א זאך פון איין פלאץ און אריינברייגגען אין צווייטען פלאץ אום שבת.

עס איז דא 4 פערשידענע פלעצער וואס זיי געהערען צו דעם חיוב ופטור, און די דינים זיינען ניט גלייך איינס צום צווייטען.

1. רשות הרבים. 2. רשות היחיד. 3. כרמלית. 4. מקום פטור.

1. **רשות הרבים** מיינט אזא פלאץ וואס די ברייט איז 16 איילען און די לייגג אויך 16 איילען און דער פלאץ האט ניט קיין מויער און ניט קיין באלקען, צום ביישפיעל גאסען און שאסעען וואס מען פאהרט דורך זיי פון איין שטאדט צו דער צווייטער און דער וועג איז ברייט 16 איילען (א*).

---

מקור חיים

(כט) ש"ע ש"מ ס"ח. (ל) ביאור הלכה ש"מ במשנ"ב ד"ה אין שוברין. (לא) מג"א שי"ד סק"י ומשנ"ב ס"ק ל"ד. (לב) משנ"ב סי' ש"מ סקמ"ה וביאור הלכה ד"ה חייב ובלכלת שבת במלאכת תופר. (לג) או"ח סי' תצ"ה.

שמים מטל

(לא*) זה לשי' רש"י דהשתא עביד לה מנא ולרמב"ם היא אסור רק משום גזירה שמא יתפור. (לב*) כיון דכבר הי' שם אין בזה משום תיקון מנא. (לג*) משום מכה בפטיש דלא שייך קורע ע"מ לתקן כ"א כשקורע איזה דבר באמצע והוא צריך לתיקון שניהם משא"כ כשקורע איזה דבר מהבגד מן הצד וכוונתו לתקן בזה את הבגד והתיכה הנקרעת לא יתוקן בזה כלל ל"ש בזה שם קורע כ"א שם אחר, דהיינו תיקון מנא. (לד*) דהוי מלאכה דאורייתא.

(א*) י"א דכל שאין ס' רבוא אנשים עוברים בו בכל יום כדגלי מדבר איננה רה"ר אלא כרמלית ולכן בזהמ"ז אין לנו רה"ר.

הוצאה, ארויסטראָגען פון איין פּלאַץ און אַריינברייגגען אין צווייטען אום שבת

2. רשות היחיד, א פּלאַץ וואָס איז ארום געצאמט מיט ווענט און די ווענט זיינען הויך 10 טפחים און די ברייט פון דעם פּלאַץ איז 4 טפחים און די לייגג איז אויך 4 טפחים אָדער יעדער וואוינונג וואָס יעדער מענש וואוינט הייסט דאָס א רשות היחיד. די הויך פון רשות היחיד איז ביז צום הימעל.

3. כרמלית, אזא פּלאַץ וואָס איז ארום געצאמט מיט ווענט וואָס זיי זיינען העכער ווי 3 טפחים און זיי זיינען נידעריגער ווי 10 טפחים און דער פּלאַץ איז ברייט 4 טפחים און לאַנג 4 טפחים, דאָס הייסט כרמלית (ב*).

4. מקום פטור, די לופט וואָס איז העכער ווי 10 טפחים אין רשות הרבים אָדער אין כרמלית הייסט מקום פטור. א פּלאַץ וואָס איז ניט ברייט קיין 4 טפחים און ניט לאַנג קיין 4 טפחים און איז ארום געצאמט מיט ווענט וואָס זיי זיינען העכער ווי 3 טפחים, ווען אפילו זיי זיינען הויך ביז צום הימעל און דער פּלאַץ איז אין רשות הרבים הייסט דאָס א מקום פטור.

א. (א) אויב ער האָט שבת ארויסגעטראָגען א זאך פון רשות היחיד אין רשות הרבים איז ער חייב (ג*).

ב. (ב) אויב ער האָט אריינגעבראַכט פון רשות הרבים אין רשות היחיד אָדער ער האָט געוואָרפען אָדער דערלאַנגט איז ער חייב (ד*).

ג. (ג) עס איז אסור ארויסצוטראָגען אָדער ארויס צו ווארפען פון א רשות הרבים אָדער פון א רשות היחיד צו א כרמלית, אָדער פון א כרמלית צו א רה"ר אָדער רה"י.

ד. (ד) עס איז מותר ארויסצוטראָגען פון רה"ר אָדער פון רה"י צו א מקום פטור און פון א מקום פטור צו א רה"ר אָדער א רה"י.

ה. (ה) אויב ער האָט שבת געטראָגען א חפץ אין רה"ר 4 איילען איז ער חייב.

ו. (ו) עס איז אסור צו טראָגען אין א כרמלית א חפץ 4 איילען.

---

מקור חיים

(א) ש"ע שמ"ה. (ב) שם. (ג) שמ"ו. (ד) שם. (ה) שמ"ו ס"ב. (ו) שנ"ח ס"א.

שמים מטל

(ב*) לשון כרמלית היא לשון רך ומל פי' לא לח ולא יבש אלא בינוני ה"ז לא רה"י לפי שאינה מחיצת כראוי ולא רשות הרבים לפי שאין הרבים הולכים שם. (ג*) אב מלאכה. (ד*) תולדה.

הוצאה, ארויסטראָגען פון איין פּלאַץ און אריינברייגנען אין צווייטען אום שבת

ז. (ז) אין אַ מקום פּטור אָדער אין רה"י איז מותר צו טראָגען אפילו 100 איילען.

ח. (ח) עס איז אסור ארויסצוגעהן פון רה"י אין רה"ר אָדער אין אַ כרמלית אויב אַ שפּילקע איז אריינגעשטעקט אין זיין מלבוש, ווען אפילו ער ברויכט די שפּילקע עס זאָל צוזאַמען האלטען די מלבושים. דאָס איז נאָר אסור ביי אַ מאַן אָבער ניט ביי קיין פרוי.

ט. (ט) ועס איז מותר אַ פרוי זאָל ארויסגעהן פון רה"י אין רה"ר אָדער אין אַ כרמלית מיט אַ שפּילקע אריינגעשטעקט מיט דעם צוועק אַז עס זאָל איהר האלטען די מלבושים זיי זאָלען ניט צופאלען. עס זיינען דאָ פוסקים וואָס זיי זאָגען אַז ווען אַ נאָדעל איז אריינגעשטעקט אין די מלבושים סיי ביי אַ מאַן און סיי ביי אַ פרוי, אפילו ווען די נאָדעל איז צום צוועק אַז די מלבושים זאָלען זיך פעסט האלטען איז דאָ אַ חיוב.

י. (י) עס איז אסור אַ מאַן זאָל ארויסגעהן פון רה"י מיט אַ רינגעל אָנגעטהון אויף דעם פינגער, אַזעלכעס וואָס האָט ניט קיין חותם אויס־געקריצט אַז מען זאָל קענען בריף חתמ'נען (ה*).

יא. (יא) עס איז גוט אַז אַ מאַן זאָל שבת ניט געהן אין קיין שום רינגעל אפילו ווען עס האָט אַ חותם. אויב אַ פרוי איז פון רה"י ארויס־געגאַנגען מיט אַ רינגעל וואָס האָט אַ חתימה אָנגעטהון אויף איהר פינגער איז זי חייב.

יב. (יב) עס איז אסור ארויסצוגעהן שבת מיט דעם טאַשען זייגערל אין דער טאַש ווען אפילו עס איז אָנגעקניפּט אָן דער גאָלדענער קייט וואָס ער געהט אויף דעם האַלז אָנגעטהון. ווען דער זייגערל איז ניט אָנגעקניפּט אָן דער קייט נאָר ער ליגט אין דער טאַש איז דאָ אַ חשש חיוב (ו*). די פרויען וועלכע טראָגען די גאָלדענע זייגערלאַך און קייטען אָפענבאַר אויף זייערע מלבושים איז עס זעהר גליייך.

יג. (יג) עס איז מותר ארויסצוגעהן מיט זילבערנע שליסלען אָנגעהאַנגען ווען אפילו מען באַנוצט די שליסלען די טיהר צו עפענען (ז*). עס איז אסור צו געהן אין ברילען אפילו ווען זיי האָבען זילבערנע רעמלאַך (ח*). אַזעלכע ברילען וואָס זיי האָבען האַלאָבלעס זיי צו טראָגען אויף די אויערען איז מותר אין זיי צו געהן (ט*).

---

מקור חיים

(ז) שם. (ח) סי' ש"א ס"ח ובש"ע הגרז"ש. (ט) ש"א ס"ח ש"ג ס"ט. (י) ש"א ס"ט. (יא) משנ"ב ש"א סקל"ח ש"ע ש"ג ס"י. (יב) לחה"פ בהגהות קיצור ש"ע. (יג) ש"א סי"א משאת שבת בשם התש"י ב"צ.

שמים מטל

(ה*) דהוי רק תכשיט לאשה ולאיש הוי משא. (ו*) משום משא. (ז*) כיון שהיא גם לתכשיט. (ח*) דלמא נפל. (ט*) שבאלו לא חיישינן לנפלתם.

יד. (יד) עס איז אסור אַז אַ אשה זאָל לייגען אַ בגד אויף איהר שייטעל אָדער אַ מאַן זאָל לייגען אַ בגד אויף זיין הוט כדי זיי צו שיצען פון רעגען (י*). אויב זייער מיינונג איז אַז דער רעגען זאָל זיי ניט מצער זיין איז מותר.

טו. (טו) אַזאַ מאַן וועלכער הינקט אָדער אַ קראַנקער וואָס איז געזונד געוואָרען אָדער זעהר אַן אַלטער מאַן וועלכע קענען ניט געהן אָהן אַ שטעקען איז מותר זיי זאָלען געהן מיט אַ שטעקען. אויב די מענשען געהען ביי זיך אין שטוב אָהן אַ שטעקען נאָר זיי ווילען דעם שטעקען נוצען אום זיך אָנצוהאַלטען איז אסור צו געהן מיט דעם שטעקען. עס איז אסור אַ בלינדער זאָל געהן מיט אַ שטעקען. ווען אפילו אויף דעם אָרט איז דאָ אַן עירוב איז אסור צו געהן מיט אַ שטעקען צו אַזאַ מענש וואָס ער נויטיגט זיך ניט אין דעם שטעקען (יא*).

טז. (טז) עס איז אסור צו געהן שבת אויף שטאָלצען. עס איז מותר ארויסצוגעהן מיט דעם פלאַסטער וואָס מען האָט ערב שבת ארויפגעלייגט אויף דער מכה (יב*). עס איז מותר אַרום צו וויקלען דעם פלאַסטער מיט אַ שמאַטע און אַרויסגעהן פון רה"י אין רה"ר (יג*). עס איז אסור מיט אַ טאַשען-טוך אַרום צו וויקלען דעם פלאַסטער און אַרויסגעהן פון רה"י אין רה"ר (יד*).

יז (יז) עס איז מותר אַרויסצוגעהן מיט וואַטע אין אויער כדי עס זאָל איינזאַפּען דאָס פייכטקייט פון אויער, אָבער די וואַטע מוז זיין פעסט אריינגעזעצט אין אויער זי זאָל ניט אַרויספאַלען. עס איז מותר אַרויסצוגעהן מיט וואַטע אָדער שטרוי אין די שיך אויב עס קען פון די שיך ניט אַרויס-פאַלען.

יח. (יח) עס איז אסור אַ פּרוי זאָל אַרויסגעהן מיט וואַטע וואָס איז צוגעגרייט לנדתה כדי די מלבושים זאָלען ניט ווערען שמוציג. אויב איהר מיינונג איז מיט דעם געבען די וואַטע כדי די דם זאָל ניט פאַלען אויף איהר און איהר מצער זיין ווען עס וועט ווערען פאַרטריקענט איז מותר זי זאָל מיט די וואַטע אַרויסגעהן.

---

מקור חיים

(יד) ש"א סי"א במג"א. (טו) שם סי"ז וי"ח במג"א. (טז) שם ס"כ, סכ"ב. (יז) ש"ג סט"ו ובאה"ט. (יח) ש"א סי"ג וש"ג סי"א.

שמים מטל

(י*) שאין זה דרך מלבוש. (יא*) משום זילותא דשבת. (יב*) לפי שהיא מרפאת הרי היא כתכשיט. (יג*) שאינה חשוב ובטל לגבי רטיה. (יד*) לפי שאינה בטל לגבי רטיה וגם ל"ה דרך מלבוש והיא משאו.

הוצאה, אַרויסטראָגען פון איין פּלאַץ און אַריינברייגגען אין צווייטען אום שבת

יט. (יט) אויף דעם אָרט וואָס איז דאָ בלאָטע און ליים איז מותר די מלבושים אביסעל אויפצוהויבען, אָבער אין גאַנצען זיי אויפצוהויבען איז אסור.

כ. (כ) עס איז מותר ארויסצוגעהן אין 2 מלבושים ווען אפילו ער געהט זעהר זעלטען אין דער וואָכען אין אזעלכע 2 מלבושים, ווען אפילו איין מלבוש איז פיר זיין חבר איז אויך מותר ארויסצוגעהן אין די 2 מלבושים. ווען ער געהט אָבער קיינמאָל ניט אין אזעלכע 2 מלבושים אין דער וואָכען איז אסור ער זאָל שבת געהן אין אזעלכע 2 מלבושים, אפילו ווען ער ברויכט זיי פיר זיך אליין (טו*). עס איז מותר צו געהן אין א קאפּעל אונטער דער הוט. עס איז מותר צו געהן אין 2 פּאָר זאָקען. עס איז מותר צו געהן אין 2 גאַרטלען אויב ער געהט איין גאַרטעל אויף דעם אונ־טערשטען מלבוש און איין גאַרטעל אויף דעם אויבערשטען מלבוש. עס איז אסור אַרומצובינדען די טאַשען־טיכעל אויף דער האנט אָדער אויף די פיס און אזוי אַרויסגעהן אין רה"ר. אויב ער געהט אמאָל אין דער וואָכען דעם האלז פאַרבונדען כדי עס זאָל איהם ניט זיין קאַלט און ערשט איז זיין האלז ניט פאַרבונדען מיט קיין טיכעל איז מותר ער זאָל דאָס טיכעל אויף דעם האלז אַרומבינדען, אָבער נאָר מיט איין קנופּ. עס איז אסור אז ער זאָל בלויז דאָס טיכעל אויף דעם האלז לייגען און די עקען זאָלען נאָכהייננגען. עס איז דאָ נאָך אַן עצה, אז ער זאָל ערב שבת דאָס טיכעל צום שפּיץ גאַרטעל מיט 2 קנופּען פעסט אָנבינדען וועט דאָס הייסען אזוי ווי א לאַנגער גאַרטעל און ווען ער וויל געהן שבת אין גאַס קען ער זיך מיט דעם טיכעל און מיט דעם גאַרטעל אַרומגאַרטלען (טז*).

כא. (כא) עס איז מותר אַרויסצוגעהן מיט א מאַף אום שבת (יז*).

כב. (כב) עס איז גוט צו זיין פאָרזיכטיג מען זאָל ניט אַרויסגעהן אין הענטשקעס.

---

## מקור חיים

(יט) ש"א סל"א ומג"א. (כ) שם סל"ו שם פרמ"ג מש"ע הגאון רז"ש סימן ש"א ס"ק כ"ג. (כא) ט"ז ש"א ס"ק כ"ו. (כב) שם.

## שמים מטל

(טו*) משום דהשני הוי כמו משא. (טז*) מה שכתב הט"ז סימן ש"א ס"ק י"ד שיחברנה הפּאַטשיילע בראש החגורה בקשר שאינה של קיימא עיו"ש במחצה"ש שהביא בשם הא"ר שחולק עליו דהקשה ממ"נ דאם אינה קשר של קיימא ל"ה חיבור להחגורה וב"ס תו"ש הגיה בט"ז דצ"ל קשר של קיימא והיינו רק מע"ש וזה כדברנו. (יז*) והב"ח מחמיר להצריך לתפרם מע"ש או שיקשרם קשר של קיימא, ולכן טוב לחוש לדבריו במקום שאפשר כשאין הקור גדול כל כך.

הוצאה, אַרויסטראָגען פון איין פּלאַץ און אַריינברייגגען אין צווייטען אום שבת

כג. (כג) עס איז אסור ארויסצוגעהן מיט דעם טלית ארומגעוויקעלט ארום האלז אויף דעם אָרט וואָס די געוואוינהייט איז ניט אזוי צו געהן.

כד. (כד) מען זאָל שבת ניט געהן אין זעלבען מלבוש וואָס ער געהט אין דער וואָכען כדי ער זאָל דורכדעם גדענקען אז עס איז שבת, אויך זאָל מען ניט געהן באָרוועס.

כה. (כה) אויב אין טלית פעהלט א ציצה אָדער די ציצית וועלכע זיינען אין טלית זיינען פסול, ווען ער געהט ארויס אזוי אין רה"ר איז ער חייב (יח*). ווען א פרוי געהט ארויס מיט א טלית, אפילו ווען עס איז דאָ כשר'ע ציצית איז זי חייב (יט*).

כו. (כו) אויב א מלבוש וואָס האָט העקלאַך אָדער בענדלאַך צו צובינדען אָדער צו צוהעקלען און פון איין זייט האָט זיך א העקעל אָדער א בענדעל אָפּגעריסען און ער מיינט אמאָל דעם העקעל אָדער דעם בענדעל צוריק אָנצונייהען צום מלבוש איז אסור מיט דעם מלבוש ארויסצוגעהן אום שבת (כ*). אויב ער וויל ניט מעהר אָנגייהען דעם אָפּגעריסענעם העקעל אָדער בענדעל איז מותר ארויסצוגעהן אין דעם מלבוש (כא*). ווען עס איז א זילבערן העקעל אָדער א זיידען שלייפעל איז אסור ארויסצו-געהן אין מלבוש אפילו ווען ער וויל ניט מעהר דאָס אָנגייהען.

כז. (כז) אויב ער וואשט זיך זיינע הענט אין א טייך זאָל ער די הענט גוט אָפּווישען פון וואסער איין האנט אָן דער צווייטער בעפאָר ער נעהמט זיי ארויס פון טייך.

כח. (כח) אזעלכע מענשען וועלכע האָבען ניט קיין האָר אויף דעם קאָפּ און טראָגען פּאַריקען איז מותר אין זיי ארויסצוגעהן אום שבת, אָבער עס ברויכט צו זיין צוגעגרייט פון ערב שבת, דהיינו ער זאָל עס האָבען ארויפגעלייגט אויפ'ן קאָפּ (כב*).

כט. (כט) עס איז מותר א פרוי זאָל ארויסגעהן מיט אזא שטיין וואָס איז א סגולה זי זאָל ניט מפיל זיין. עס איז מותר אריין צו שלינגען פערל אָדער געלט און ארויסצוגעהן אין רה"ר.

---

## מקור חיים

(כג) ש"א סכ"ט. (כד) רמ"א ש"א סט"ז. (כה) ש"א הגרז"ש בסי' מ"ה. (כו) משנה ברורה ש"א ס"ק ק"ו. (כז) ש"א ושב"ו ס"ז. (כח) ש"א שם. (כט) ש"ג סכ"ד באה"ט שי"ב סק"ו.

## שמים מטל

(יח*) משום משא דהתיטין שהמה כשרים עוד דעתו עליהם ולא בטלו וכ"ז בזמן דאיכא רה"ר. (יט*) שמשא היא לה. (כ*) מפני שזה שנשאר אינה בטול והוי כמשא. (כא*) דזה הנשאר אינה דבר חשוב וה"ת בטול לגבי הבגד ומותר לצאת בו. (כב*) שתכשיט שלהם היא.

הוצאת, ארויסטראָגען פון איין פלאַץ און אַריינברייגגען אין צווייטען אום שבת

ל. (ל) ווען ער טראָגט אין רה"ר אזא קליין קינד וואָס קען נאָך נים געהן אָדער א קראנקען אָדער א געבונדענעם וואָס ער קען נים געהן איז ער חייב. עס איז אסור צו טראָגען זאָגאָר א קליין קינד וואָס קען שוין אליין געהן (כב**). עס איז מותר צו זאָגען א גוי ער זאָל דאָס קינד טראָגען אפילו אין רשות הרבים (כג*).

לא. (לא) ווען ער טראָגט אין רשות הרבים א בהמה אָדער אן עוף איז ער חייב (כד*).

לב. (לב) אויב ער שטעהט אין רה"ר איז אסור משתין צו זיין אין רה"י. אויב ער שטעהט אין רה"י טאָר ער נים משתין זיין אין רה"ר. און שפייען איז אויך דער זעלבער דין. אויב ער האָט משתין געווען אָדער גע־שפיגען איז ער חייב.

לג. (לג) עס איז אסור צו געהן 4 איילען אין רה"ר אויב ער האָט דאָס שפייעכץ אין מויל. עס איז אסור צו געהן מרשות לרשות אויב ער האָט דאָס שפייעכץ אין מויל.

לד. (לד) דער חיוב איז נאָר ווען ער האָט געמאַכט ביידע זאַכען: ער נעהמט ארויס פון רשות היחיד און לייגט עס אין רשות הרבים, אָדער פארקעהרט. עס איז אסור צו טהון אפילו איינס, דהיינו ווען ער מאַכט די עקירה און דער צווייטער מאַכט די הנחה.

לה. (לה) מען ברויכט זיין פאָרזיכטיג ווען דער גוי ברייגגט בריף אום שבת מען זאָל די בריף נים נעהמען פון דעם נכרי'ס האַנט נאָר ער זאָל זיי אנידער לייגען. ווען דער גוי טראָגט ארויס עפּעס פון שטוב זאָל מען עס נים געבען אין זיין האַנט נאָר ער זאָל עס זיך זעלבסט נעהמען.

לו. (לו) ווען ער האָט פאַרגעסען און האָט ארויסגעצויגען א חפץ אום שבת אין רה"ר איז אסור דעם חפץ צוריק אריין צו נעהמען. אויב די זאַך איז אויף אַנ'אָרט וואָס ווערט אָפּגעהיטען, אויב ער האָט מורא אז מען זאָל די זאַך נים גנב'ענען, זאָל ער זאָגען א גוי ער זאָל די זאַך צוריק אריין ברייגגען. אויב ער האָט נים קיין גוי זאָל ער געהן מיט די זאַך ווענינגער ווי 4 איילען און זאָל זיך יעדעס מאָל אָפּשטעלען, און בעפאָר ער קומט אין שטוב אריין זאָל דער גוי נעהמען די זאַך פון אידען.

---

מקור היים

(ל) ש"ע הגרז"ש ש"ח ס"ק פ"א מגמ"א שם משנ"ב ש"ח ס"ק קנ"ד. (לא) ש"ע הגרז"ש ש"ח ס"ק פ'. (לב) ש"נ סק"ב מג"א שם. (לג) ש"נ סק"ג. (לד) מתני' בריש שבת. (לה) ש"ע שמ"ט. (לו) זכרו תורת משה לבעל חיי"א סי"ג.

שמים מטל

(כב**) דחי נושא א"ע ולית בה אלא איסורא מדרבנן. (כג*) דעכשיו אין לנו רה"ר גמורה. (כד*) ולא אמרו חי נושא את עצמו אלא באדם אבל לא בבהמה חי' ועוף.

הוצאה, אַרויסטראָגען פון איין פּלאַץ און אַריינבריינגען אין צווייטען אום שבת

לז. (לז) אויב ער האָט געפונען שבת געלט אָדער אנדערע זאכען וואָס זיי זיינען מוקצה איז אסור ער זאָל דאָס אויפהויבען, אויך איז אסור צו זאָגען אַ גוי ער זאָל עס אויפהויבען פיר איהם.

עס איז מותר צו זאָגען אַ גוי ער זאָל בריינגען דעם טשאָלענט פון בעקער אָדער אנדערע זאכען ווען אפילו עס איז ניטאָ קיין עירוב.

לח. (לח) ווען ראש השנה אָדער סוכות געפאַלען אום שבת איז אסור צו בלאָזען שופר און צו בענטשען אתרוג (כה*).

לט. (לט) ווען ער טהוט אָן יום כפור לעדערנע שיך אין אַזעלכע ער־טער וואו מען טאָר ניט טראָגען קומט צו נאָך אַן איסור משום הוצאה אחוץ דעם איסור פון נעילת הסנדל (כו*).

## מוקצה, אָבגעזונדערט.

עם שטעהט אין די תוה"ק פ' ואתחנן, למען ינוח עבדך ואמתך כמוך, איז דער מיינונג אז מען זאָל רוהען פון ארבייט אום שבת כדי מען זאָל זיין פריי צו תורת ד', דעריבער האָבען די חכמים נע'אסר'ט מטלטל צו זיין מוקצה זאכען. רמב"ם פכ"ד משבת הי"ב.

א. אזעלכע כלים וואָס זיינען צו נוצען צו אַזעלכע זאכען וואָס מען טאָר שבת ניט טהון, צום ביישפּיעל אַ האַק צו האַקען האָלץ אָדער אַ האַמער פון אַ שמיד אָדער אַ האַמער פון גאָלדשמידען איז מותר זיי צו טראָגען און צו טהון מיט זיי אַ זאַך וואָס מען מעג טהון אום שבת, צום ביישפּיעל שפּאַלטען ניס אָדער צו האַקען געפּרעסטע פייגען. אויך איז מותר די כלים מטלטל צו זיין אויב ער ברויכט דעם פּלאַץ וואו די כלים ליגען. ווען ער האַלט די כלי אין דער האַנט איז מותר זי צו לייגען אויף וועלכען אָרט ער וויל, ער ברויכט זיי ניט אַוועק צו וואַרפען. עס איז אסור מטלטל צו זיין די כלים פיר זייער אייגענער נוץ, דהיינו זיי זאָלען ניט צובראָכען ווערען אָדער מען זאָל זיי ניט גנב'ענען. עס איז מותר צו זאָגען אַ גוי ער זאָל די כלים אוועקנעהמען אפילו פיר זייער אייגענעם נוץ. תפילין אָדער אַ שופר אָדער אנדערע טרומייטען האָבען דעם זעלבען דין.

---

מקור היים

(לז) שם וחיי"א כלל נ"ד מהלכות שבת. (לח) רמב"ם פ"ב משופר ה"ו ופ"ז מלולב הי"ג. (לט) מנחת חינוך מצוה שו"ג דיני יום הכפורים.

שמים מטל

(כה*) משום גזירה שמא יעברנו ד"א ברה"ר או יוציאנו מרשות לרשות.

(כו*) דהאיסור משווי כמשוי.

הערה. עיי' במדרש איכה פרשה ב' או"ד טור שמעון הרבה א"ר הונא שהי' משחקין בכדור בשבת והיינו שהאיסור הי' משום דטור שמעון הי' הה"ר וברה"ה שחיקת הכדור יהי' איסור תורה וכן מבואר בתוס' ביצה י"ב דמשחקין בכדור ביו"ט אפי' ברה"ר, וע"ב משום איסור הוצאה דאי משום אשוי גומות אם כן אף ביו"ט יהי' אסור ועיי' בש"ע ש"ח סמ"ה ובמחצ"ה שם.

מוקצה, אָבגעזונדערט

ב. אזעלכע כלים וואָס מען נוצט זיי ניט כדי זיי זאָלען ניט קאַליע ווערען און איהם קיין שאָדען ניט צו ברייגנען, צום ביישפּיעל א חלף וואָס מען שעכט מיט איהם אָדער דאָס מוהל־מעסערעל אָדער א בריטווע פון א באַרבער אָדער א מעסערעל וואָס מען שניצט דערמיט א פען אָדער א שוסטער מעסער אָדער שרייב פּאַפּיר איז אסור מטלטל צו זיין, אפילו ווען מען ברויכט דעם פּלאַץ וואו די זאכען ליגען אָדער צו טהון מיט זיי די זאכען וואָס מען מעג אום שבת טהון איז אויך אסור.

ג. אזעלכע זאכען וואָס זיינען ניט קיין כלי און עס איז ניט נוצליך פיר קיין עסען, ניט פיר א מענש און ניט פיר א בהמה, צום ביישפּיעל שטיינער, געלד, האָלץ, ערד, זאמד, מעהל, טייג, א מת, עופות וחיות ובהמות, פיש, און אַלעס וואָס איז פון די לעבעדיגע באשעפענישען, אזעלכע הארטע ביינער וואָס זיי זיינען ניט פעהיג אז א הונט זאָל זיי עסען איז אסור בטלטול ווען אפילו מען ברויכט דעם פּלאַץ, און מען וויל מיט זיי טהון אזעלכעס וואָס מען מעג טהון אום שבת איז אויך אסור. א לולב האָט אויך דעם זעלבען דין.

ד. דער זעלבער דין איז שייך צו וויין וואָס מען האָט געקויפט ביי א גוי אָדער מילך וואָס מען האָט געמעלקט אום שבת אָדער אן איי וואָס איז געבוירען געוואָרען אום שבת.

ה. אזעלכע זאַכען וואָס זיינען געווען אָבגעזונדערט פון דער נוץ, פון זיין מיינונג אין אָנפאַנג שבת איז עס אסור מטלטל צו זיין אום שבת, אפילו ווען דער איסור איז שוין אוועקגעגאַנגען, צום ביישפּיעל ער האָט פרייטאָג פאַר נאַכט א בוימעל לעמפּעל אָנגעצונדען און עס איז אויסגע־לאָשען געוואָרען אום שבת און עס איז געבליבען בוימעל איז דער בוימעל אסור מטלטל צו זיין א גאַנץ שבת.

ו. דאָס אַלעס וואָס איז אסור מטלטל צו זיין איז ערלויבט אָנצו־ריהרען מיט דער האנט אָבער ער זאָל די זאַך ניט שאָקלען.

ז. אויב ער האָט אויפגעהאנגען זיין הוט במזיד אויף דעם היינג־לייכטער מוז דער הוט הייגנען ביז מוצאי שבת (פרמ"ג).

ח. אויב דער לייכטער וואָס די ליכט ברענען אין איהם הייננט ניט אין דער לופט איז מותר דעם לייכטער אָנצוריהרען. עס איז מותר אָנצו־ריהרען דעם אויווען אפילו ווען עס איז דאָ פייער אין אויווען און אפילו ער איז ניט איינגעמויערט.

ט. (ט) עס איז מותר אראָפּצונעהמען אזעלכע זאכען וואָס מען מעג מטלטל זיין פון אזעלכע זאכען וואָס מען טאָר ניט מטלטל זיין. עס איז מותר ארויפצולייגען אזעלכע זאכען וואָס מען מעג מטלטל זיין אויף אזעלכע זאכען וואָס מען טאָר ניט מטלטל זיין. עס איז מותר צו זיצען

אויף אזעלכע זאכען וואָס מען טאָר ניט מטלטל זיין ווען אפילו זיי שאָק־לען זיך אונטער איהם (א*).

י. ווען עס ליגט אויף דער ערד אזעלכעס וואָס איז מוקצה איז מותר דאָס מיט די פיס אוועקצושטופען כדי עס זאָל ניט צוטראָטען ווערען (ב*).

יא. עס איז מותר אוועקצובלאָזען אלע זאכען וואָס איז אסור מטלטל צו זיין (ג*).

יב. כוסות, טעלער, לעפעל, מעסערס איז מותר מטלטל צו זיין אפילו פיר זייער אייגענעם צוועק כדי זיי זאָלען ניט צוברעכען ווערען אָדער מען זאָל זיי ניט גנב'ענען אָדער זיי זאָלען ניט פלאַצען פון דער זון, אָבער צו קיין שום צוועק איז אסור זיי מטלטל צו זיין. אויף דעם אָרט וואו מען מעג טראָגען מעג מען האלטען דאָס מעסערעל ביי זיך אפילו ווען ער ברויכט עס ניט יעצט נאָר ער וועט עס נאָכהער ברויכען.

יג. אזעלכעס וואָס איז צום עסען אָדער צום טרינקען אָדער אלע ספרים וואָס איז מותר אין זיי צו לערנען איז מותר מטלטל צו זיין אפילו פיר קיין שום צוועק.

יד. אלע כלים וואָס איז מותר מטלטל צו זיין אום שבת אויב זיי זיינען אום שבת צובראָכען געוואָרען און די שטיקער זיינען ניט נוצליך צו קיין שום זאך איז אסור די שטיקער מטלטל צו זיין אום שבת. אויב א גלעזערנע כלי איז צובראָכען געוואָרען און די שטיקער גלאָז ליגען אויף דעם טיש אָדער אויף דעם אָרט וואו מען געהט און מען קען זיך א שאָדען טהון איז מותר מיט דער האנט די שטיקער מטלטל צו זיין. ווען די שטיקער זיינען פון שארבען איז נאָר מותר מיט די פיס אוועקצושארען, ניט מיט די הענט (ד*).

טו. ווען ער וויל נוצען א רוט דאָס קינד צו שלאָגען מוז די רוט זיין ארויסגעריסען פון ערב שבת און דערצו זיין צוגעגרייט.

טז. עס איז מותר אראָפצונעהמען פון טיש קרישקעס פון ברויט אָדער ביינער וואָס א הונט קען זיי עסען אָדער פרוכט שאָהלען וואָס זיינען פעהיג פיר בהמות צו עסען.

יז. ווען עס ליגט אויף דעם טיש אזעלכעס וואָס עס איז ניט פעהיג פיר די הינט אָדער פיר די בהמות צו עסען, צום ביישפיעל די שאָהלען פון נים אָדער שאָהלען פון אייער איז אסור ער זאָל עס מיט די הענט אראָפ־נעהמען. עס איז אויך אסור זיי מיט א מעסער אראָפצושארען, נאָר עס

---

(א*) שכל מוקצה אינו אסור בהנאה להשתמש בו בלא טלטול. (ב) טלטל כלאחר יד הוא ובלבד שלא יגע בו בידו. (ג*) טלטל כלאחר יד היא. (ד*) דאין מצוי ב"ב היזק.

מוקצה, אבגעזונדערט

איז מותר ער זאָל דאָס טישטוך אראָפּשאָקלען און די שאָהלען זאָלען אראָפּפּאַלען. אויב עס ליגט ברויט אויך אויפ'ן טישטוך מעג ער דאָס טישטוך אראָפּנעהמען פון טיש און אָפּשאָקלען.

יח. עס איז מותר מטלטל צו זיין נבילות וטריפות אויב זיי זיינען צוגעגרייט זיי צו געבען פיר די הינט צום עסען. עס איז מותר מטלטל צו זיין די קעהרליך פון פלוימען ווען אפילו זיין מיינונג איז ניט ארויסצונעהמען די מאַנדלען פון די קעהרליך. עס איז מותר מטלטל צו זיין קעהרליך פון עפּעל און בארען.

יט. עס איז מותר מטלטל צו זיין רויע פלייש אום שבת ווען אפילו עס איז נאָך גאָרניט געוועזן געזאַלצען, אפילו רויע אָקסען־פלייש איז אויך מותר מטלטל צו זיין. עס איז מותר מטלטל צו זיין פאַרשטונקען פלייש וועלכעס דער הונט קען עס נאָך עסען.

כ. עס איז אסור מטלטל צו זיין קאַלטע פעטס פון א בהמה. עס איז אסור מטלטל צו זיין ניט קיין געזאַלצענע הערינג (ה*).

כא. עס איז מותר מטלטל צו זיין א טויטען עכבר אויב ער ליגט אויף אזא פּלאַץ וואו ער זעהט איהם און ער מיאוס'ט זיך צו קוקען אויף איהם.

כב. עס איז אסור צו נוצען פון דעם זאַמד וואָס איז פאַרשפּרייט אויף דער ערד פון שטוב (ו*). עס איז אסור צו נוצען דעם בעזים וואָס מען קערט מיט איהם אין דער וואָכען די שטוב (ז*), אויב ער ברויכט דעם פּלאַץ פון דעם בעזים אָדער ער וויל טהון מיט דעם בעזים אזעלכעס וואָס מען מעג טהון אום שבת איז מותר איהם מטלטל צו זיין.

כג. עס איז אסור מטלטל צו זיין א קאַם אָדער א באַרשט (ח*).

כד. אויב א קינד האָט געלט אין זיין האַנט איז אסור דאָס קינד צו טראָגען, אויך איז אסור אפילו בלויז ביי דער האַנט דאָס קינד צו צוהאַלטען, אפילו ווען דאָס קינד געהט אליין, ווען אפילו עס איז מעגליך אז דאָס קינד זאָל קראַנק ווערען אויב ער וועט איהם ביי דער האַנט ניט פיהרען, דאָך איז אסור (ט*).

כה. ווען ער לייגט ערב שבת א שטיין אָדער געלט אויף אזעלכע זאכען וואָס איז מותר מטלטל צו זיין מיט דער מיינונג אז דאָס געלט אָדער דער שטיין זאָל בלייבען ליגען אין דער צייט פון אָנפאַנג שבת אויף דער זאַך וואָס איז מותר מטלטל צו זיין אום שבת, ווערען די זאכען וואָס

---

(ה*) משום דלא קאי לכלבים. (ו*) בטל לגבי קרקעות הבית. (ז*) כלי שמלאכתו לאסור הוא אבל מותר לצורך גופו ומקומו. (ח*) כלי שמלאכתו לאסור. (ט*) גזירא שמא יפול הדינר מידו וישכח אביו ויגבהנו ונמצא מטלטל מוקצה טלטול גמור.

זיינען מותר מטלטל צו זיין אויך אסור (י*). עס איז אסור צו בויגען די זאכען כדי דאָס געלד אָדער דער שטיין זאָל אראָפּפאַלען, ווען אפילו מען האָט שוין דאָס געלט אָדער דעם שטיין אראָפּגענומען איז אויך אסור מטלטל צו זיין אום שבת די זאַך וואָס די מוקצה איז דערויף געלעגען. אויב אַ פרעמדער מענש לייגט אַ דבר מוקצה אויף אַ זאַך וואָס מען מעג מטלטל זיין קען ער די זאַך ניט אסר'ן (יא*), אָדער ווען אַ פרעמדער האָט אונ־טערגעשטעלט אַ כלי אונטער אַ ליכט כדי דאָס ליכט זאָל אריינפאַלען אין די כלי עס זאָל ניט ווערען קיין שריפה און דאָס ליכט איז אריינגע־פאַלען אין די כלי און איז געלעגען אין די כלי פון אָנפאַנג שבת, ווען אפילו מען האָט שוין דאָס ליכט פון די כלי ארויסגענומען, דאַך איז אסור די כלי מטלטל צו זיין (יב*).

כו. אַלע סאָרטען עסענוואַרג וואָס זיינען פעהיג צו עסען, אפילו זיי זיינען צוגעגרייט צום האַנדעל, אָדער אַזעלכע פרוכט וואָס איז צוגעגרייט מען זאָל עס פיהר'ען אויף אַנאַנדער אָרט צו פאַרקויפען, איז מותר צו עסען שבת (יג*).

כז. עס איז מותר מטלטל צו זיין די אייער וואָס ער האָט זיי ערב שבת ארונטער געלייגט אונטער די הוהן אויסצובריהען הינדעלאַך (יד*). עס איז אסור ארונטערצולייגען אַ כלי אונטער די מוקצה כדי די מוקצה זאָל אריינפאַלען (טו*).

כח. עס איז מותר צו באַדעקען אַן איי וואָס איז געבוירען אום שבת מיט אַ כלי. עס איז אסור אָנצוריהרען אַן איי וואָס איז געבוירען אום שבת (טז*). עס איז אסור מטלטל צו זיין אַ בייטעל פון געלט ווען אפילו מען האָט דאָס געלט ארויסגענומען בעפאָר שבת.

כט. עס איז אסור אָנצוטהון אַ מלבוש וואָס עס ליגט געלט אין די טאַשען (יז*). עס איז מותר אָנצוטהון דעם מלבוש ווען דאָס געלט האָט מען שוין ארויסגענומען.

ל. עס איז אסור מטלטל צו זיין דאָס אַש פון אַ זאַך וואָס איז פאַר־ברענט געוואָרען שבת, ווען אפילו דאָס אַש איז שוין קאַלט (יח*).

לא. עס איז אסור צו הויבען אַ מת אום שבת.

---

(י*) שכיון שנעשה בסיס לאיסור נעשה איסור כמוהן. (יא*) דאין יכול לאסור דבר של חבירו שלא מדעתו. (יב*) דמן הסתם ניחא ליה בזה. (יג*) דדעתו עליהם לאכלו מהם כשירצה. (יד*) דאע"ג דדחינהו בידים מלהשתמש בהם מ"מ כיון דחזי לאכול לא הוי מוקצה. (טו*) מפני שאסור הכלי בטלטל ונמצא מבטל כלי מהוכנו והוי כסותר הכלי. (טז*) אע"ג דמותר ליגע במוקצה בביצה חיישינן שלא ינענע אותה. (יז*) דחיישינן שמא יוצא בו. (יח*) משום נולד דמעיקרא עצים או ד"א והשתא אפר.

מוקצה, אָבגעזונדערט

לב. עס איז אסור מטלטל צו זיין געלט דורך א כלי אָדער דורך א מלבוש אָדער דאָס געלט צו שטופּען מיט א כלי.

לג. עס איז אסור מטלטל צו זיין די פרוכט וואָס איז פון בוים שבת אראָפּגעפאלען אָדער וואָס דער גוי האָט אראָפּגעריסען שבת פון בוים.

לד. עס איז אסור מטלטל צו זיין פעדערען וואָס זיינען ניט געפליקט.

לה. ווען מען גיט עופות אָדער אנדערע בעלי חי צו עסען זאָל ער שטעהן פון דער ווייטענס אָבער ניט צוגעהן צו נאָהענט צו זיי (יט*).

לו. עס איז מותר צו טרינקען אָדער זיך צו וואשען מיט דעם וואסער וואָס האָט גערעגענט אום שבת (כ*). עס איז מותר מטלטל צו זיין דעם אתרוג (כא*).

לז. עס איז מותר צו טראָגען דעם טיש אויף אנאנדער אָרט אויב ער דארף דעם אָרט וואו דער טיש שטעהט, ווען אפילו די ליכט שטעהען אויף דעם טיש און ברענגען נאָך. עס איז מותר צו טראָגען דעם שטענדער פון שוהל אויף אנאנדער אָרט אויב ער ברויכט דעם אָרט פון שטענדער, ווען אפילו די ליכט ברענגען נאָך אויפ'ן שטענדער.

לח. די אלע שריפטען אָדער דרוקזאכען וואָס איז אסור צו לייענען אום שבת זיינען אסור בטלטול. דער איסור מוקצה איז שייך אום יום טוב. עס זיינען דאָ פוסקים וואָס זאָגען דאָס יום טוב האָט אייניגע מוקצות מעהר לאיסור ווי שבת. ש"ע תצ"ה ס"ד.

לט. ווען אפילו אויף דעם אָרט וואָס מען מעג שבת טראָגען זאָל מען ניט ברענגען אום שבת דעם וויין פיר הבדלה. אויב תשעה באב אָדער פורים געפאלט מוצאי שבת זאָל ער שבת ניט מיטנעהמען די קינה אָדער די מגילה אין שוהל אריין צו צוגרייטען פיר מוצאי שבת. אויב ערב פסח געפאלט אום שבת איז אסור מטלטל צו זיין די מצות וואָס ער וויל נעהמען צום סדר לשם מצות מצוה (כב*).

---

(יט*) שמא יקח מהם. (כ*) דמיא בעבים מינד נוידי ולא הוי מוקצה. (כא*) דראוי להריח בו כן דעת הפוסקים, אבל ראוי להחמיר במדינותינו דאתרוגים מובאים ממרחקים קודם שנגמר בישולם אינם ראוים כלל לאכילה רק ע"י טיגין בדבש או בצוקער, ועקרם אינו רק למצוה ולא לאכילה וא"כ יש להם דין לולב, הגה"ת על ספר מנחת שבת. (כב*) דכיון דאסורין באכילה מדרבנן ביום זה הוי מוקצה אבל שאר מצות שיכול ליתנן לעופות או לעכו"ם או לתינוקות מותר לטלטל, מה שאין כן מצות מצוה שבוודאי אין רוצה ליתנן להם.

## מצות ד' ברה מאירת עינים.

השמטה, שייך לסוף מלאכת הוצאה.

בסדר נצבים זקניכם ושטריכם פי' רש"י ז"ל החשוב חשוב קודם, שמעתי להקשות מה חשיבות יש בחוטב עצים יותר משאב מים, ובסדר בא מבכור פרעה עד בכור השפחה פי' רש"י ז"ל כל הפחותים מבכור פרעה וחשובים מבכור השפחה וכו' נמצא למדין שהפירוש מחטב עציך עד שאב מימך היינו שכל מלאכות הם פחותים מחוטב עצים וחשובים משאב מים, מה נשתנה חוטב עץ להיות יושב בראש, וכל בעלי מלאכות שניים לו ושאב מים דווקא בסוף, אבל נלע"ד שמשה רבינו ע"ה רועה נאמן לצאן של הקב"ה נתן עצה לכל ישראל לבחור לו מלאכה שלא יבוא ח"ו לחילול שבת על ידה וחוטב עץ אם לא יחתך העץ לחתיכות קטנות, וגם לא ידקדק על המידה לא יהי' מחלל שבת דאורייתא בשום פנים לא טוחן ולא מחתך כמבואר במג"א בשם המרדכי סימן שי"ד ס"ק י"ד וזה חשובתו, ועיין ברמב"ם אבות פרק ד' משנה ה' שזה מלאכת הלל הזקן. ושאר מלאכות מל"ט יכול לבוא לחילול שבת דאורייתא ואם חלל על כל פנים רווח אגרא ופגרא (כדרב בבא מציעא דף ס"ט ע"ב) ושאוב מים גרע מכל כי סתם בור מים עמוק עשרה טפחים ורחב ד' וזה רשות היחיד, ואם הבור עומד ברשות הרבים אם חלל שבת נגמר החיוב של הוצאה מרשות היחיד לרשות הרבים בשפת הבור קודם שנגמר כוונת מלאכתו ואפשר שבעל הבית ישפוך לו הקיתון של מים על פניו כלומר אי אפשי בשמושך ורווח פגרא בלא אגרא כדרב כהנא ורב אסי.

---

יען שאור החיים הקדוש בסדר קדושים פסוק ג' מביא ששמע וראה כתוב מעשה זו, ולשונו הזה דרשו מעל ספר, ע"כ משום חיבת הקודש אדפים אגרת הזאת לחלקה ביעקב ולהפיצה בישראל.

בשנת ארבעת אלפים ותשע מאות וי"ט שנה בחצי הלילה בליל שבת בי"ד לח' טבת ואני אברהם הספרדי הנקרא בן עזרא הייתי בעיר אחת מערי האי הנקרא קצה הארנון שהוא בגבול ז' מגבולות הארץ הנושבת, ואני הייתי ישן ושנתי ערבה עלי ואראה בחלומי והנה אחד עומד לנגדי כמראה גבר ובידו אגרת חתומה, ויען ויאמר אלי קח נא זאת האגרת ששלחה אליך השבת ואקוד ואשתחוה לה' ואברך את ה' אשר כבדני זה הכבוד ואתפשנה בשתי ידי וידי נטפו מור ואקראנה ותהי בראשיתה בפי כדבש למתוק, אך בקראי הטורים האחרונים חם לבי בקרבי וכמעט יצאה נפשי ואשאל העומד לנגדי מה פשעי מה חטאתי כי מיום אשר ידעתי את ה' הנכבד אשר בראני ולמדתי מצותיו לעולם אהבתי את השבת ובטרם בואה הייתי יוצא לקראתה בכל לבי גם בצאתה הייתי משלח אותה בשמחה ובשירים ומי בכל עבדי ה' כמוני בארץ ומדוע שלחה אלי זאת האגרת וזאת היא:

אני שבת עטרת דת יקרים, רביעית בעשרת הדברים, בין ה' ובניו אני אות, ברית עולם לכל דורות ודורים, ובי כל מעשיו כלה אלהים, וכן כתוב בראשית הספרים, ולא ירד ביום שבת אזי מן למען אהיה מופת להורים,

אני עונג לחיים על האדמה, ומרגוע לעם שוכני קברים, אני חדוות זכרים וגם נקבות, וששים בי זקנים עם נערים, ולא יתאבלו בי אבלים, ובי לא יספדו על מות ישרים, והשקט ימצא עבד ואמה והגרים, אשר הם בשערים, ונוחין כל בהמות הם ביד איש כסוסים וחמורים ושוורים, וכל המשכיל ביינו הוא מקדש וגם מבדיל חשובי כנזורים, בכל יום ימצאו שערי תבונה וביומי יפתחו מאה שערים, מכובד מעשות דרך וכן מן מצוא חפץ ודבר כל דברים, שמרתיך בכל ימים למען שמרתני מאד מימי נעורים, ובזקנותך שגגה נמצאה בך אשר הובאו אליך הספרים, ושם כתוב לחלל ליל שביעי, ואיך תחשה ולא תדור נדרים, לחבר אגרת דרך האמונה ותשלחם אל כל העברים, ויען ויאמר אלי ציר השבת הוגד הוגד לה אשר הביאו תלמידיך אתמול אל ביתך ספרים פירושי התורה ושם כתוב לחלל את השבת, ואתה תאזור מתניך בעבור כבוד השבת להלחם במלחמת מלחמת התורה עם אויבי השבת ולא תשא פני איש, ואקוץ ותתפעם רוחי עלי ונפשי נבהלה מאד, ואקום וחמתי בערה בי, ואלבש בגדי וארחץ ידי ואוציא הספר חוצה אל אור הלבנה, והנה שם כתוב פירוש הפסוק ויהי ערב ויהי בקר יום אחד, והוא אומר כי כאשר היה בקר יום שני אז עלה יום אחד שלם, כי הלילה הולך אחר היום, וכמעט קט קרעתי בגדי בראותי זה הפירוש הרע וגם קרעתי זה הפירוש, כי אמרתי טוב לחלל שבת אחת ולא יחללו ישראל שבתות הרבה אם יראו זה הפירוש הרע, גם נהיה כולנו לעג וקלס בעיני העכו"ם, ואתאפק בעבור כבוד השבת ואדור נדר אם אתן שינה לעיני אחר צאת יום הקדוש עד שאכתוב אגרת ארוכה לבאר מתי ראשית יום התורה להרים מכשול ולהסיר פח המוקש, כי כל ישראל הפרושים גם הצדוקים עמהם יודעים כי לא נכתבו בפרשת בראשית מעשי השי"ת בכל יום רק בעבור שידעו שומרי התורה איך ישמרו השבת שישבתו כאשר שבת השם הנכבד לסיפור ימי השבת, והנה אם היה סוף יום הששי בוקר יום שביעי היה לנו לשמור הלילה הבא, הנה זה הפירוש מתעתע כל ישראל במזרח ובמערב, גם הקרובים גם הרחוקים, גם חיים גם מתים, והמאמין בפירוש הזה השם יתברך ינקום נקמת השבת ממנו, והקורא אותו בקול גדול תדבק לשונו אל חכו, גם הסופר הכותב אותו בפירושי התורה ידו יבש תיבש ועין ימינו כהה תכהה, ולכל בני ישראל יהיה אור, עכ"ל.